STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00541

EMIL UN KARL

Jacob Glatstein

Permanent preservation of this book was made possible by
James Zalman Saunders
in honor of
the Gantza Mishpokha

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל און קארל

יעקב גלאטשטיין

עמיל און קאַרל

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי
ניו יאָרק, 1940

Copyright, 1940
by
FARLAG M. S. SKLARSKY
New York, N. Y.

מיינע קינדער

ש א ו ל

נ ע מ י

ג ב ר י א ל

געווידמעט

קאַפּיטל איינס

קאַרל איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל אַ פֿאַרגליווערטער. אין הויז איז געווען טויט־שטיל. ער האָט געקוקט אויף די צעבראָכענע שטיקלעך פֿון דער וואַזע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל. עטלעכע מאָל האָט ער אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און געוואָלט אויפֿהייבן דעם אומגעוואָרפֿענעם שטול, וואָס איז געלעגן לעבן אים. דער שטול האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש וואָס איז געפֿאַלן אויפֿן פּנים און קאָן זיך נישט אויפֿהייבן. אָבער יעדעס מאָל, ווען זיין האַנט האָט דערגרייכט דעם שטול, האָט ער אים בלויז אַביסל אונטערגעהויבן און געלאָזט צוריק פֿאַלן.

אין קיך און אין שלאָפֿצימער איז געווען נאָך שטילער. פֿון דאָרט האָט געטראָגן אַזאַ שטילקייט, אַז ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין.

דאָס וואָס ער איז געווען איינער אַליין אין הויז האָט אים נישט געאַרט. נישט איינמאָל האָט מען אים איבערגעלאָזט אַליין און ער האָט זיך אפֿילו געלייגט שלאָפֿן אָן מורא. ער האָט זיך נישט געשראָקן נישט פֿאַר קיין גייסטער און נישט פֿאַר טיי־וואָלים. פֿאַרקערט, ער האָט גאָר ליב געהאַט צו קוקן מיט אָפֿענע אויגן אויף דער פֿינצטערניש און פֿאַרטראַכטן מעשה׳לעך אין גראַמען.

אָבער אַז ער איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפֿן אין דער פֿינצטער, האָט ער געוואוסט, אַז פֿון דער פֿינצטערניש וועט אַרויס־שווימען די מאַמע און זי וועט ברענגען די ליכטיקייט פֿון מאָרגן. קאַרל האָט געקאָנט אַוועקפּאַפֿן, אַז ער זאָל נישט וויסן, וואו רי נאַכט איז אים אהינגעקומען. אַוועקגעלייגט זיך מיט אָפֿענע

אויגן אין דער פינצטער, געפלאָנטערט אַ מעשה׳לע אין גראַמען און פּלוצים דערזען די אייגענע אָפענע אויגן אין דער ליכט. אַזוי האָט זיך אים נישט איינמאָל געדוכט, אַז ער קוקט דורך דער פינצטער און זעט זיינע אייגענע אויגן אין דער ליכט.

די ליכט איז געווען דער מאַמעס און די אויגן זענען אַלע מאָל געווען אירע.

— קאַרל, פּויליאַק, ווי לאַנג וועסטו שלאָפן? הייב זיך אויף. שוין גרויסער טאָג, וועסט פאַרשפּעטיקן אין שול.

— מאַמע, — האָט ער זיך געפּיעסטשעט, — נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ קליין ביסעלע.

— ניין, — האָט די מאַמע געזאָגט שטרענג און אַנטשלאָסן, נאָר אירע לאַכנדיקע אויגן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט זיין בייז. זי האָט זיך גלייך גענומען צו דער קאָלדרע און אים אויפגעדעקט די פיס.

עס איז געווען אי גוט און אי שלעכט, ווען די וואַרעמע פיס האָבן אָנגעצויגן די קילע לופט.

— מאַמע, — האָט ער זיך אַלץ געפּיעסטשעט, און געהויבן די באָרוועסע פיס, זוכנדיק די שוץ פון דער וואַרעמער קאָלדרע.

— גיב מיר אַ קוש, אָן אַ קוש הייב איך זיך נישט אויף.

— דו קוש-בעטלער, שוין צייט פאַר אַזאַ גרויסן זון אויפצוהערן בעטלען אַ קוש, — האָט די מאַמע אים גע׳מוסר׳ט מיט דער זעלבער לאַכנדיקער שטרענגקייט און אים געקיצלט די פּיאַטעס.

— אַ קוש! אַ קוש! — האָט ער זיך איינגעע׳עקשנ׳ט, ביז ער האָט דערפילט דער מאַמעס קילע אָרעמס און וואַרעם מויל.

קאַרל האָט נישט מורא געהאַט צו זיצן איינער אַליין, אָבער איצט האָט ער זיך געשראָקן אויפצוהייבן פון אָרט. עס איז אים געוואָרן קאַלט, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער ענגער קיך און קליינעם שלאָפצימער. דאָרט איז איצט אַזוי

שטיל, אַ סך, אַ סך שטילער, ווי דאָ־אָ מיט דעם אומגעוואָרפענעם בענקל.

ווייל דאָס אומגעוואָרפענע בענקל האָט מען דאָך ערשט־אָ אומגעוואָרפן און די וואָזע איז נאָר וואָס צעבראָכן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך.

אין דעם צימער האָט זיך ערשט געטומלט. דריי געזונטע מענער האָבן די מאַמען אַוועקגעריסן פון אים. אירע געשרייען האָט מען געקאָנט הערן אינדרויסן, אָבער קיינער איז נישט געקומען העלפן. איינער פון די דריי האָט גענישטערט, געזוכט, פאַרנומען עטלעכע ביכער, זשורנאַלן, און די אַנדערע צוויי האָבן די מאַמען געהאַלטן פעסט.

די מאַמע האָט זיך געראַנגלט מיט זיי, געשפּיגן זיי אין פּנים אַריין און געהאַלטן אין איין שרייען: „מערדער״! אירע גאָלדענע האָר זענען געווען צעפּאַטלט און איר געפאַלן אין פּנים אַריין. די האָר האָבן איר פאַרשטעלט איין אויג, אָבער דאָס אַנדערע אויג איז געווען נאָך שטאַרקער פון ביידע שטאַרקע מענער. איר גאַנצע גבורה און ראַנגלעניש איז געקומען פון דעם איינעם אויג, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל פייערדיקן כעס.

דער וואָס האָט געהאַלטן די געפונענע ביכלעך האָט אפילו קיין ריר נישט געטאָן מיט אַ ברעם. נאָר ווען ער, קאַרל, האָט זיך איינגעגעבן אין איין מאָנס האַנט, אַז יענער האָט אַזש אויס־געשריגן פון ווייטאָג, האָט אים דער מאַן, וואָס האָט פאַרנומען די ביכלעך, אַזאַ שטאַרקן בריקע געטאָן אין בויך, אַז קאַרל האָט זיך איבערגעקוליעט און אומגעוואָרפן דאָס בענקל. עס האָט אים געגומען בליצן פאַר די אויגן, ער האָט זיך געדרייט אין דרייען, אָבער ער האָט געהערט, ווי די מאַמע האָט נאָך העכער געשריגן און דאָס האָט אים געשטאַרקט, ווייל אים האָט זיך גאָר געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן פון דעם שטאַרקן ווייטאָג, וואָס ער האָט געפילט.

— מערדער! אים שלאָגט איר אויך? איר וועט מיך צולאָזן צום קינד! איר וועט מיך לאָזן מיט אים זיך געזעגענען?!

מיט די לעצטע כוחות האָט זי באַפרייט איר לינקע האַנט, וואָס איז געווען איינגעדרייט אין אַ רויטער פויסט. זי האָט שנעל, ווי אַ קאַץ, מיט דער איינציקער האַנט, אויסגעקרעלט אַ שטיק פנים ביים מאַן, וואָס האָט צוריק געוואָלט אַריינקריגן איר האַנט אין זיין פויסט.

אַ דין רינשטאָקל בלוט האָט זיך באַוויזן אויף דעם צעדראַפּעטן פנים. דאָס רינשטאָקל איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן דאָס גאַנצע פנים. יענער האָט זיך גענומען ווישן מיט אַ טיכל און די מאַמע איז שוין געווען אויפן דיל, וואו קאַרל איז נאָך אַלץ געלעגן און זיך געקאַרטשעט פון ווייטאָג. זי האָט אים געקושט שנעל, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער, ביז מען וועט זי אָפּרייסן פון אים.

פאַר מאָרגן, פאַר איבערמאָרגן, פאַר נאָך איבערמאָרגן, קאַרל! קאַרל! מען נעמט מיך פון דיר מיט גוואַלט, ווער ווייסט, ווען מיר וועלן זיך זען!

אויף די ליפּן האָט ער געפילט געזאַלצענע טראָפּנס, וואָס האָבן זיך געגאָסן, ווי אַ שטראָם אין אַ שטאַרקן רעגן.

די צוויי מענער האָבן מיט נאָך אַ שרעקלעכערן כעס זי אַ פּאַק געטאָן און זי גענומען שלעפּן צו דער טיר. בעת זיי האָבן זי געזוכט ביי״צוקומען איז די וואַזע אַרונטערגעפאַלן פון קאָמאָד און צעשפּריצט געוואָרן איבערן גאַנצן הויז. אַ שטיקל האָט אפילו קאַרל׳ן געטראָפן אין פנים.

די צוויי מענער האָבן געהאַלטן די הענט אויף איר מויל, אָבער ער האָט קלאָר געהערט, ווי זי שרייט מיט איר צוגעדישעט קול:

קאַרל! קאַרל!

דער דריטער, מיט דעם פּעקל ביכער און זשורנאַלן, האָט אים דערלאַנגט אַ בריק אין די פּיס און אים געזאָגט:

— דו, ממזר, וואַרט ביז מען וועט קומען נאָך דיר.

קאַרל האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז דאָס וואָס עס איז אַזוי שטיל אין קיך און אין שלאָפצימער איז טאַקע דאָס שרעקלעכסטע, וואָס עס האָט היינט געטראָפן. אַז ער זאָל דאָ פאַרבלייבן איין טאָג און נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, וועט אַלץ זיין שטיל אין הויז, ווייל די טייערע מאַמע, די שיינע, הויכע מאַמע איז שוין מער נישטאָ.

דערפאַר האָט ער געגעבן אַ הייב דאָס אומגעוואָרפענע בענקל, עס ווידער אַרונטערגעלאָזט און געלאָזט ליגן, ווייל דאָס אומגעוואָרפענע בענקל האָט נאָך געטומלט מיט דער מאַמען און די שטיקלעך פון דער וואַזע האָבן נאָך עדות געזאָגט, אַז זי איז ערשט געווען מיט אים און אים פאַרנעצט דאָס פּנים מיט געזאַלצענע טרערן.

קאַרל!

ער האָט קלאָר געהערט, אַז מען רופט אים און סע איז אים קאַלט געוואָרן פון שרעק. אימיצער איז איצט דאָ מיט אים אין הויז, אָבער ער האָט מורא אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

קאַרל — ביסט הונגעריק?

ער האָט דערקענט דער שכנ'טעס שטים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען דאָס אַלטע פּנים פון פרוי גוטנגלאָס. אירע אויגן זענען געווען רויט, זי האָט אויסגעזען דערשראָקן. בעת זי האָט געוואַרט אויף זיין ענטפער האָט זי אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן אויף דער טיר וואָס זי האָט געלאָזט אָפן.

— ניין! — האָט ער געענטפערט זייער שטיל, ווייל ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שכנ'טעס שרעק.

— קום צו אונדז אין הויז אַריין!

— ניין! — האָט ער ווידער אַרויסגעשעפּטשעט און געגלעט דאָס אומגעוואָרפענע בענקל.

— די מאַמע וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען? — האָט ער פּלוצים גאַנץ הויך אַ פרעג געטאָן ביי דער פרוי גוטנ־גלאַס.

דווקא אַזוי האָט ער זי געוואָלט פרעגן און נישט, ווען וועט זי צוריקקומען. ער האָט געוואָלט הערן דעם ענטפער.

פרוי גוטנגלאַס האָט זיך שטיל צעוויינט און זי איז גלייך אַרויס פון הויז צומאַכנדיק די טיר.

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער מאַן, וואָס האָט געהאַלטען די פאַרכאַפּטע ביכער, האָט אים שטרענג באַפוילן:

— דו, ממזר, וואַרט ביז וואַנען מען וועט קומען נאָך דיר!

ער האָט זיך גיך אַ רים געטאָן פון בענקל.

מען מוז שוין אַנטלויפן פון דאַנען.

— אָבער וואוהין אַנטלויפן? — האָט ער איבערגעפרעגט זיך אַליין.

אַנטלויפן! האָט ער אַ טופּ געטאָן מיט אַ פיסל אויף זיך, ווי אַלעמאָל, ווען ער איז געוואָרן אין כעס, אָדער, ווען ער פלעגט עפּעס וועלן אויספירן ביי דער מאַמען.

— קאַרל! נאַר נישט טופּן מיט די פיס. דאָס איז שרעקלעך!

— אַנטלויפן! — האָט ער איצט דווקא געטופּעט מיט דעם פוס און אַריינגעלאָפן אין קיך.

אין קיך איז טאַקע געווען אַזוי שרעקלעך שטיל, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, און אין קליינעם שלאָפצימערל איז גאָר געווען מורא׳דיק שטיל.

ער האָט אויפגעעפנט די קליידער־שאַפע און דערפילט דעם באַקאַנטן אַראָמאַט פון דער מאַמעס קליידער. אָט הענגט דער מאַנטל מיט דעם פוטערנעם קאָלנער, וואָס קיצלט דאָס פנים, ווען זי קומט פון דער אַרבעט. זי בייגט זיך אַרונטער צו

אים און גיט אַ קוק אויב ער האָט זיך עפּעס גוט פאַרשמוציקט אין די שפּילערייען מיט די חברים אין גאַס. אָט הענגט דער געלער הוט, וואָס קוקט אויס, ווי אַ גרויסע צעוואַקסענע בלום. דער הוט איז אַרויפגעבויגן ביי דער זייט און עס ווייזט אַ גוט שטיק פון דער מאַמעס קאָפּ. און אָט איז דער מאַמעס שלאָפראָק מיט דעם ליבן אַראָמאַט פון דעם בעז־פּאַרפום, אַקוראַט, ווי בליענדיקער בעז, נאָר נאָך וואַרעמער.

ביים בעט שטייען רויטע שטעק־שיך און אַ פּאָר שוואַרצע שיכלעך, וואָס שטייען אָפּ פון דער ערד דורך די הויכע אָפּצאַסן.

דאָ איז גאַנץ אַנגענעם, האָט ער געטראַכט און אויפגעהויבן איין שטעק־שיכל. ער האָט עס צוריק אַוועקגעשטעלט און עס אויסגעגלייכט מיט דעם צווייטן, אַז זיי זאָלן ביידע שטייען גרייט. נישט איינמאָל האָט ער געזען, ווי די מאַמע לאָזט אַרונטער די באָרוועסע פיס פון בעט און זיי שווימען גלייך אַריין אין די שטעק־שיכלעך.

ער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז ער גריזשעט אַן עפּל. וואו איז דער עפּל געלעגן? אין קיך. ווען ער איז פאַרביי די קיך האָט ער דעם עפּל גענומען, אָבער אַקוראַט ווען געדענקט ער נישט. ער ווייסט נאָר, אַז ער גריזשעט און כראָמשקעט און פאַרשפּייט דאָס צימער מיט שטיקלעך שאָלעכץ.

— קאָרל, וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז מע טאָר דאָס נישט טאָן, דו קליין חזיר'ל. די מאַמע אַרבעט שווער אַ גאַנצן טאָג און איצט דאַרף זי דיר נאָכגיין און אויפקלייבן אויסגעשפּיגענע שאָלעכץ.

ער דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָג, וואָס איצט קאָן ער אַרומגיין און שפּייען וויפל זיין האַרץ גלוסט און קיינער וועט אויף אים נישט אָנשרייען.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און צום ערשטן מאָל זיך צעוויינט. ער האָט געוויינט שטיל און געקליבן די אָנגעוואָרפענע שאָלעכץ פון דיל. איין שטיקל, וואָס האָט געטראָפן גלייך אויפן נעזל

פון אַ שיכל, האָט ער אַרונטערגענומען. ער האָט אַ לייכטן שפּיי געטאָן אויף דעם שפּיץ שיכל און עס אַ גלאַנץ געטאָן מיט דעם אַרבל. די שטיקלעך עפּל-שאָלעכץ האָט ער פּאַרזיכטיק אַוועקגעוואָרפן אין אַ פּאַפּירענעם בייטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן קיך.

מע מוז שוין אַנטלויפן פונדאַנען.

אָבער וואוהין? צו עמילן. יאָ. צו עמילן איז די גלייכסטע זאַך.

כאָטש ער האָט געעפנט די טיר אָן גערודער האָט פרוי גוטנגלאַס גלייך דערהערט, און אויפגעעפנט איר טיר, אַרויסגעשטעקט דעם דערשראָקענעם קאָפּ און אַרויסגעשושקעט:

קאַרל! וואוהין? ביסט הונגעריק?

דער שכנ׳טעס אַלט און גוט פּנים האָט זיך ביי אים געבעטן, אָבער אים איז געווען אַ גרויסער שאָד, וואָס ער קאָן איר נישט אויסזאָגן דעם סוד אַז ער לויפט צו עמילן. קיינער טאָר נישט וויסן.

— ניין! פרוי גוטנגלאַס, איך בין נישט הונגעריק, — האָט ער פּאַרזיכטיק געענטפערט, אויסמיידנדיק צו געבן אַ קלאָרע תשובה וואוהין ער לויפט איצט.

אויף דעם אונטערשטן גאָרן האָבן זיך דערהערט טריט און פרוי גוטנגלאַס האָט פּאַרהאַקט די טיר.

קאַרל איז אַרונטערגעלאָפן די טרעפּ אין איין אָטעם.

קאַפּיטל צוויי

עס איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. דער הימל האָט געהאַלטן אין איין סטראַשען מיט רעגן. דער טאָג האָט געהאַט אין זיך די קאַלטע פייכטקייט פון סוף־הארבסט, ווי סע וואָלט ערשט געגאַנגען צו ווינטער, כאָטש עס איז שוין געווען גאָר נאָנט צו אָנהייב פרילינג.

קארל איז אַרויסגעלאָפן פון הויז אין אַ לייכט רעקל און די קעלט האָט אים דורכגענומען. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז ערשט אַלט געווען ניין יאָר, האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט ווי אַזוי אויפצופּאַסן אויף זיך. די מאַמע איז געגאַנגען אַרבעטן און ער איז געוואוינט געווען צו טאָן אַלץ ווי זי האָט אים אָנגעזאָגט. ער האָט אויסגעפאָלגט פּינקטליך, וואָס די מאַמע האָט אים געהייסן און זיך אַזוי ביסלעכווייס אַרויסגעגליטשט פון די שכנ׳טעס וואָס האָבן אויף אים געהאַלטן אַן אויג.

ער האָט איצט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער קאָן זיך נאָך פאַרקילן, אָבער צוריק אַרויפגיין און אָנטאָן דעם שווערן מאַנטל האָט ער פאָרט נישט געוואָלט. ער קאָן אָנקומען פּונקט דעמאָלט ווען מען וועט קומען נאָך אים, אפשר נאָך דערזעלבער מאָן, וואָס האָט אים געקאָפּעט אין בויך.

געוואוסט האָט ער, אַז ער דאַרף לויפן עטלעכע גאַסן, אַרויפשלעפן זיך אויפן פערטן גאָרן פון אַ טונקל הויז און ער וועט זיין ביי עמילן.

ער האָט שוין זיין פריינט נישט געזען אַ צוויי וואָכן. עמיל איז געווען זיינער אַ שול־חבר, אָבער ער האָט אויפגעהערט קומען אין שול. די ערשטע צוויי טעג, וואָס עמיל האָט זיך נישט געוויזן אין קלאַס, איז קארל אים געקומען געטריי באַזוכן, אָבער עמילס מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן אַז ער זאָל אויפהערן מאַכן וויזיטן אין הויז.

— דו טאָרסט נישט, קאַרל, דו פאַרשטייסט, סע איז פאַר־באָטן זיך צו שפּילן מיט עמילן. מיר האָבן בלויז צרות דערפון. דו ביסט דאָך אַ פאַרשטענדיקער, קאַרל, האָב רחמנות און קום נישט צו אונדז.

אַזוי האָט זיך עמילס מאַמע ביי אים געבעטן. קאַרל האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט זיין פריינט און ער האָט עס איבערגערעדט מיט זיין מאַמען.

זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קאָן טאָן ווי ער וויל. זי האָט אים דערקלערט, אַז ווין איז שוין נישט די אייגענע ווין פון אַמאָל, אָבער סע וועט לאַנג נישט געדויערן, ווייל סע קאָן נישט לאַנג געדויערן. עמיל איז אַ ייד און די יידן ליידן איצט נאָך מער פון אַלעמען. מע שלאָגט זיי, מע באַראַבעוועט זיי, מע לאָזט זיך נישט שפּילן מיט זייערע קינדער.

אָבער דו קאַרל, קאָנסט טאָן ווי דו ווילסט. איך קאָן דיר נישט באַפעלן נישט צו שפּילן מיט עמילן, פּונקט ווי איך וואָלט דיך נישט געקאָנט צווינגען יאָ זיך צו שפּילן מיט עמילן.

קאַרל האָט דערציילט דער מאַמען, אַז אין שול האָבן די קינדער זיך גערייצט מיט עמילן, אים דערלאַנגט קלעפּ, און אפילו געסטראַשעט אים אַליין אויך גוט אָנצו׳הרג׳ענען, אויב ער וועט נישט אויפהערן זיך צו חבר׳ען מיט עמילן.

— אָט אין דעם גייט עס, קאַרל, — האָט אים די מאַמע געזאָגט, — אין די קלעפּ וואָס דו דאַרפסט קריגן צוליב עמילן.

— עמיל איז מיין פריינט און איך וועל זיך מיט אים יאָ שפּילן, — האָט קאַרל געגעבן זיין געוויינטלעכן טופּ מיט די פיס, ווי אַלעמאָל, ווען ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן צו טאָן וואָס ער וויל.

— אַז דו האָסט שוין יאָ אַליין באַשלאָסן, וויל איך דיר זאָגן, אַז גראָד אַזוי וואָלט דיין טאַטע געהאַנדלט, — און די מאַמע האָט געהאַט פייכטע אויגן, — און איך, איך האַנדל אויך אַזוי.

אַלעמאָל, ווען קאַרל האָט דערהערט דערמאָנען דעם טאַטן, פלעגט אים באַפאַלן אַ שטייפקייט. דער טאַטע! דעם טאַטן האָט ער קוים געדענקט. שוין איבער פינף יאָר ווי ער איז טויט. ער האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר די אַרבעטער, אין דער בלוט-באָד וואָס דאַלפוס האָט געמאַכט.

„בלוט-באָד"... „דאַלפוס"... ער געדענקט נישט אַקוראַט, ווער סע האָט אים די ווערטער געזאָגט, אָבער אַזוי איז פאַרשריבן ביי אים אין מוח אויף צו געדענקען. דער טאַטע איז געשטאָרבן אַ העלד, דאָס ווייסט ער אויך. וואָס איז אַזוינס אַ העלד? דאָס האָט ער אַקוראַט געוואוסט פון דעם טאַטנס בילד, וואָס איז געהאָנגען אין שלאָפצימער. אַ הויכער, אַ דינער מיט אויסערגעוויינטלעך לאנגע הענט, שמייכלענדיקע אויגן און אַ נידעריק געשוירענעם קאָפּ האָר. ער האָט אויסגעזען אַזוי יונג, אַז וואָס מער קאַרל איז געוואַקסן, אַלץ מער האָט דער טאַטע גענומען אויסזען ווי זיינס אַן עלטערער ברודער.

אַלעמאָל, ווען מע האָט דערמאָנט דעם טאַטן, איז ער ווי פאַרפרוירן געוואָרן. אָבער די פאַרפרוירנקייט איז באַלד אָפּגעגאַנגען און סע האָט זיך צעגאָסן אין אים אַ וואַרעמקייט, אַ וואַרעמקייט וואָס מע האָט געוועלט פאַר אַ לעבעדיקן מענטש.

פאַר קאַרל'ן איז גענוג געווען צו הערן, אַז דער טאַטע וואָלט אויך אַזוי געהאַנדלט. דאָס האָט אים שוין אוודאי געטריבן צו עמילן. אָבער עמילס מוטער האָט אים דאָסמאָל גלייך נישט געלאָזט דורך דער טיר. זי האָט זיך ביי אים ווידער געבעטן, אַז ער זאָל נישט קומען, ווייל די שכנים מאַכן איר דעם טויט.

— בעסער נישט, קאַרל, מע דאַרף איבערוואַרטן, אפשר וועט ווערן בעסער.

עמיל אַליין איז אויך געשטאַנען ביי דער טיר און זיך געבעטן:

— מע שלאָגט מיך, אַז דו שפּילסט זיך מיט מיר, — האָט ער קאַרל'ן געגעבן צו פאַרשטיין.

— מע שלאָגט מיך נאָך שטאַרקער, ווען איך באַווייז זיך אין גאַס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ געוויין אין קול, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי קאַרל'ן אַז ער זאָל זיך נישט באַליידיקן.

— זיי נישט ברוגז, קאַרל, דיין מאַמע וועט פאַרשטיין, — האָט אים עמילס מאַמע געזאָגט.

קאַרל האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַם. ער איז שוין געווען גאַר נאָענט צום הויז, וואו עמיל וואוינט, אָבער אפשר וועט אים עמילס מאַמע איצט אויך נישט אַריינלאָזן? ער האָט גענומען גיין אַרום און אַרום עטלעכע גאַסן. דער געדאַנק, אַז עמילס מאַמע וועט אים ווידער נישט אַריינלאָזן, האָט אים שיער נישט אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ.

אָבער מע מוז דאָך אים איצט אַריינלאָזן. ער האָט דאָך שוין קיינעם נישט. ער איז דאָך שוין אויך אַ ייד. מע האָט אים געגעבן אַזאַ בריק אין בויך, אַז ער איז שיער נישט געשטאָרבן. מע האָט ביי אים אַוועקגערויבט די מאַמע. ער איז איינער אַליין אויף דער וועלט. פאַרוואָס זאָל אים עמיל איצט נישט וועלן אַריינלאָזן?

נאָר ער האָט פאָרט קיין מוט נישט געהאַט אַרויפצוגיין. די שרעק, אַז מע קאָן ווידער פאַרמאַכן די טיר און ער זאָל בלייבן שטיין אויף דער זייט, האָט אים פאַרגליווערט. דאָס האָט געשאַפן ביי אים אַ געפיל, אַז מע דאַרף אַ ביסל אָפּלייגן דאָס אַרויפגיין ביז ער וועט זיך אָננעמען מיט קוראַזש. ער איז נאָך אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז.

סע האָט אים איצט גאָר גוט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דעם טאַטנס בילד נישט מיטגענומען. נאָך מער, ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז אין איילעניש האָט ער אפילו נישט געכאַפּט אַ לעצטן קוק אויף דעם טאַטנס בילד. דאָס האָט אים אַ סך מער וויי געטאָן, ווי דער מאַנטל וואָס ער האָט נישט מיטגענומען. באַלד

וועט קומען איינער פון די מענער, וואָס האָט פון אים די מאַמע אוועקגעריסן, און ער וועט זיך דאָרט אַרומדרייען איינער אַליין אין הויז. ער וועט צונעמען אַלץ, אפילו דעם טאַטנס בילד.

אַ יינגל האָט געקייקלט אַ פעסל. פון וואַנען האָט ער דערטאַפּט דאָס צעבראָכענע פאַס? האָט זיך קארל פאַראינ־טערעסירט. דער בריוו־טרעגער, מיט די דיקע, גרויע וואָנסן, איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט, אַזוי פאַמעלעך, ווי ער וואָלט געגאַנגען צוריקוועגס. דערזעלבער בריוו־טרעגער וואָס איז צוויי מאָל אַ טאָג פאַרבייגעגאַנגען זיין הויז. אַ באַקאַנט יינגל איז דורכגעלאָפן מיט אַ „האָ, קארל!“, אַ מאַן איז געשטאַנען און געקלאַפּט אַ שטיק אייזן, — קארל׳ן איז נישט קלאָר געווען וואָס פאַר אַן אייזן דאָס איז — געקלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער מיט אַ ווילדער רציחה, ווי ער וואָלט בייז געווען אויף דעם אייזן וואָס צווינגט אים צו אַרבעטן.

דאָס יינגל איז צוריקגעלאָפן קייקלענדיק דאָס פעסל, וואָס האָט שוין איצט געהאַט מיט איין רייף ווייניקער און האָט שוין געהאַלטן ביי פּלאַצן.

ווין איז שוין נישט מער יענע ווין פון אַמאָל, — האָט ער זיך דערמאָנט ווי די מאַמע האָט אים געזאָגט. ער האָט געזוכט מיט די אויגן די ענדערונג. דער בריוו־טרעגער איז נאָך אַלץ געגאַנגען הינטערווייליגבין.

גראָד איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם גרויסן סוד, וואָס ער טראָגט אין האַרצן. סע איז אַ הייליקער סוד, אַזאַ סוד, וואָס ער האָט אפילו דער מאַמען נישט געטאָרט דערציילן, דאָס האָט אים זיין לערערקע באַשוואוירן און אָנפאַרטרויט דעם סוד. דאָס האָט זי אים געבעטן אַז ער זאָל קיינעם, קיינעם נישט אויסזאָגן.

סע איז געווען אין די ערשטע טעג פון דער שרעקלעכער איבערקערעניש, ווען די לערערקע האָט פּלוצים איבערגעקערט די צונג און אָנגעהויבן רעדן ווילד־פרעמדע רייד. די לערערקע

איז געוועזן אַן עלטערע פרוי, מיט אַ צערטלעך קול, אַ רואיקע, מיט געלאַסענע באַוועגונגען. זי איז קיינמאָל נישט געוואָרן אויפגערעגט, זי האָט אפילו געשמייכלט, ווען דער גאַנצער קלאַס פלעגט נעמען שטיפן.

אָבער דער עיקר'שט האָט זי געקענט שיין רעדן. קאַרל, וואָס האָט אַליין ליב געהאַט אויסצוטראַכטן מעשה'לעך, האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון אירע זינגעוודיקע רייד. אפילו ווען מען האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, זענען אירע רייד גלייך אַריין אין האַרץ און נישט פאַרשטאַנענערהייט האָבן זיי גע־וואַרעמט. קאַרל פלעגט ליב האָבן צוצוטראַכטן מעשה'לעך, צו וועלכע מען זאָל קאָנען צופּאַסן אירע ווערטער ווי מוזיק.

אָבער פלוצים איז די גוטע לערערקע איבערגעאַנדערשט געוואָרן. זי איז געוואָרן נערוועז, בייז, זי האָט געשריגן, סע איז איר געפאַלן פון די הענט, — זי, וואָס פלעגט טאָן זאַכן מיט אַזאַ ליבער רואיקייט און מיט אַ וואונדערלעכן סדר. זי האָט אויך אָנגעהויבן זינגען מיט דעם קלאַס אַנדערע לידער מיט אַ גרילצנדיק קול. זי איז נישט געוועזן צום דערקענען.

די קינדער האָבן זיך פאַרלייגט אויף עמילן. זיי פלעגן אים שוין אָפּוואַרטן, ווען ער איז געקומען אין שול, אָדער מיטאָגצייט. איידער עמיל האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער שוין געוועזן אינמיטן אַ ראָד. מע האָט געטאַנצט און אים געזונגען אין פּנים אַריין בייזע לידלעך. ווען דאָס ראָד איז געוואָרן היציקער האָט מען אים געשפּיגן אין פּנים אַריין און אים אפילו דערלאַנגט קלעפּ. מע האָט כלומרשט אַ ביסל געעפנט דאָס ראָד, אָבער אַזוי שנעל ווי עמיל האָט זיך געוואָלט ראַטעווען איז דאָס ראָד צוריק געשלאָסן געוואָרן. עמיל איז געשטאַנען אינמיטן ווי אַ דערשראָקן הינדל און געוויינט אויפן קול.

אָבער איינמאָל האָט עמיל נישט געוויינט. ער האָט נאָר געשריגן: שעמט זיך! שעמט זיך! אָבער די קינדער האָבן זיך נישט פאַרשעמט, זיי האָבן אים נאָך שטאַרקער

געשלאָגן און ער האָט זיי דאָסמאָל אָפּגעטאָן — ער האָט אַלץ נישט געוויינט, נאָר אויף יעדן קלאַפּ געענטפערט עקשנות'דיק: „שעמט זיך! שעמט זיך!"

קאַרל איז געווײנלעך געזעסן אָן אַ זייט און געטראַכט וועגן אַ ביקס, וואָס מען צילעוועט אויף דעם, און אויף יענעם. און אַז אַלע ליגן שוין טויט גיט ער די האַנט עמילן און פירט אים אַוועק. אָבער דאָסמאָל האָט קאַרל אַפילו זיך נישט געקאָנט שטילן מיט דער אויסגעטראַכטער ביקס, ער האָט דערפילט, אַז עס ווערט אים ענג אין האַלדז, און אין דער ענגשאַפט לויפט עפּעס אַרום אַזוינס, וואָס קאָן נישט אַרונטער און קאָן נישט אַרויף, נאָר עס ווערגט אים. קאַרל איז אויפגעשפּרונגען, דורכגעריסן דאָס ראָד און איז געבליבן שטיין לעבן עמילן.

— איר וועט נישט שלאָגן, איר וועט נישט וואָגן!

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר עמיל'ן און אים אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט זיינע ברייטע פּלייצעס. עמיל האָט נאָך אַלץ ווי אַ צעדולטער געשריגן טרוקן און מאַשינאַווע: „שעמט זיך! שעמט זיך!"

דאָס ראָד האָט זיך צוריק געשלאָסן און די יינגלעך האָבן געטאַנצט אַרוםביידע. זיי האָבן שוין טאַקע מער נישט געשלאָגן, נאָר זיי האָבן געזונגען דיזעלבע מיאוסע לידלעך.

גראָד איז די לערערקע פאַרבייגעגאַנגען דעם שול-הויף. זי איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך.

— מיין גאָט, — האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ ביים קאָפּ,— וואָס איז דאָס?

— לערערין, לערערין, מיר שלאָגן עמילן און קאַרל נעמט זיך אָן פאַר דעם יידישן אויסוואורף, — האָבן די קינדער פאַר'מסר'ט קאַרל'ן.

דאָס ראָד האָט זיך איצט געעפנט. אָבער קאַרל און עמיל זענען געבליבן שטיין אויף אָן אָרט.

— אָבער פאַרוואָס שלאָגט איר עמילן? — האָט די לערערקע שטיל געפרעגט.

— פאַרוואָס מיר שלאָגן? פאַרוואָס? אַלע שלאָגן איצט יידן. עמיל איז אַ ייד, אַ נידעריקע באַשעפעניש.

דאָס העכסטע יינגל פון קלאַס איז געווען אַ הינקענדיקער. ער איז געווען צעוואַקסענער פון אַלע קינדער און האָט געהאַט אַ בייז פנים. נישט איינמאָל האָבן אים די יינגלעך, אין אַ געשלעג, דווקא געבריקעט אין דעם קאַליע־פוס, אָבער איצט האָט ער געפירט די גרענדע און געוויזן אַז ער איז מיט אַלעמען גלייך.

— מיר שלאָגן עמילן, מיר לערנען זיך אויף אים, מיר ווילן קאָנען שלאָגן גרויסע יידן, ווען מיר וועלן אויסוואַקסן, — האָט ער געהונקען אויף זיין לאָמען פוס און געשפּרונגען דער לערערקע אין פנים, — און מיר וועלן דערציילן, לערערין, אַז דו נעמסט זיך אָן פאַר אַ געמיינעם ייד.

עטלעכע קינדער זענען שוין געהאַט אָפּגעשטאַנען פון דעם גאַנצן קרענצל — אפשר האָבן זיי שוין איצט אַ ביסל חרטה געהאַט — אָבער, ווען זיי האָבן דערהערט מיט וואָס פאַר אַ פעסטקייט דער הינקענדיקער סטראַשעט די לערערין, זענען זיי צוריקגעקומען און אויך געשריגן.

אַלע האָבן גענומען קוקן אויף עמילן, וועמען מע האָט איצט נישט אַרויסגעזען, ווייל קאַרל האָט אים אינגאַנצן פאַרשטעלט.

— איר וועט זיך אויסלערנען די מלאכה, ווען איר וועט אויפוואַקסן, אַזאַ אַרבעט דאַרפט איר זיך נישט לערנען, איר וועט עס קאָנען, — האָט די לערערין פּרובירט זאָגן מיט איר אַמאָליקער ווייכקייט, אָבער איר קול איז גלייך פאַרענדערט געוואָרן — איך נעם זיך נישט אָן פאַר עמילן. עמיל איז אַ נידעריקע באַשעפעניש.

— הוראַ! — האָבען אַלע קינדער אויסגעדונערט, — די לערערין האָט עס גוט געזאָגט.

עמיל איז אַ געמיינער ייד. אַרישע קינדער דאַרפֿן זיך נישט איינשמוצן די הענט מיט אַזעלכע, אַזעלכע אויסוואורפֿן, — האָט די לערערקע ווייטער געזאָגט.

— הוראַ פֿאַר אונדזער לערערקע, — האָבן אַלע געשריגן, און יעדער איינער איז פֿאַרבייגעלאָפֿן עמילן, אויסגעשפּיגן און אויסגערופֿן: „שמוציקער ייד! ייד! ייד!"

קאַרל איז אַלץ געשטאַנען לעבן עמילן און ווען די לערערין האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזען, אַז ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, האָט זי אים געזאָגט — „און דיך, קאַרל, וויל איך זען. איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי צו שטערן דאָס פֿאַרגעניגן פֿון ריינע, דייטשישע קינדער".

אַ ביסל שפּעטער איז ער געשטאַנען אין קלאַס, די לערערין איז געזעסן און געהאַלטן אַ ביינערדיקע האַנט אויף איר שטערן. די האַנט האָט פֿאַרשטעלט אירע אויגן.

— קאַרל, מיר זענען אַליין?

—יאָ, — האָט קאַרל אַרויסגעשטאַמלט.

— ביסטו זיכער, אַז קיינער איז נישטאָ אין קלאַס?

— זיכער, — האָט קאַרל זיך דערשראָקן, און גראָד דערפֿאַר ווייל ער האָט פּלוצים דערהערט, ווי זי הייבט אָן רעדן מיט איר אַמאָליקער צערטלעכקייט.

— **קאַרל, שווער מיר ביי גאָט, אַז דו וועסט קיינעם נישט דערציילן וואָס איך וועל מיט דיר רעדן.**

— קיינעם נישט, — האָט ער געמורמלט.

— אפֿילו נישט דיין מאַמען?

קאַרל האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע גרויסע בלויע אויגן און געקוקט אויף איר.

— יאָ, אפֿילו נישט דיין מאַמען. עס איז אַ הייליקער סוד צווישן אונדז ביידע.

קאַרל איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאַלץ, וואָס די לערערקע פֿאַרטרויט אים אַזאַ הייליקן סוד, און ער האָט צוגעזאָגט, אַז

ער וועט קיינעם נישט דערציילן, אפילו נישט דער מאמען.

— קארל, איך האב געמוזט רעדן צו דיר, ווייל איך קאן צו קיינעם נישט רעדן וועגן דעם. דיין טאטע איז געשטארבן א העלד. ער האט פארגאסן זיין בלוט פאר אונדז.

קארל איז געשטאנען שטייף, ווי ער וואלט מיט דעם גאנצן קערפער אפגעגעבן כבוד זיין פאטערס אנדענק.

— און דו וועסט אויפוואקסן און וועסט אמאל טראכטן פון מיר. איך וועל שוין דעמאלט לאנג זיין טויט, איך בין אלט, קארל.

— וואס וועסטו טראכטן פון מיר? — האט די לערערקע ווייטער גערעדט און ארונטערגענומען איר האנט פון די אויגן. זי האט געקוקט גלייך קארל'ן אין פנים אריין, ווי זי וואלט שוין געוואלט וויסן וואס ער וועט פון איר אמאל טראכטן.

— גאט, עס ווערט מיר קאלט, ווען איך טראכט דערפון. דו, וואס האסט מיט דיינע פלייצעס געשיצט דעם ארעמען עמיל, און איך וואס האב אים מיאוס באליידיקט.

קארל איז צוגעקומען נענטער צו דער לערערין, ווייל זי האט גענומען רעדן אזוי שטיל, אז ער האט קוים געקאנט הערן וואס זי זאגט.

— אבער איך בין שוין אלט און צעבראכן און האב נישט קיין כוח. איך האב נישט קיין כוח צו שטיין אנטקעגן אלעמען און קריגן אנגעשפיגן אין פנים, האב רחמנות אויף מיר, קארל, איך קאן נישט. דו וועסט מיך אמאל משפט'ן. אזוינע ווי דו וועלן מיך משפט'ן, האב רחמנות.

זי האט אנגענומען זיין האנט און ער האט געפילט אז איר קאלטע האנט ציטערט.

— מען הייסט מיר לערנען מיט זיי, ווי אזוי פיינט צו האבן און באשפייען דעם איינציקן קרבן, וואס מיר האבן דא. אבער צי האב איך דען זיי וואס צו לערנען, אט די קליינע, געמיינע יינגען? זיי לערנען דאך מיך, זיי האבן מיך שוין פארדארבן

ביזן ביין, זיי טראַכטן אוים די ווילדסטע זאַכן און איך דאַרף עס זיי נאָך לערנען ווי צו זיין שלעכט. גוטס דאַרף מען לערנען מיט קינדער, אָבער שלעכטס? דו זעסט דאָך אַליין, קאַרל.

דאָס לעצטע האָט שוין אינגאַנצן גערעדט די אַמאָליקע לערערקע. אירע ווערטער האָבן געהאַט די געוויינלעכע וואַרעמקייט, און זענען געווען ווי געזאַנג. אַזעלכע רייד, אפילו ווען מען פאַרשטייט זיי נישט, קאָן מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— איך האָב שוין געזען, אַז עמיל זאָל מער נישט דאַרפן קומען אין שול, מע זאָל אים מער נישט פייניקן, אפילו דאָס איז געווען אַ שווערקייט. איך האָב באַדאַרפט פאַלשעווען, זאָגן ליגן, ווייל זיי, די אַריער, דאַרפן האָבן אַ קרבן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אַרומגיין איבערן קלאַס. זי איז צוגעקומען נאָנט צו אים און אים כמעט ווי אַריינגעשעפטשעט אין אויער:

— און דו היט אָפּ דאָס טייערע האַרץ וואָס דו פאַרמאָגסט. אונדזער אומגליקלעך פאָטערלאַנד דאַרף עס נייטיק האָבן. אָט דאָס ביסל גוטסקייט איז אונדזער איינציקע האָפנונג, זיי גוט צו עמילן, באַשיץ אים, ווען דו קאָנסט. אפשר, אפשר וועלן מיר, גרויסע, אַמאָל זיך פאַרשעמען.

די לערערין האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. איר גאַנצער קערפּער האָט אויפגעציטערט. זי האָט פּלוצים גענומען שרייען:

— דו שווייַן, דו שווייַן, דו מוזט אָנהייבן צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דיר און די יידן.

אַ כאַפּטע קינדער האָבן זיך אַריינגעריסן אין קלאַס.

די לערערין האָט געשריגן אויף די העכסטע קולות.

— דו שווייַנעריש אינגל.

פאַר קאַרל'ן איז די ענדערונג געקומען אַ ביסל צו שנעל. ער האָט זיך דערשראָקן און גענומען צוריקטרעטן, אָבער ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אין דעם הייליקן סוד. סע האָט אים דורכגענומען אַ וואַרעמקייט און אין האַלדז איז אים ווידער ענג

געוואָרען. די אויגן זענען אים פאַרלאָפן. ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן — ער האָט געוויינט אויפן קול.

דער הינקענדיקער האָט געפירט דעם כאָר פון די קינדער.

— קאַרל שווייַן! קאַרל שווייַן! הורא פאַר אונדזער לע־רערין.

— — — — — — — — — —

קאַרל איז שוין צום זיבעטן מאָל געשטאַנען פאַר דעם הויז, וואו עמיל האָט געוואוינט. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט אַרונטערגערעגנט עטלעכע טראָפּנס, וואָס מע האָט ממש געקאָנט איבערציילן. סע איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. קאַרל האָט געכאַפּט אַ ציטער אין דעם לייכטן רעקל, און אין סאַמע מיטן בויך האָט ער דערפילט אַ הונגער וואָס האָט אים געשטאָכן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַריין אין הויז און געקלעטערט אויף די פינצטערע טרעפּ ווי אויף אַ לייטער.

ער האָט געגעבן דריי קורצע און דריי לאַנגע קלעפּ אויף דער טיר. דאָס איז געווען דער חבר'שער סיגנאַל צווישן אים און עמילן.

קאַפּיטל דריי

די טיר האָט זיך געעפנט און עמיל איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער איז געשטאַנען אַזוי מיט דער אָפענער טיר און נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. קאַרל האָט געזען זיין חבר'ס פאַרלעגנהייט און ער האָט נישט געוואָגט אַריבערצוגיין די שוועל. זיי זענען ביידע געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט.

עמיל איז געווען אַ סך באַוועגלעכער פון קאַרל'ן, אָבער איצט איז ער געשטאַנען ווי אַ געליימטער. געוויינלעך האָט ער געהאַט אַ טבע צו רעדן שנעל. ער האָט אַזוי שנעל געוואָלט

אַלץ אויסדערציילן, אַז ער האָט זיך אַזש אַ ביסל פאַרהאַקט מיט אַ שטאַמל. אַז ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, אַלץ אין אים האָט גערעדט, די אויגן, דער קאָפּ, די הענט און די פיס. נאָר דאַסמאָל איז ער געשטאַנען אַ ליימענער.

דער ראַבינער איז דאָ ביי אונדז אין הויז — האָט עמיל אָנגעהויבן רעדן, ווען ער איז געקומען צו זיך פון איבעררעשונג — און אונדז האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק — זיינע אויס־געלענגערטע באַקן זענען געוואָרן נאָך לענגער און ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

עמיל האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די אָפענע טיר און קאַרל האָט געטראַכט, אַז ס'איז גוט, וואָס עמיל האָט געזאָגט דאָס וואָרט א ו מ ג ל י ק , אַ גאַנצן טאָג האָט ער געזוכט אַזאַ וואָרט, ווייל אומגליק איז טאַקע דאָס וואָס אים האָט אויך געטראָפן.

— מיך האָט אויך געטראָפן אַן אומגליק, — האָט קאַרל געזאָגט.

אָבער עמיל האָט איצט גענומען רעדן גיך, ער האָט אָפּגעלאָזט די טיר און זי איז שיר צוגעפאַלן, קאַרל האָט זי קוים דערכאַפּט און זי געהאַלטן אָפן.

— זיי זענען געקומען, האָט עמיל דערציילט, אינמיטן דער נאַכט און אַלעמען אין הויז אויפגעוועקט. דעם טאַטן האָבן זיי געשלאָגן מיט שטעקנס. זיי האָבן אים אַוועקגענומען. זיי האָבן אים דאָרט דער׳הרג׳עט און פאַרברענט, צוריקגעשיקט דאָס אַש אין אַ קעסטעלע. נעכטן איז געווען די לויה. איך בין געווען ביי דער לויה, די מאַמע, דער ראַבינער און אָנקל ראָבערט. ווייטער קיינער נישט.

קאַרל האָט אויפגעציטערט און שטיל געענטפערט:

— ביי מיר האָט מען די מאַמען צוגענומען. היינט זענען געקומען דריי מענער און זי מיט געוואַלט צוגענומען. אָבער

זי האָט איינעם גוט צעדראָפּעט — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ.

ווען עמיל האָט דאָס דערהערט, האָט ער איבערגענומען די טיר און געמאַכט אַ באַוועגונג, אַז ער דערלויבט קאַרל'ן אַריינצוקומען. קאַרל האָט די שטומע איינלאַדונג גלייך פאַרשטאַנען און איז אַריין אין הויז.

אינמיטן צימער איז געזעסן עמילס מאַמע אויף אַ פוס־בענקעלע. זי האָט אויסגעזען עלטער פון קאַרלס מוטער. איר קאָפּ האָר איז געווען ווי איינגעטיילט אין צוויי גלייכע טיילן. איין טייל איז געווען שוואַרץ און דער צווייטער טייל איז געווען ווייס. זי האָט אפילו נישט באַמערקט קאַרלס אַריינקומען אין הויז.

יעדע ווייל האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אָבער זי האָט גלייך צוגעלייגט די האַנט צום מויל ווי זי וואָלט דאָס געוויין געוואָלט דערשטיקן. עס איז איר טאַקע געלונגען, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. ווייל זי האָט באַלד פאָרט אויסגעבראָכן אין אַ כליפּן.

ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ מיטלגעוויקסיקער מאַן. ער האָט לייכט געפּויקט מיט די פינגער אויף דער שויב. זיין בלאָנד בערדל איז געווען פאַרשפּיציקט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן ברילן, וואָס ער האָט קענטיק נאָר־וואָס געהאַט אַרונטערגענומען. די אויגן זיינע זענען אַרומגעשוואָומען אין טרערן.

אַלעמאָל, ווען עמילס מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל און אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטים. ער האָט די געבראָכנקייט אָבער גלייך אויסגעהוסט און גערעדט קלאָר.

מען טאָר נישט, מען טאָר זיך נישט צולאָזן צום האַרצן אַזויפיל טרויער. די לעבעדיקע מוזן לעבן, די שונאים אויף צו להכעיס.

און ווען ער האָט געמיינט, אַז זיינע ווערטער האָבן זי אַ ביסל באַרואיקט, איז ער צוריק אַוועק און אומגעקערט דאָס פּנים צום פינצטערן פענצטער.

קאַרל האָט שוין איצט חרטה געהאַט, וואָס ער איז געקומען צו עמילן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אים האָט זיך נאָך שטאַרקער געוואָלט, אַז עמילס מאַמע זאָל זיך אויפהייבן פון איר קליין בענקעלע און אים אַרויסטרייבן. אָבער זי האָט אים אפילו נישט געזען.

דער ראַבינער האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן. ער איז צוגעגאַנגען צו עמילן און אים געזאָגט:

זיי אַ גוט יינגל. — ער האָט צוגעגעבן אַ ביסל שטילער — גיב אַכטונג אויף דער מאַמען. איך וועל דאָ מאָרגן קומען געוואויר ווערן.

און דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען קאַרל׳ן. ער האָט אַ פרעג געטאָן עמילן:

ווער איז דאָס יינגל, דיינער אַ חבר?

מען האָט ביי אים צוגענומען די מאַמען — האָט זיך עמיל צעשטאַמלט, רעדנדיק שנעל. ער האָט דערמיט געוואָלט פאַר־ענטפערן קאַרל׳ן, פאַרוואָס ער איז איצט דאָ אין הויז — און זיין טאַטע איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

גאָט זאָל שוין אויף אונדז רחמנות האָבן — און ער איז שנעל אַרויס פון צימער.

אַז דער ראַבינער איז אַוועק, האָט זיך עמילס מאַמע גלייך אויפגעהויבן פון איר בענקעלע. עמיל האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זען קאַרל׳ן.

מען האָט ביי אים צוגענומען — האָט עמיל אַלץ געוואָלט פאַרענטפערן זיין חבר.

די מאַמע האָט אים איבערגעשלאָגן.

איך ווייס, איך האָב געהערט, מיין קינד, איך האָב געהערט. איר זענט הונגעריק, קינדער?

— יאָ, — האָט קארל אויסגעשריגן. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז זי גייט אַרום אין די זאָקן. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַזוי אויסגעשריגן דעם יאָ, אָבער ער האָט דערפילט אַ בורטשעניש אין בויך, וואָס האָט אים געשניטן, ווי מיט מעסערס.

איך בין הונגעריק, שטאַרק הונגעריק, — האָט ער ווידער אויסגעשריגן און מיט די אויגן געזוכט עסן.

זי האָט אַנגעשניטן עטלעכע שטיקלעך ברויט, באַשמירט מיט פּוטער און אַרויפגעלייגט קעז.

קארל האָט זיך שנעל צוגעכאַפּט צום ברויט און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

אַ ביסל שפּעטער זענען שוין ביידע געלעגן אין איין בעט. אין צימער, וואו זיי זענען געשלאָפן איז געווען שטאָק־פינצטער. אין צווייטן צימער איז אויך געווען טונקל..

אָבער אויף אַ קאָמאָד איז געשטאַנען אַ גלאָז און אין גלאָז האָט געברענט אַ קליין קנייטל. דאָס ברענענדיקע גלאָז האָט געפלעמלט אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן שפּיגל. דאָס טאַנצנ־דיקע קנייטל האָט אַלעמאָל געגעבן אַ קנאַק און סע האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַרלעשט עס זיך, אָבער דאָס פלעמל איז גלייך געקומען צו זיך און געברענט מיט אַ ציטער. פון זיין געלעגער האָט קארל קלאָר געזען, אַז עמילס מאַמע זיצט נאָך אויף דעם נידעריקן בענקעלע.

— קארל. דו שלאָפסט?

— ניין!

— דו ווייסט פאַרוואָס מע האָט מיין טאַטן דער׳הרג׳עט?

— ניין? — האָט קארל געענטפערט שטיל.

— ביסט אַ נאַר, ווייל מיר זענען יידן.

— האָסט מורא, קארל? — האָט עמיל געפרעגט.

— ניין! און דו?

— יאָ, איך האָב מורא. איך האָב מורא פאַר דעם לעמפּל אינעווייניק. דאָס איז פאַר דעם טאַטנס נשמה.

— עמיל, דו שלאָפסט?

— ניין, קארל, דו האָסט שוין אויך מורא?

— ניין, איך טראַכט...

— וואָס טראַכסטו?

— פון דער לערערקע...

— וואָס טראַכסטו פון דער לערערקע? ...

— גאָרנישט...

קאַרל האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט געשוואוירן נישט צו דערציילן.

— קאַרל, דו האַלטסט די אויגן אָפן?

— יאָ, עמיל.

— און איך האַלט זיי איצט גוט פאַרמאַכט... איך קוועטש זיי אַזוי שטאַרק צו, אַז זיי טוען מיר אַזש וויי...

— עמיל, פאַרוואָס האָט מען מיין מאַמען צוגענומען?

— האָט קאַרל פּלוצים געפרעגט זייער שטיל.

עמיל האָט אַזוי שנעל נישט געענטפערט. קאַרל'ן איז געפעלן, וואָס זיין חבר קאָן נישט ענטפערן אויף דער פראַגע. געוויינטלעך האָט עמיל אַ גרייטן ענטפער אויף אַלץ, אָבער איצט האָט ער אים געשטעלט אַ שווערע פראַגע.

און פאַרוואָסזשע האָט מען מיין טאַטן דער'הרג'עט? — האָט קאַרל זיך גערייצט מיט דעם וואָס עמיל קאָן נישט ענטפערן.

אָבער גראָד אָט-די פראַגע האָט עמילן געגעבן אַ שליסל.

— דיין טאַטע איז געווען אַ סאָציאַליסט. אַלע האָבן דאָס גוט געוואוסט. מיין טאַטע האָט אַלעמאָל דערציילט וועגן דיין טאַטן, אַז ער האָט זיך אָנגענומען פאַר אָרעמע אַרבעטער. און דיין מאַמע איז אויך אַ סאָציאַליסטקע.

— וועלן זיי מיין מאַמען אויך פאַרברענען? — האָט קאַרל געפרעגט.

— עמיל האָט נישט געענטפערט.

— עמיל, דו שלאָפסט?

— ניין! איך האָב מורא. רוק זיך צו נענטער צו מיר...

קאַרל האָט זיך צוגערוקט און מיט איין אויג האָט ער אַריינגעקוקט אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען באַשאָטנט פון פלעמל. ער האָט קלאָר געזען, אַז עמילס מאַמע זיצט נאָך אַלץ אויף דעם בענקעלע. איצט האָט מען דאָס בענקעלע נישט אַרויסגעזען, און סע האָט זיך געדוכט, אַז זי זיצט אויפן דיל.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געוויין. דאָס געוויין איז געקומען פון דיל. סע איז געווען נאָך דערשטיקטער ווי פריער, אָבער סע האָט געדויערט לענגער.

עמיל, דו שלאָפסט?

עמיל האָט נישט געענטפערט.

— דו שלאָפסט? — האָט קאַרל געפרעגט נאָך שטילער.

ער איז אַזוי לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער פינצטער, ביז ער האָט דערזען, ווי עמיל זיצט אין בעט און האַלט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט.

אָבער דאָס איז שוין געווען אינדערפרי. אינדרויסן האָט געפליוכעט אַ רעגן. מען האָט געקאָנט זען דורכן פענצטער, אַז סע איז אַן אמת'ער שלאַקס-רעגן.

קאַפּיטל פיר

קאַרל האָט גלייך דערזען, אַז עמילס מאַמע זיצט אַלץ אויפן בענקעלע, און ער האָט גענומען ציטערן פון קעלט, כאָטש ער איז געלעגן גוט צוגעדעקט.

— איז זי אַזוי געזעסן אַ גאַנצע נאַכט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט מיט שרעק.

ער האָט דאָס געוואָלט פרעגן ביי עמילן, אָבער עמיל האָט

איצט, מיט זיין קאָפּ איינגעגראָבן אין די הענט, אויסגעזען, ווי אַ דערוואַקסענער — האָט ער מורא געהאַט צו קוקן אויף אים.

דאָס ערשטע, וואָס קאַרל האָט געטאָן, איז געווען זיך צו מאַכן שלאָפן. ער האָט זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט און פאַרמאַכט די אויגן. סע האָט זיך אים געוואָלט עפּעס פאַרשלאָפן. ווען ער וועט ווידער עפענען די אויגן, וועט שוין אפשר אַלץ זיין בעסער. עמילס מאַמע וועט אַזוי נישט זיצן אומבאַוועגלעך און עמיל אַליין וועט אויך בייטן זיין פּאָזע פון אַ דערוואַקסענעם. אַזוי האָט זיך קאַרל גענומען איינרעדן.

לאַנג האָט ער נישט געקאָנט האַלטן די אויגן פאַרמאַכט, ווייל אפילו דורך די פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אַלץ געזען עמילן. ער האָט זיך גענומען דרייען אין בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, כדי צו מאַכן אַ גערודער. דאָס בעט האָט טאַקע געסקריפּעט. דאָס איז גוט, האָט קאַרל געטראַכט, און ער האָט געגעבן אַן עפן די אויגן צו זען, אויב עמילס מאַמע באַוועגט זיך כאָטש אַ ביסל. ניין, זי איז אַלץ געבליבן זיצן אויף אַן אָרט.

דער שלאָקס־רעגן האָט אויך געמאַכט אַ שרעקלעכן טומל. די שווערע טראָפּנס זענען איצט געפאַלן, ווי שטיקער האָגל אויף די פענצטער. מען האָט געקאָנט הערן, ווי סע גיסט אומאויפהערלעך אויף די שטיינער אין הויף, ווי פון אַ רינענדיקער רער.

דו ווייסט, קאַרל — האָט עמיל געזאָגט, אַלץ נישט בייטנדיק זיין פּאָזע, ווי ער וואָלט געוואוסט די גאַנצע צייט, אַז קאַרל שלאָפט נישט, — איך האָב מורא אַרויסצוגיין פון בעט.

— דו ביסט שוין לאַנג אויף? — האָט קאַרל געפרעגט.

— יאָ, זייער לאַנג, און איך האָב שוין פונדאַנען גערופן די מאַמען, אָבער זי ענטפערט נישט.

— האָסט נישט גערופן הויך גענוג, עמיל, — האָט אים

קאַרל פאַרזיכערט, — האָסט אוודאי מורא געהאַט מיך אויפ־צוּוועקן.

עמיל האָט זיך געלאָזט טרייסטן. ער האָט הויך אויסגע־שריגן:

— מאַמע! — און אַז זי האָט נישט געענטפערט, האָט ער געשריגן העכער און העכער, עטלעכע מאָל, — מאַמע! מאַמע! מאַמע!

אין דעם לעצטן געשריי האָט קאַרל געהערט אַ געוויין. אָבער דאַסמאָל האָט ער שוין נישט געהאַט קיין טרייסט פאַר עמילן. עס איז טאַקע געווען מאָדנע. עמיל'ס מאַמע איז־געזעסן אויף איר בענקעלע און זיך נישט גערירט פון אָרט.

קאַרל איז אַרויסגעשפרונגען פון בעט און שנעל געכאַפּט אויף זיך די קליידער. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז עפּעס טאָן. ער איז אַריין מיט פעסטע טריט אין צימער, וואו עמילס מאַמע איז געזעסן.

און ערשט דאָ איז אים אַדורך אַ ציטער איבערן לייב, זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. און כאָטש ער האָט געגעבן אַ טאַנץ אַריין אין צימער, אַז דער קאָמאָד האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, איז זי אַלץ געבליבן פאַרגליווערט.

עמיל האָט איצט אויך געקראָגן מוט און ער איז אַרויסגע־שפּרונגען פון בעט. אין הוילע אונטערוועש איז ער אַריינגעלאָפן און געבליבן שטיין פאַר דער מאַמען.

— מאַמע! מאַמע! מאַמע טייערע!

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע, אָבער עמילס מאַמע האָט אַלץ געקוקט אויפן דיל.

— מאַמע! ענטפער מיר, מאַמע! איך האָב מורא! מאַמע, דו שרעקסט מיך!

ער האָט זיך צעוויינט אויפן קול און אָנגענומען די מאַמען ביי די אַקסלען.

און מאָדנע, — אַזוי שנעל, ווי ער האָט אָנגעהויבן וויינען,

האָט זיך די פאַרגליווערטע פיגור גענומען באַוועגן, זי האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דיל. זי האָט געקוקט אויף אים אַ רגע־צוויי מיט פאַרוויינטע אויגן. סע האָט זיך געדאַכט, אַז אירע אויגן ווילן שטאַרק עפּעס זאָגן, — נישט דאָס מויל, נאָר די אויגן האָבן זיך געריסן צו רעדן. דאָס פּנים האָט איצט געהאַט אַ ים מיט צערטלעכקייט. אָבער דאָס מויל איז געבליבן געשלאָסן און די אויגן זענען באַלד ווידער געפאַלן צום דיל.

עמיל איז צוגעגאַנגען צום טיש און געקלאַפּט מיט די פויסטן פון גרוים פאַרצווייפלונג.

— מאַמע, איך האָב מורא פאַר דיר! פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

אָבער עמילס מוטער האָט ווידער געטאָן דאָסזעלבע — נישט געענטפערט אַזוי לאַנג, ווי עמיל האָט געשריגן, אָבער אַזוי גיך, ווי ער האָט אָנגעהויבן וויינען האָט זי אויפגעהויבן אירע פאַרטרערטע אויגן און געקוקט אויף אים מיט אַ שטום, צערטלעך פּנים.

קאַרל האָט גלייך דערזען, אַז עמילס מאַמע איז איבער־נאַכט פאַרענדערט געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז עמיל איז איצט אפשר נאָך אַ סך הילפלאָזער פון אים, און אַז ער מוז עפּעס טאָן, כדי צו העלפן זיין חבר.

קאַרל האָט זיך דערמאָנט אין זיין שכנה, פרוי גוטנגלאַס, וואָס פלעגט זיך אַלעמאָל אַזוי וואַרעם פאַראינטערעסירן מיט זיין מאַמען און מיט אים.

מע דאַרף גיין צו אַ שכנה — האָט ער געזאָגט מיט אַ מינע פון דערפאַרונג, ווייל אַ סך מאָל, ווען די מאַמע זיינע איז געגאַנגען אַרבעטן, האָט ער אויך געמוזט אָנקומען צו שכנים.

גיין, זאָל גאָט היטן! — האָט עמיל אויסגעשריגן — נאָר נישט צו שכנים!

עמיל האָט דערציילט, ווי דער שכן פון אַנטקעגנאיבער האָט געהאָלפן שלאָגן דעם טאַטן, און אַז דעם שכנ׳ס ווייב

איז דאָ נעכטן געווען און זי האָט ארויסגענומען פון אַלמער שיר־נישט דער מאַמעס אַלע קליידער. זי האָט זיי אַפילו אָנגעמאָסטן דאָ פאַרן שפיגל און געזאָגט, אַז זיי זענען פונקט גוט אויף איר.

— אָבער מע דאַרף דאָך עפּעס טאָן, עמיל, סע קאָן דאָך אַזוי נישט בלייבן.

עמיל און קאַרל האָבן גערעדט צווישן זיך הויך, אָבער עמילס מאַמע איז אַלץ פאַרבליבן פאַרגליווערט.ביידע האָבן פון איר די אויגן נישט אַרונטערגענומען און געהאָפט, אַז אפשר וועט פאַרט פאַרקומען אַ שטיקל ענדערונג אין איר.

דער רעגן איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער, סע האָט נאָך אַלץ גערעגנט, אָבער נישט מיט אַזעלכע שווערע האָגל־טראָפּנס ווי פריער. סע האָט זיך גענומען איינשטעלן אַ דינינקער רעגן.

— אפשר גיין רופן דיין אָנקל ראָבערט? — איז קאַרל'ן איינגעפאַלן.

— זאָל גאָט היטן. אָנקל ראָבערט האָט פאַרזאָגט, אַז מע זאָל נישט קומען צו אים. זיין געשעפט האָט מען צעראָבירט. אויף זיין גאַס איז אַ געפאַר אַדורכצוגיין. ווּעמען זיי טרעפן שלאָגן זיי. סע איז אַ מורא פון הויז אַרויסצוגיין.

קאַרל האָט געוואָלט פרעגן, ווער סע איז אייגנטלעך דער ז י י, אָבער ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אין די דריי מענער, וואָס האָבן פון אים אַוועקגעריסן זיין מאַמען.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ זייגער, אָבער ער איז איצט געשטאַנען.

— סע מוז שוין איצט זיין אַרום 12 אַזייגער, — האָט עמיל געזאָגט, ווען ער האָט געזען ווי זיין חבר קוקט אויפן זייגער.

— פונוואַנען ווייסטו, עמיל?

— ווייל איך בין איצט שטאַרק הונגעריק, — האָט עמיל געענטפערט.

קאַרל איז אויך געווען הונגעריק, אָבער ער האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן.

עמיל איז מיטאַמאָל צוגעגאַנגען צו זיין חבר.

— קאַרל, וועסט מיך נישט פאַרלאָזן?

— וואָס פאַלט דיר איין, עמיל? וואוהין וועל איך דען גיין? איך האָב דאָך קיינעם נישט.

— און דיין באָבע?

— ניין, זי איז זייער אַלט און קראַנק, זי ליגט איצט אין אַ שפּיטאָל, איך ווייס אפילו נישט וואו.

— דו ווייסט, מע וואָלט באַדאַרפט די מאַמען פירן אין אַ שפּיטאָל אַריין, — האָט עמיל געזאָגט.

נישט געקוקט אויף קאַרלס פאַרזיכערונג, האָט עמיל פּלוצים שטאַרק מורא געקראָגן, אַז זיין חבר וועט אים פאָרט פאַרלאָזן. ער האָט אים גענומען שטעלן אויף פראַבע.

— דו ווייסט, קאַרל, אַז דו וועסט אַרויסגיין פונדאַנען וועט מען דיך נישט שלאָגן. דו ביסט דאָך נישט קיין ייִד.

— אַט האָט מען מיך געבריקעט, מיין מאַמען געשלאָגן, — האָט קאַרל אָפּגעענטפערט.

דאָס איז עמילן געפעלן. ער האָט ערגעץ-וואו דערטאַפּט אַ שטיקל ברויט און עס געגעבן קאַרלען.

קאַרל האָט נישט געוואָלט נעמען. ער האָט זיך שוואַך געוועדט, אָבער ער האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל.

עמיל האָט אויך אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און געגעסן אָן אַפּעטיט.

קאַרל האָט דערפילט, אַז עמיל שרעקט זיך זייער שטאַרק. ער איז צוגעגאַנגען גאַר-נאָענט צו עמילן און אים געגעבן די האַנט.

— עמיל, דו ביסט מיין איינציקער חבר.

ביי עמילן האָבן זיך גלייך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— מיין איינציקער, — האָט קאַרל ווידער פאַרזיכערט.

עמיל איז איצט ווידער צוגעגאנגען צו זיין מאמען, אבער מיט ווייניקער שרעק ווי פריער. ער האט שוין נישט געשריגן אזוי פארצווייפלט ווי פריער. ער האט איר אריינגעשעפטשעט אין אויער:

— מאמע, פארוואס שווייגסטו?

סע האבן זיך דערהערט עטלעכע שטילע קלעפ אויף דער טיר. ביידע זענען געבליבן שטיין פארגליווערט. די טיר האט זיך לאנגזאם און פארזיכטיק געעפנט און סע איז אריינגעקומען דער ראבינער.

קאפיטל פינף

דער ראבינער האט נישט פארלארן קיין איין מינוט. אזוי שנעל, ווי ער האט געגעבן א קוק אויף עמילס מוטער, איז ער ארוים פון הויז. ער איז גיך צוריקגעקומען מיט צוויי מענער. איינער פון זיי איז צוגעגאנגען גאר־נאנט צו דער זיצנדיקער פרוי. ער האט זי באטראכט א ווײַלע און א פארצווייפלטער געשאקלט מיטן קאפ צום ראבינער.

— יא, הער ראבינער, — האט ער געזאגט — צום באדויערן. מען מוז זי גלייך אוועקפירן.

— גאט — האט דער ראבינער געביילט א פויסט — פארוואס פארשווייגסטו די רשעים? גאט, ווי לאנג, ווי לאנג?

ער איז אריינגעפאלן אין א בענקל און מיט די פינגער פון זיין רעכטער האנט איז ער דורכגעלאפן עטלעכע מאל די האר זיינע, ווי ער וואלט זיי געוואלט אויסרייסן מיטןווארצל.

— מיר וועלן אלע משוגע ווערן, הער דאקטאר. דאס איז שוין דער דריטער פאל היינט. דערבארמדיקער גאט, וואס ווילסטו פון אונדז? פארוואס האסטו זיך אפגעקערט פון אונדז?

עס האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט טרוקן, אָן געוויין, אָבער פון די אויגן זענען אים געלאָפן טייכן טרערן. פון אונטער די ברילן זענען זיי געפלאָסן און דער ראַבינער האָט נישט געמאַכט דעם מינדסטן פאַרזוך אָפּצואווישן דאָס פּנים, וואָס איז איצט שוין אינגאַנצן נאַס געווען פון טרערן.

ביידע מענער זענען געשטאַנען לעבן עמילס מאַמען מיט געבויגענע קעפּ. עמיל און קארל האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. עמיל האָט אַזוי געדריקט קאַרל׳ס האַנט, אַז ער האָט אַזש געוואָלט אויסשרייען פון גרויס ווייטאָג.

ביידע מענער האָבן אויפגעהויבן עמילס מאַמען פון איר בענקעלע און זי האָט זיך גאַרנישט געוועהרט. זיי האָבן אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַ מאַנטל, ווייל זי האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו ציטערן.

זי איז געגאַנגען צווישן ביידע מענער און איר פּנים האָט איצט אויפגעלויכטן מיט אַ גוטן שמייכל. זי האָט אַרומ־גענומען דאָס גאַנצע צימער מיט אירע ווארעמע אויגן, און ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עמילן, האָט עמיל בלויז אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן:

— מאַמע, מאַמע!

איר פּנים האָט זיך צעשטראַלט און זי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר זון. זי האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און געוואָלט ענטפערן עמילן, נאָר מען האָט איר קול נישט געהערט. איר שמייכל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטאָג, וואָס האָט אויסגעקרימט איר פּנים. פאַרשוואונדן איז די גאַנצע צערט־לעכקייט. איר קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן, אַז זי האָט אויסגעזען העכער ווי זי איז געווען. איר געזיכט איז געווען אָנגעשטרענגט צום פּלאַצן און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי.

דאָס קנייטל, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט, האָט געגעבן דעם לעצטן ציטער און אויסגעגאַנגען. איבערן צימער

האָט זיך געפּילט דער שטיקנדיקער ריח פון צעשמאָלצענעם חלב.

אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך באַפרייט פון איר געשריי, האָט איר פּנים זיך אַ ביסל באַרואיקט, איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון קעלט, מען האָט אַזש געהערט ווי אירע ציינער קלאַפּן. ביידע מענער האָבן זי אַרויסגעפירט פון שטוב.

דער ראַבינער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן פון בענקל, אָבער ער איז ווידער צוריקגעפאַלן. ער איז געבליבן זיצן עט־לעכע מינוט, ביז ער האָט זיך דאָך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דער טיר מיט וואַקלדיקע טריט.

אָבער עמיל האָט זיך געגעבן אַ ריס פון קאַרלען און פאַר־לאָפן דעם ראַבינער דעם וועג. ער האָט אים אָפּגעשניטן דעם וועג צו דער טיר און געבליבן שטיין פאַר אים.

— וואָס וועט זיין מיט מיר... מיט אונדז ?

ער האָט געפרעגט מיט אַ הייזעריק קול, כמעט ווי אַ גרויסער. זיין פּנים איז געווען אַ געמיש פון שרעק און בייזקייט.

— וואָס וועט איצט זיין מיט אונדז ? — האָט ער געשריגן.

— זיי מיר מוחל, עמיל, זיי מיר מוחל. איך האָב טאַקע שיר פאַרגעסן אין דיר — ער האָט אים געגלעט דעם קאָפּ — אַ גרויס אומגליק האָט אונדז אַלעמען געטראָפן. אַזעלכע ווי דו, עמיל, און ווי ער — דער ראַבינער האָט אָנגעוויזן אויף קאַרלען — זענען איצט דאָ אין די הונדערטער. יאָ, אין די הונדערטער. קליינע פייגעלעך, אָן טאַטע־מאַמע.

ער האָט אים געגלעט דעם קאָפּ, דאָס פּנים, און אויסגעמיטן צו קוקן אויף אים.

איך גיי איצט אַוועק און וועל שפּעטער צוריקקומען. מיר זוכן טאַקע אַ הויז פאַר אַזעלכע קינדער, ווי דו ביסט, אַ הויז, וואו דו וועסט קריגן וואַרעמס און אַ געלעגער.

— פאַר אים אויך ? — האָט עמיל געפרעגט.

— אוודאי, אוודאי, פאַר אים אויך. מיר וועלן אים נישט פאַרלאָזן, זאָל נאָר גאָט אונז אַזוי נישט פאַרלאָזן.

אָבער ווער ווייסט וויפל שעה עס זענען אַוועק. עמיל און קאַרל האָבן געוואַרט מיט ציטערדיקע הערצער. זיי האָבן כמעט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום אַנדערן, זיך צוגעהערט צום מינדסטן שאָרך. אפשר הערן זיך טריט, אפשר הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. אָבער ניין, דער ראַבינער האָט זיך אַלץ נישט געוויזן.

עס איז שוין געוואָרן טונקל און עמיל האָט זיך געטוליעט צו קאַרלען.

— האָסט מורא, קאַרל? — האָט עמיל געפרעגט.

— יאָ, — האָט ער פּעסט געענטפערט. — איך האָב איצט שטאַרק מורא.

— דער ראַבינער וועט שוין מסתמא נישט קומען.

— דער ראַבינער וועט שוין מסתמא נישט קומען — האָט קאַרל נאָכגעזאָגט.

— אפשר האָט מען אים געשלאָגן — האָט קאַרל געזאָגט אַ ביסל נאָכטראַכטנדיק.

— יאָ, דאָס איז גאַנץ מעגלעך — האָט עמיל געענטפערט.

— קום מיט מיר — האָט קאַרל אים אָנגענומען ביי דער האַנט — קום, מיר מוזן שוין אַנטלויפן פונדאַנען, איידער עס ווערט גוט פינצטער.

— אָבער וואוהין?

קאַרל האָט אים ווי מיט געוואַלט גענומען מיטשלעפּן.

ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט קאַרל זיך דערמאָנט אין עפּעס.

— טו אָן אַ מאַנטל, ווייל עס איז קאַלט אינדרויסן — האָט ער געזאָגט עמילן מיט דעמזעלבן אויפפּאַסערישן טאָן, ווי זיין מאַמע פלעגט אים זאָגן.

עמיל האָט אָנגעטאָן אַ מאַנטל.

— אפשר האָסטו פאַר מיר אויך אַ מאַנטל? — האָט קאַרל געפרעגט.

עמיל האָט גענישטערט אין אַלמער, אַרויסגענומען אַ מלבוש. קאַרל האָט עס פּרובירט אַרויפציען אויף זיך, אָבער ער האָט עס קוים אַרונטערגעריסן פון זיך — אַזוי ענג איז עס געווען אויף אים.

— וועל איך מוזן גיין אַזוי, פאַרפאַלן — האָט קאַרל געזאָגט און אויפגעפּראַלט די טיר.

קאַרל איז שנעל אַרונטערגעלאָפן די טרעפּ און עמיל נאָך אים. אינדרויסן זענען זיי געבליבן שטיין ווי צוויי דערשראָקענע הינטלעך. קאַרל האָט זיך גענומען שאַרן ביי די ווענט און געהאַלטן אין איין נאָכשלעפּן עמילן.

— איך גיי צוריק צו מיר אין הויז. פרוי גוטנגלאַס האָט מיך געוואָלט אַריינגעמען צו זיך, געבן עסן און אַ געלעגער. זי איז זייער אַ גוטע. זי וועט דיך זיכער אויך אַריינגעמען.

קאַרל איז צוגעקומען צום הויז, פונוואַנען ער איז ערשט נעכטן אַנטלאָפן. ער איז אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ און גאָרן און מורא געהאַט צו קוקן אויף זיין אייגענער טיר. ער האָט גלייך אַנגעקלאַפּט מיט אומזיכערע הענט אויף זיין שכנה׳ס טיר.

די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט. קאַרל האָט געוואַרט אַ ווײַלע און ווידער אַנגעקלאַפּט. ער האָט אפילו גענומען רופן אויפן קול.

— פרוי גוטנגלאַס! פרוי גוטנגלאַס!

קאַרל האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט און געשטופּט די טיר, ביז זי האָט זיך אַליין געעפנט. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַר־ציטערטער.

כאָטש עס איז שוין געווען טונקל, האָט קאַרל געזען, אַז אין הויז איז קיינער נישטאָ. ער איז אַריין אינעווייניק און גענומען גיין איבער די צימערן, וואו יעדעס ווינקעלע איז אים אַלעמאָל געווען גוט באַקאַנט. איצט אָבער האָט אים אַלץ

אויסגעזען פרעמד און אומבאקאנט, ווייל דאָס הויז איז געווען ליידיק.

קיין איין שטיקל מעבל איז נישט געווען אין הויז, אחוץ אין קיך, וואו עס איז נאָך געשטאַנען דער גרויסער טיש, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט, ווייל ער האָט נישט איינמאָל אויף אים געגעסן אַ מאָלצייט, מיט דער פרוי גוטנגלאָס און איר מאַן, וואָס פלעגט אים דערציילן אַ סך וויציקע מעשה׳לעך.

אָבער די ליידיקייט פון די חדרים איז אים אויסגעקומען אַזוי פרעמד, אַז ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן. ער איז עטלעכע מאָל אַרום און געלייענט דאָס מעשענע בלעכל אויף דער טיר.

— יאָ, ריכטיק. יאַקאָב גוטנגלאָס, מיט דער אָפּגעריבענער „גע״, וואָס לייענט זיך ווי „אוטנגלאָס״.

ער האָט זיך געשעמט פאַר עמילן. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט אים פאַרפירט. איצט האָט ער שוין גאָרנישט געוואוסט וואָס מען טוט.

— דו ווייסט — האָט ער געזאָגט צו עמילן אין גרויס פאַרלעגנהייט — עס איז שלעכט וואָס דער ראַבינער איז נישט געקומען.

און ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן.

אָט־דאָ האָט ערשט נעכטן געוואוינט פרוי גוטנגלאָס און זי האָט מיך געבעטן אַריינקומען אין הויז. דאָס איז זיכער, אַז זי האָט דאָ געוואוינט. לייען איבער דעם נאָמען אויף דער טיר. און דאָ אַנטקעגנאיבער האָבן מיר געוואוינט. קאָנסט נאָך אפילו זען אונדזער נאָמען.

אָבער קאַרל אַליין האָט בשום אופן נישט געוואָלט אומ־דרייען דעם קאָפּ און אַ קוק געבן אויף זיין אייגענער טיר.

און בעת ביידע האָבן פּאַמעלעך גענומען אַרונטערגיין פון די טרעפּ, האָט זיך אויף דעם צווייטן גאָרן געעפנט אַ טיר.

— קאַרל!

קארל האט דערקענט איינעם פון זיינע שכנים. ער האט זיך דערפרייט און געוואלט עפּעס זאגן.

— שש... קארל. נא, נעם דאס צו.

דער שכן האט אים שנעל איבערגעגעבן א פּעקל און פאר־מאכט די טיר.

עס האט פונעם פּעקל א שמעק געטאן מיט געבראטנס. עמיל און קארל האבן נישט רעדנדיק קיין ווארט גענומען עסן גיך מיט גרוים אפּעטיט. זיי האבן אויפגעגעסן דאס ברויט, די געבראטענע קארטאפל, דאס געשמאקע פלייש. זיי האבן עס געגעסן אזוי גיך, אז ווען זיי זענען פארטיק געווארן האט זיי אזש פארפעלט אטעם.

— דאס איז געווען איינמאל געשמאק! — האט עמיל זיך צעשטאמלט פון גרוים אויפרעגונג.

זיי האבן אוועקגעווארפן דאס פארפעצטע שטיקל פּאפּיר.

אז זיי זענען ארוים פון הויז איז שוין געווען נאכט. עמיל און קארל זענען געשטאנען און געקוקט איינער אויף דעם אנדערן. קארל האט געווארט, אז עמיל זאל עפּעס פארשלאגן, וואס צו טאן, און עמיל האט גארנישט געוואוסט וואס צו זאגן. ער האט געווארט, אז זיין חבר קארל זאל געבן אן עצה.

מיטאמאל האבן זיי ביידע גענומען לויפן צוריק צום הויז. קארל האט אפילו פארגעסן אנצוכאפּן עמילן ביי דער האנט, אבער עס איז נישט נייטיק געווען, ווייל עמיל איז אים סיי־ווי נאכגעלאפן.

ווען זיי זענען שוין געווען צוריק אין הויז, האט קארל געפרעגט מיט שרעק און מיט א קלאפּנדיק הארץ:

— האסט געזען די צוויי מענער?

— יא — האט עמיל געענטפערט א פארסאפּעטער.

— אקוראט אזוי זענען געווען אנגעטאן די דריי וואס האבן מיין מאמען אוועקגענומען.

עמיל האָט נישט געקאָנט רעדן פון שרעק. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט.

אַז ער האָט זיך באַרואיקט האָט ער פאַרזיכערט קאַרלען, אַז אַקוראַט אַזוי זענען געווען אָנגעטאָן די מענער, וואָס האָבן זיין טאַטן געשלאָגן מיט שטעקנס אין יענער נאַכט, ווען מען האָט אים אַ פאַרבלוטיקטן צוגענומען פון הויז.

— מיר ווען מוזן שלאָפן אין קעלער — האָט קאַרל באַשלאָסן — מיר טאָרן נישט אַרוים פונדאַנען ביז אינדערפרי.

אין קעלער ? — האָט עמיל איבערגעפרעגט אַ פאַרציטערטער.

— איך קען דאָרט יעדעס ווינקל, — האָט אים קאַרל געגומען באַרואיקן. — איך האָב אפילו אַ קעצל וואָס שלאָפט דאָרט ביינאַכט.

אָבער עמיל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— דו מוזט אויפהערן מורא צו האָבן — האָט קאַרל אויף אים אָנגעשריגן און אים מיט געוואָלט אַרונטערגעפירט עטלעכע טרעפּ אין קעלער.

אין קעלער איז געווען שטאָק־פינצטער. קאַרל האָט געטאַפּט ביי די ווענט און געשלעפּט עמילן מיט זיך. ער איז געבליבן שטיין און געהייסן עמילן זיך אַוועקלייגן.

עמיל האָט אים געפאָלגט און זיך אַוועקגעלייגט, אָבער ער האָט אָנגעהויבן וויינען אויפן קול.

— עמיל, זיי וועלן אונדז נאָך דאָ געפינען — האָט קאַרל אַרויסגעשעפּטשעט — זיי שטיל, דו מוזט שווייגן.

און עמיל האָט גענומען העשן אין דער שטיל.

— זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דאָס איז אַן אינזל און מיר זענען דאָ אַליין — האָט קאַרל געזאָגט — אַז עס וועט ווערן ליכטיק, וועלן מיר זיך אַרויפדראַפּען אויף דיביימער און עסן נים — האָט קאַרל אים גענומען באַרואיקן.

פלוצים האָט ער געגעבן אַ ריס עמילן און אויסגערופן מיט פרייד:

— מיר זענען נישט אַליין. האָסט געהערט ווי זי האָט אַ געניץ געטאָן? דאָס איז מיין קעצל.

— פס... פס... פס... — האָט קארל גענומען רופן.

באַלד האָט דאָס קעצל אָפּגעזוכט קארלען. עמיל האָט אין דער פינצטער באַטאַפּט דאָס ווארעמע קעצל און אים איז טאַקע געוואָרן אַ ביסל היימלעכער.

— עס איז גוט צו זיין אַ קעצל אויף דער וועלט — האָט עמיל געזאָגט טראַכטנדיק מיט פארמאַכטע אויגן.

— שאַ, רעד נישט הויך, שלאָף. אַ גוטע נאַכט, עמיל! — האָט קארל אַרויסגעגענעצט אַ טויט-מידער.

קאַפּיטל זעקס

דורך אַ קליין פענצטערל מיט אייזערנע גראַטעס האָט זיך דורכגעריסן אַ ביסל שמוציק ליכט. די שויב איז געווען אַזוי שווארץ, אַז דאָס ליכט, וואָס האָט דורכגעשיינט, האָט אויסגעזען פארסאַזשעט.

עמיל איז געווען דער ערשטער צו עפענען די אויגן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ווייל סע איז אים געווען הארט צו שלאָפן. ער האָט געהערט ווי קארל האָט אינמיטן דער נאַכט עטלעכע מאָל גע-שריגן פון שלאָף און עמיל איז געווען דערשראָקן אויף טויט.

אָבער איצט איז קארל געשמאַק געשלאָפן. ער איז געלעגן אויפן רוקן און אין דער האַלב-טונקלקייט, האָט זיך עמילן אפילו געדוכט, אַז קארל שמייכלט פון שלאָף.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און קארל האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט. ער האָט געעפנט די אויגן און געקוקט אויף עמילן ווי ער וואָלט אים נישט דערקענט.

נאָר אַז קאַרל האָט אַ קוק געגעבן אויף דעם קליינעם, אויבערשטן פענצטערל, איז ער גלייך געקומען צו זיך.

מיר האָט זיך גע'חלומ'ט אַזאַ שיינער חלום, — האָט ער געזאָגט עמילן, — דיין מאַמע און מיין מאַמע האָבן אונדז געפירט אין שטאָטישן גאָרטן. מיר זענען געווען אויסגעפוצט. מיר האָבן זיך געהוידעט; מיר זענען געפאָרן אויף דער קאַרוסעל און מיין טאַטע איז געזעסן אויף אַ באַנק און געלייענט אַ ביכל. אין גאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן די לערערקע און זי האָט מיר געדראָט מיט אַ פינגער, נאָר זי האָט געשמייכלט. מיטאַמאָל האָבן מיר ביידע אָנגעהויבן לויפן און אונדזערע מאַמעס האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך אונדז מיט אַ געלעכטער. אַלץ איז געווען גוט, די פייגעלעך האָבן געזונגען, די קאַרוסעל האָט געשפּילט.

— אַ שיינער חלום, האָסט טאַקע געשמייכלט פון שלאָף, אָבער ביינאַכט האָסטו געשריגן און מיך איבערגעשראָקן.

עמיל האָט זיך געהאַלטן ביי אַן אָפּגעלעגענער זייט. סע איז געווען האַרט צו שלאָפן.

איבער די קעפּ האָבן זיי געהערט אַ שאַרן הין־און־צוריק.

זיי האָבן זיך איינגעהערט און גלייך געכאַפּט אַז דאָס רייניקט אימיצער מיט אַ בעזים.

דער הויז־וועכטער קערט איצט די טרעפּ, — האָט קאַרל געזאָגט, — עס מוז נאָך זיין פרי, אַזוי פרי ווי ווען מען גייט אין שול.

ביידע זענען געלעגן און זיך געפּוילט אויפצוהייבן. מיט־אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און אַ נידעריקער מאַן איז צוגעגאַנגען צו אַ ווינקל, אַוועקגעשטעלט אַ בעזים און גענומען צוויי אַנדערע, זיי אַוועקגעלייגט אויף אַן אַקסל, ווי ער וואָלט געטראָגן ביקסן.

קאַרל האָט אַ הוסט געטאָן און דער מאַן מיט די בעזימער האָט זיך אומגעקוקט אַ דערשראָקענער.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אויסגעשריגן און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

און אַז קאַרל האָט אַלץ נישט געענטפערט איז ער צוגע־גאַנגען נענטער, זיך איינגעקוקט און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— קאַרל! קאַרל! וואָס טוסטו דאָ?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און גענומען רופן:

— בערטאַ! בערטאַ!

אַ פרוי מיט צעפּאַטלטע האָר איז געקומען צולויפן אין איין שרעק. זי איז געבליבן שטיין לעבן די קינדער און מיט קליינע, קורצזיכטיקע אויגן, האָט זי זיך איינגעקוקט אין קאַרל׳ן.

— זאָל דאָס זיין קאַרל? — האָט זי אויסגערופן.

יאָ, — האָט קאַרל געענטפערט מיט אַ באַהאַלטענער פרייד, ווייל ער האָט זיך דערפילט צווישן אייגענע.

— איר זענט דאָ געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט? — האָט דער מאַן מיט די בעזימער געפרעגט, — דאָס איז געווען אייער געלעגער?

— יאָ, — האָט קאַרל געענטפערט.

— אומגליק! אומגליק! — האָט דער מאַן גענומען שרייען.

ער איז געלאָפן איבערן קעלער און געהאַלטן אין איין שרייען,

— אומגליק! אומגליק!

— שאַ, יאָזעף, — האָט די פרוי אים געוואָלט איינשטילן.

— ניין, נאָר נישט שאַ, איך וועל שרייען, זאָלן זיי קומען און מיך פייניקן. איך האָב נישט קיין מורא. אומגליק! אומ־גליק!

— יאָזעף, שוויג שטיל, — האָט זיך די פרוי געבעטן ביי אים.

קאַרל׳ן איז שטאַרק געפעלן די סימפּאַטיע פון דעם הויז־אויפפּאַסער. ער האָט אים שנעל דערציילט, וואָס עס איז

געשען צו זיין חבר עמילן, מיט זיין טאטן און מיט זיין מאמען.

— און וואס מאכט דיין מאמע, האסט עפעס געהערט פון איר?

— ניין, — האט קארל געענטפערט און ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

— אומגליק! אומגליק! בערטא, וואס פאר א וועלט איז דאס געווארן?

ביידע קינדער זענען נאך געזעסן אויף דעם דיל און זיך נישט גערירט פון ארט.

— נעם זיי אריין אין הויז, מע דארף זיי געבן עפעס צו עסן.

און אז די פרוי האט זיך אזוי שנעל נישט גערירט, האט ער אוועקגעווארפן די בעזימער און אויפגעהויבן ביידע קינדער.

— איך האב קיין מורא נישט פאר קיינעם, זאלן זיי קומען, איך וויל וויסן, אויב עס איז א פארברעכן צו געבן עסן אזעלכע אומגליקלעכע קינדער. איך וויל עס הערן מיט מיינע אייגענע אויערן.

און אז זיין פרוי איז אלץ געשטאנען אומבאוועגלעך, האט ער אויף איר געגעבן א געשריי, אז זי האט אזש א ציטער געטאן.

— האסט אויפגעהערט מורא צו האבן פאר גאט?

— יאזעף! — האט זי אים גערופן מיט א בעטנדיק קול.

ער האט גענומען עמילן מיט דער רעכטער האנט, קארל'ן מיט דער לינקער, און זיי ארויפגעפירט עטלעכע טרעפ. דארט האט ער געעפנט א טיר און ווידער ארונטערגעפירט די קינדער עטלעכע טרעפ. עס איז געווען פינצטער. ווען דער הויז־אויפפאסער האט אויפגעעפנט נאך א טיר, איז א ביסל ליכטיקער געווארן. ער האט די קינדער אריינגעפירט צו זיך אין אן ענגער קעלער־שטוב.

די שטוב איז געווען א קליין ביסל ליכטיקער פון קעלער. עמיל האט זיך דערזען אין א פארגרינטן שפיגל און ער האט

זיך דערשראָקן. ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעשמירט, נישט צום דערקענען.

אין דער מינוט איז די פרוי צוגעקומען מיט אַ נאַסן, קאַלטן האַנטוך און זי האָט אים גוט אַרומגעווישט דאָס פּנים, געווישט באַזונדער יעדע האַנט, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין פינגער. דאָסזעלבע האָט זי געטאָן צו קאַרל'ן. עמיל און קאַרל האָבן זיך דערפילט אַ ביסל אויפגעפרישט פון דעם קאַלטן האַנטוך וואָס די פרוי האָט עטלעכע מאָל איבערגעשווענקט אין אַ שיסל.

זי האָט אוועקגעשטעלט ברויט מיט פּוטער און האַרטן קעז, אָנגעגאָסן צו האַלבע גלעזער מילך. די קינדער האָבן נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, זיי האָבן געגעסן שווייגנדיק. אין קעלער-שטוב איז געווען שטיל. עמיל האָט גוט באַטראַכט די פרוי און געזען אַז אירע האָר זענען רויטלעך. ער האָט אויך באַמערקט, אַז דער הויז-אויפפּאַסער האָט גאָר קיין האָר נישט, נאָר דיקע וואָנסן וואָס פאַלן אַרונטער ביי די זייטן פון מויל.

יאָזעף איז געזעסן און זיך לאַנגזאַם געוויגט אויף אַ שטול, אין סאַמע ווייטסטן ווינקל פון שטוב.

אַז די קינדער האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן, האָט יאָזעף זיי צוגערופן:

— אַלע נאַכט זאָלט איר קומען שלאָפן אין קעלער, דו הערסט, קאַרל? און דו, ווי הייסטו?

קאַרל האָט געענטפערט פאַר אים.

— זיין נאָמען איז עמיל.

— קאַרל, עמיל, אַלע נאַכט. איך וועל עפּעס אונטערלייגן אויף דעם דיל און אייך גוט אויסבעטן. קיינער וועט אייך נישט וואַגן צו טשעפּען. קיינער, — האָט ער פּלוצים גענומען שרייען און זיך אויפגעהויבן פונעם וויג-שטול.

— יאָזעף! יאָזעף! דו ועסט אונדז אַלעמען אומגליק-לעך מאַכן.

— איך שרעק זיך נישט, זאָלן זיי קומען. שיסן? זאָלן

זיי שיסן. איך וועל נאָר פרעגן ווי אַ מענטש ביי מענטשן. איך וועל ווייזן אויף די קינדער: גיט אַ קוק, מענטשן. עמיל און קאַרל! עמיל און קאַרל! איז דאָס אַזוי רעכט? איך וועל פרעגן. ער האָט געקלאַפּט אין טיש — בערטאַ, איך שרעק זיך נישט.

דערנאָך האָט ער זיך באַרואיקט און ער איז מיט לאַנגזאַמע און מידע טריט אַרויס פון הויז. ער איז ווידער אַריינגעקומען מיט די צוויי בעזימער אויף די אַקסל, ווי צוויי ביקסן. ער האָט אויסגעזוכט עטלעכע שמאַטעס, גענומען אַ קענדל, אַ שאַקל געטאָן צו זען, אויב עס איז נישט ליידיק.

— נאָך דאַ גענוג נאַפט! — האָט זיין פרוי אים געזאָגט.

ער איז אַרויס, נישט אומקוקנדיק זיך, פון שטוב.

בערטאַ איז צוגעגאַנגען צו קאַרלען און אים אַ קוש געטאָן. זי האָט געקושט עמילן, גענומען אַ קוישל און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— איך גיי איינקויפן פאַר נאַכטמאָל, — האָט זי געזאָגט שוין שטייענדיק ביי דער טיר. — פאַרוואָס טרינקסטו נישט אויס די מילך, קאַרל?

און אַז זי איז אַרויס, האָט קאַרל דערציילט עמילן, אַז דער הויז-וועכטער און זיין פרוי זענען זייער גוטע מענטשן. אַלע אין הויז האָבן זיי ליב געהאַט. ערשט נישט לאַנג צוריק איז געשטאָרבן זייער איינציק קינד, פון אַ יאָר פינף.

— מיין מאַמע האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז דער אויפזעער האָט אַ גאָלדן האַרץ. ער האָט קיינמאָל נישט געשריגן אויף די קינדער. ער האָט זיך מיט אונדז גאַנץ אָפט געשפּילט, ווען ער האָט געהאַט צייט.

אַלע קינדער זענען שוין מסתמא אין שול, האָט עמיל פּלוצים אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרבענקט קול.

קאַרל האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און אַרויס-געבויגן דעם קאָפּ פון דעם קליינעם פענצטערל.

אינדרויסן איז שיין, — האָט ער אַרונטערגעשריגן צו עמילן, — וואָס זאָגסטו? גייען מיר אַרויס? די זון שיינט, עס האָט אויפגעהערט צו רעגענען.

— און יאָזעף, און בערטאַ? — האָט עמיל געפרעגט, — וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען זיי וועלן אונדז נישט געפינען?

— אַך, מיר וועלן גלייך צוריקקומען, — ער האָט אַרונ־טערגעטאַנצט פון בענקל, — מיר וועלן אַרויסגיין אויף אַ ווײַלע, בלויז זאָגן דער זון גוט־מאָרגן.

קארל האָט איצט אויסגעזען אַ ביסל פריילעכער, נאָכדעם ווי ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער זון.

— קום, עמיל, מיר וועלן שפּאַצירן עטלעכע מאָל הין־און־צוריק און באַלד צוריקקומען.

עמיל האָט נישט געהאַט קיין גרויסן חשק אַרויסצוגיין אין גאַס, אָבער ער איז נאָכגעגאַנגען זיין חבר.

קאַפּיטל זיבן

עמיל האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דעם דרויסן. סע איז טאַקע געווען שיין און זוניק, אָבער ער האָט געפּלאָנ־טערט מיט די פיס. דווקא ווייל סע איז געווען אַזוי ליכטיק האָט עמיל מאָדנע מורא געהאַט פאַר דער ליכטיקייט. קארל איז שוין איצט געלאָפן און כמעט אונטערגעטאַנצט, אָבער עמיל האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט אומצופרידענע טריט.

אפילו אין יאָזעפס קעלער האָט זיך עמיל געפילט אַ סך זיכערער. די זון האָט אים איצט אויפגעריסן די אויגן, אָבער ער האָט זיך מורא געהאַט אַרומצוקוקן.

קארל האָט געוואוסט, אַז זיין חבר פילט זיך נישט גאָר גוט אויף דער גאַס. עמיל איז נאָכגעגאַנגען, ווי אַ הינקנדיקער און קארל האָט אים געטרייסט.

— אַט, מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכלויפֿן און מיר וועלן צוריקגיין צו יאָזעפֿן. יאָזעף און זיין פֿרוי זענען זייער גוטע מענטשן, — האָט קאַרל געזאָגט, כדי צו ווייזן, אַז ער געדענקט נאָך זיינע פֿריינט, און אַז ער האָט זיך נישט אינגאַנצן איבער־געגעבן צו דער גאַס.

אינמיטן גאַס און אויף דעם טראָטואַר האָבן זיך געוואָרעמט אַנטקעגן דער זון קליינע טייכלעך פֿון נעכטיקן רעגן. קאַרל איז געוואָרן אַזוי דרייסט, אַז ער איז אַזש געלאָפֿן אינמיטן וועג.

— מיר לויפֿן צו־ווייט אַוועק פֿון הויז, — האָט עמיל זיך געבעטן.

סע איז גאָרנישט, איך קען דאָ נישט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן. איך קען זיך דאָ אַריינדרייען אין דער גאַס און אין יענער גאַס לינקס און אַפֿילו ווייזן קונצן. מען לויפֿט אַריין אין אַ גרויס הויז, מען לויפֿט דורך דעם הויף און מען קומט צוריק צו דער־זעלבער גאַס, — האָט קאַרל גענומען אַרויסווייזן געניטקייט.

עמיל האָט זיך געלאָזט אַ ביסל איבעררעדן און ער האָט גענומען נאָכלויפֿן קאַרל'ן. ער האָט זיך שוין אַפֿילו געוואָלט אָנהייבן שפּילן אין יאַגעלעך, אָבער זיין בליק איז פּלוצים געפֿאַלן אויף אַ שפּייז־געשעפֿט. די קראָם איז געווען פֿאַרמאַכט מיט אייזערנע פֿרענטעס, אָבער די שויב איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן. אַרום געשעפֿט האָבן זיך געוואָלגערט שטיקער גלאָז. אין אַזאַ שויי־פֿענצטער זענען געווײנלעך אויסגעשטעלט פֿאַר־שידענע קאָנסערוון, אַלערליי מינים ברויטן, וואורשט, נאָר איצט איז דאָרט אַלץ געווען באַשפּריצט מיט שטיקער גלאָז. די געשטעלעכלעך אין פֿענצטער זענען געווען אינגאַנצן אויס־געליידיקט.

עמיל איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרציטערטער און קאַרל האָט דערפֿילט, אַז עפּעס איז געשען מיט זיין חבר.

ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף דעם

געוועלב און די גאַנצע פרייד איז אים אַרונטער צו די פּיאַטעס. ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

— זע — האָט קארל אָנגעוויזן אויף אַ צוויט געשעפט. לויט דער שילד, וואָס איז נאָך געהאַנגען, איז דאָס געווען אַ שוך־קראָם, אָבער די קראָם איז געווען אינגאַנצן אָפן. די גרויסע שויבן פון ביידע זייטן זענען געווען אויסגעהאַקט. די שויפענצטער ליידיק, און אינעווייניק האָבן זיך געוואַלגערט צענדליקער אָפענע שאַכטלעך. צווישן שפּייז־קראָם און קליידער־געשעפט איז געשטאַנען אומבארירט אַן אָפענע קראָם. דאָס איז געווען אַ יאַטקע. דער קצב, מיט אַ פארבלוטיקט פאַרטוך, איז געשטאַנען רואיק אין דער טיר. ביי אים אין קראָם איז איצט קיינער נישט געווען, איז ער לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום שוך־געשעפט און אַריינגעקוקט, פאַרלייגנדיק די הענט אויף אַהינטער, ווי ער וואָלט זיי געוואַרעמט. ער האָט זיך גוט איינגעבויגן און אַריינגעקוקט אינעווייניק. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּייז־געשעפט און געקוקט אויף דעם אויסגעליידיקטן פענצטער. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעקראַגן אַ צוויי שטיקער גלאָז און זיי געוואָרפן אינמיטן וועג. דער קצב האָט זיך דאַן אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק פאַר זיין קראָם, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָסל, פאַררויכערט און זיך פלוצים אַזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש גענומען שטיקן פון רויך.

— קום צוריק, קאַרל, — האָט זיך עמיל געבעטן.

— אוודאי גייען מיר צוריק, — האָט קארל געענטפערט, אָבער ער האָט אַליין נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון די צוויי צעבראָכענע און אויסגעליידיקטע געשעפטן.

און ווי זיי האָבן זיך גענומען פאַרקערעוועון אויף צוריק, האָט זיך פון אַ זייטן־גאָס באַוויזן אַ מאַן, אָנגעטאָן אין דעם אוניפאָרם, וואָס האָט עמילן און קאַרל'ן, נעכטן אָוונט, אַזוי דערשראָקן אויף טויט און זיי אַריינגעיאָגט אין קעלער.

נאָר איצט איז שוין געווען צו־שפּעט צו אַנטלויפן. נישט צוזאַמענגערעדטערהייט זענען זיי ביידע געבליבן שטיין און אפילו נישט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווּוּ צו אַנטלויפן.

— און וואָס טוען איצט קינדער אין גאַס? — האָט דער ווילד־פרעמדער מאַן געפרעגט, אַנכאַפּנדיק עמילן ביים אַקסל.

— פאַרוואָס נישט אין שול?

ביידע קינדער זענען געשטאַנען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ.

— פאַרוואָס נישט אין שול? — האָט דער אומבאַקאַנטער אין אוניפאָרם געגעבן אַ געשריי, אַז דער קצב איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק אַ דערשראָקענער.

— ווייל, ווייל — האָט עמיל זיך צעשטאַמלט — ווייל איך בין אַ ייד.

עמיל האָט זיך צעוויינט און דער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט אים געהאַלטן, ווי אַן אַרעסטאַנט, איז נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז ער האָט גוט געהערט דעם ענטפער.

— פאַרוואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— ווייל איך בין אַ ייד — האָט עמיל געענטפערט דורך טרערן.

— אַזוי! — האָט זיך דער מאַן אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הייך, — אַ קליין יידעלע, איך האָב עס גלייך פאַרדעכטיקט!

דער מאַן מיט דעם פאַרבלוטיקטן פאַרטוך איז צוגעקומען נענטער.

דער מאַן אין אוניפאָרם האָט געוואַרט געדולדיק ביז יענער איז צוגעקומען גאָר־נאָענט. און אַז דער קצב האָט זיך גענומען איינקוקן מיט אַ שמייכעלע, האָט דער אומבאַקאַנטער אויפגעהויבן דעם רעכטן פוס און אים דערלאַנגט אַזאַ בריק, אַז

יענער איז אומגעפאַלן. ער האָט זיך אָבער שנעל אויפגעהויבן, געלאָפן אָן אַן אָפּשטעל צוריק צו דער באַנק און זיך אַוועקגע־זעצט.

פון דער באַנק האָט דער קצב גענומען שרייען:

— איר האָט נישט קיין רעכט צו שלאָגן אַן אייגענעם, קיין רעכט. ניין, קיין רעכט. אַבסאָלוט נישט קיין רעכט!

— און דו, וואָס ביסטו, אויך אַ יידעלע? — האָט זיך דער אומבאַקאַנטער גענומען צו קאַרל'ן.

— זיינער אַ פריינט, — האָט קאַרל געענטפערט שטיל.

— רעד העכער, דו שווייניש באַשעפעניש, אַ קליין יידעלע, האַ?

— אַ פריינט זיינער, — האָט קאַרל געענטפערט נאָך שטי־לער.

אַ פאַטש האָט אָפּגעקלונגען און קאַרל איז געפאַלן. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן איז אים פון דער נאָז געלאָפן אַ וואַרעמער שטראָם. ער האָט עס געוואָלט אָפּשטעלן מיט די הענט און זיי אינגאַנצן פאַרבלוטיקט.

עמיל האָט נאָך העכער געוויינט, ווען ער האָט דערזען דאָס בלוט וואָס האָט זיך געגאָסן פון קאַרלס נאָז.

— קום יידעלע, און דו יידעלעס פריינט, — האָט דער מאַן געזאָגט, און זיי גענומען שלעפּן.

— הער אויף צו וויינען, — האָט קאַרל שטיל געזאָגט עמילן.

כאָטש עמיל און קאַרל האָבן זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט האָט דער אומבאַקאַנטער זיי געשלעפּט מיט אַ ווילדער רציחה, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן צו אַנטלויפן.

דער מאַן אין אוניפאָרם איז מיט זיי אַריין אין אַ געסל, וואו מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. פּלוצים איז

פון אַ הויז אַרויס אַ נידעריקע און צעוואַקסענע פרוי. זי איז געבליבן שטיין און האָט מיט איר גאַנצן קערפּער פאַרשטעלט דעם וועג דעם אוניפאָרמירטן מאַן, וואָס האָט נאָך זיך געשלעפּט עמילן און קאַרל'ן.

די פרוי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— דו זאָלסט שוין אָפּלאָזן די צוויי קינדער, רודאָלף, דו הערסט, העלד מיינער, איך וועל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן, מיין טייערער מאַן.

— לאָז געמאַך, פליכט איז פליכט.

— איך וועל דיר שוין געבן אַ פליכט, דו העלד מיינער. וויפל ביר האָסטו אין זיך אַריינגעגאָסן? וואָס ווילסטו פון די צוויי קינדער?

ער האָט געוואָלט גיין ווייטער, אָבער זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אַ מויער און אים נישט געלאָזט.

— דאָס זענען אידעלעך!

— קינדער זענען קינדער, העלד מיינער, — און זי האָט אים אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים.

— איך וועל דיך מוזן אַרעסטירן, — האָט ער געשריגן,— איך וועל דערציילן דעם גאָוליטער. איך טו מיין פליכט און אַ ווייב טאָר נישט שטערן.

ער האָט איצט אַזוי פעסט געהאַלטן עמילן און קאַרל'ן, אַז ער האָט ביי זיי שיר אויסגעקניפּן שטיקער פלייש.

די פרוי האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַר אים און אים דורכגעלאָזט.

— גיי, גיי, העלד מיינער, טו דיין פליכט, אָבער געדענק! זאָלסט נישט וואַגן אַהיימצוקומען. איך וועל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן.

זי איז אפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און איז ווידער צוריק־געלאָפן.

רודאָלף, באַדענק זיך! וואָס טוסטו מיט די צוויי קינדער?

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן עמיל און קארל'ן מיט דער לינקער האַנט, געגעבן אַ קלאַפּ צוזאַמען ביידע שטיוול און אויפגעהויבן די רעכטע האַנט.

— עס איז מיין פליכט, הייל!

די פרוי האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און גענומען גיין מיט שנעלע טריט, ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פון אים.

אָבער לויפנדיק שנעל האָט זי געשריגן איבער דעם גאַנצן געסל.

— זויפער, לאָז אָפּ די קינדער! לאָז אָפּ די קינדער! גע־דענק, לאָז אָפּ די קינדער!

קאַפּיטל אַכט

אַזוי גיך, ווי עמיל און קארל זענען אַרויס פון דעם ענגן געסל, האָט זיי די זוניקייט אַ בליאַסק געטאָן אין פּנים. עס האָט זיך עמילן געדוכט, אַז עמיצער האָט מיט אַ גרויסן שפּיגל אַ שפּיל געטאָן די זון גלייך אין זיינע אויגן. ער איז געשטאַנען אַ פאַר־בלענדטער.

דער מאַן, וואָס האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן פעסט ביי די הענט, האָט זיי איצט געהאַלטן נאָך שטאַרקער, ווייל ער אַליין איז אויך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער פון דער זון.

ווען קארל האָט זיך גענומען צוגעוואוינען צו דער פלייצנ־דיקער ליכטיקייט האָט ער געמיינט, אַז ער שטייט לעבן אַ גרויסן טייך, וואו הונדערטער מענטשן באָדן זיך.

אבער אז עמיל און קארל האבן זיך גענומען צוקוקן, זענען זיי ערשט געוואָרן רעכט נייגעריק. קאַרל איז געווען אַזוי נײַ־געריק, אַז ער האָט זיך אָזש אַ ריס געטאָן און געוואָלט לויפן אויסצוגעפינען, וואָס קומט פאָר. אַבער דער מאַן האָט דערפילט דעם ריס און אים געהאַלטן. עמיל איז אויך געווען שטאַרק נײַגעריק, נאָר אים איז גאָרנישט אײַנגעגאַנגען. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן, אַז ווען דער מאַן באַפרײַט אים, וואָלט ער זיכער אַנטלאָפן פונדאַנען און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

אַזוינס האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען — נישט זונטאָג און נישט אַפילו אין אַ יום-טוב. זיי זענען געשטאַנען אויף אַ גרויסן סקווער. הונדערטער מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן, אַ סך זענען געלאָפן הין-און-צוריק. עס האָט זיך געהערט אַ טומל, אַ געשריי, אַ גערודער. קאַרל האָט געקוקט מיט אויגן וואָס זענען געוואָרן גרעסער און גרעסער.

אַבער וואָס נענטער זיי זענען געקומען צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, אַלץ אומפאַר־שטענדלעכער האָט עס גענומען אויסזען. איצט, אַז זיי האָבן שוין אַלץ געזען מיט די אויגן, האָבן זיי ערשט גאָרנישט פאַר־שטאַנען.

די מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד האָבן געריבן די שטיינער. דאָס איז געווען קלאָר, נאָר פאַר־וואָס רייבן זיי אַלע און וואַשן די גאַסן? אַבער נאָך אַ גרעסער וואונדער איז געווען, וואָס זיי טוען עס אָן באַרשטן, אָן שמאַטעס, נאָר מיט הוילע הענט.

נאָר עמיל און קאַרל האָבן לאַנג קיין צײַט נישט געהאַט צו טראַכטן און זיך צו וואונדערן. דער מאַן אין אוניפאָרם האָט זיי איבערגעגעבן צו אַן אַנדערן. ער האָט אַ הייב געטאָן די האַנט און געגעבן אַ זאָג:

— יידעלעך!

— זייער אנגענעם! — האָט דער אַנדערער געזאָגט קאַלט און רואיק.

און מיטאַמאָל האָט ער אומדערוואַרט געגעבן אַזאַ געשריי, אַז עמיל און קאַרל זענען געבליבן פאַרשטיינערט.

— נישט געשטאַנען! גלייך אויף דער ערד און געוואַשן, אָבער גיך!

ביידע זענען געפאַלן צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן אונטער־געשאָסן געוואָרן פון דעם שרעקלעכן געשריי. זיי האָבן גלייך גענומען רייבן די שטיינער הין־און־צוריק.

עמיל און קאַרל האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק מענטשן און צווישן זיי איז געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט וואַסער.

איבער זיי האָבן די גאַנצע צייט קאָמאַנדעוועט אַ פיר־פינף מענער אין אוניפאָרמען.

— איינגעטונקען אין דער שיסל! נישט רייבן אויף טרוקן!

עמיל און קאַרל האָבן אויך געטונקען די הענט אין שיסל און געריבן די שטיינער.

אָבער נאָך אַ צענדליק מאָל טונקען די הענט אין דער שיסל האָט קאַרל דערפילט אַ ברענעניש. נישט נאָר די הויט, נאָר אפילו די ביינער פון אינעווייניק האָבן געברענט, ווי ער וואָלט געטונקען די הענט אין אַ שיסל מיט זאַלץ אָדער פייער.

קאַרל האָט גענומען באַטראַכטן די הענט זיינע, וואָס האָבן אַליין אויסגעזען ווי שטיקער פייער. ער האָט אויפגעהערט רייבן די שטיינער. ער האָט דערפילט, אַז טאָמער וועט ער מיט די פייערדיקע הענט נאָך איינמאָל אַ רייב טאָן די שטיינער, וועט ער שרייען און שרייען פון ווייטאָג, און דאָס האָט ער נישט געוואָלט.

עמיל איז געלעגן אָפּגערוקט פון אים עטלעכע טריט. קאַרל

האָט געקוקט אויף זיין חבר און געזען, ווי ער רייבט שנעל מיט די הענט זיינע און וויינט אינדערשטיל.

— עמיל, עמיל! — האָט קאַרל גערופן, אָבער עמיל האָט אים נישט געהערט.

ווי קאָן ער דאָס, האָט קאַרל געטראַכט, ווי קאָן ער אַרבעטן מיט אַזעלכע הענט, וואָס ער טונקט אין דערזעלבער שיסל פון צעשמאָלצענעם פייער?

אפשר דערפאַר, וואָס ער וויינט, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. עס איז בעסער, אַז מען וויינט.

די הענט האָבן אַזוי שטאַרק געברענט, אַז קאַרל האָט געוואָלט פון זיי פטור ווערן. ווען אימיצער וואָלט אים געטאָן אַ טובה און זיי אָפּגעהאַקט, וואָלט ער געפילט אַ סך לייכטער. זיי זענען איצט געווען שמוציק, אָבער דורך דעם שמוץ האָט זיך אַרויסגעוויזן די צעוואונדיקטע רויטקייט. ערטערווייס האָט די הויט געפּלאַצט און ס'איז גערונען שוואַרץ בלוט.

אימיצער פון די אויפזעער האָט אים דערלאַנגט אַ בריק:

— אַרבעטן! נישט פוילן זיך! שמוציקער ייד!

מיטאַמאָל, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ:

— אפשר דערפאַר, ווייל עמיל איז אַ ייד?

קאַרל האָט עס קלאָר נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן:

— אפשר ווייל ער איז א ייד?

ער האָט שנעל געגעבן אַ טונק די האַנט אין דער שיסל און געריבן די שטיינער.

ווייל ער איז א ייד! ווייל ער איז א ייד!

עס איז אים געווען אַ ביסל לייכטער צו וואַשן די שטיינער, נישט קיין סך, נאָר אַ קליין ביסל לייכטער. ער האָט געריבן

הין-און-צוריק צו די ווערטער „ייד״, „ייד״, ווי צום טיקן פון א זייגער.

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף און נאָך אַ פייף. אַלע האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. איבער זיי איז געשטאַנען אַ רייזיקער מאַן. עמיל און קאַרל האָבן גיך אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן. דער מאַן האָט גערעדט און געשמייכלט. ער האָט גערעדט געלאַסן. יעדער וואָרט באַזונדער, און יעדער וואָרט איז אַרויסגעקומען מיט אַ שמייכעלע. עמיל און קאַרל האָבן קיין סך נישט פאַרשטאַנען, אָבער זיי זענען געווען צופרידן אַ ביסל אָפּצורוען די הענט.

דער מאַן האָט גערעדט און געשמייכלט. ער האָט דערציילט וועגן די זין פון ישראל, וואָס קריגן אַ גוטע געלעגנהייט צוריק-צוגיין צום אָנהייב פון זייער געשיכטע. זיי שפּילן עס איבער פון סאַמע אָנהייב.

— אָבער דאָרט, אין אַלטן עגיפּטן, האָבן זיי אָן שטרוי געמאַכט ציגל, איצט וואַשן זיי די שטיינער אָן באַרשטן, מיט די הוילע הענט. עס איז כמעט דאָסזעלבע.

און דער מאַן האָט צוגעלייגט מיט אַ שמייכעלע:

— מיט די ריינע, אינטעליגענטע הענט, מיט די דעליקאַטע הענטלעך, וואָס האָבן פיינט אַרבעט.

נאָר פון דעם עגיפּטן וועלן די זין פון ישראל קיינמאָל נישט אַרויס.

אָ, ניין! האָט דער מאַן געזאָגט שטיל, אָבער קלאָר, ווידער מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט שוין איצט קאַרל'ן געברענט ווי דאָס וואַסער אין דער שיסל.

— אין דעם עגיפּטן וועלן די זין פון ישראל שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן!

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף. אַלע זענען שוין איצט גע־קראָכן, ווי שלאַנגען און געריבן די שטיינער. די מענער אין אוניפאָרמען האָבן פון גרויסע פלעשער דערגאָסן די שיסלען, וואָס זענען שוין געווען באַלד אויסגעליידיקט. די אויפזעער האָבן גענומען לויפן הין־און־צוריק. זיי זענען געלאָפן איבער די קעפּ און איבער די הענט. עטלעכע, וואָס האָבן שטאַרקער פון אַנדערע דערפילט די שווערע, טרעטנדיקע שטיוול, זענען גע־בליבן ליגן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

עס האָבן זיך געטראָגן יאָמערלעכע געשרייען. קאַרל האָט מיטגעשריגן. ער איז געווען צופרידן מיטצושרייען מיט אַלע־מען. עס האָט זיך אים געדוכט אַז אַזוי איז אים גרינגער.

אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אַ פראַק און אַ צילינדער, איז פונקט אויסגעקומען לעבן קאַרל׳ן. ער האָט געריבן די שטיינער גיך־גיך. אַרום אים זענען געשטאַנען אַ דריי־פיר אויפזעער, און יעדעס מאָל, וואָס דער צילינדער איז אים אַרונטערגעפאַלן פון קאָפּ, האָבן די אויפזעער אים גלייך געצוואונגען צוריק אָנצוטאָן. אַז דער צילינדער איז ווידער אַרויף אויפן קאָפּ האָבן זיי געלאַכט מיט אַ קראַכנדיק געלעכטער.

פלוצים איז ער געבליבן ליגן און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— איך קאָן שוין מער נישט! איך קאָן שוין מער נישט! איך קאָן עס שוין לענגער נישט אויסהאַלטן! איך קאָן שוין מער נישט!

די אויפזעער האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעשלעפּט. זיי זענען אַוועק מיט אים אַזוי ווייט, ביז ער איז אינגאַנצן פאַר־שוואונדן. דער צילינדער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד לעבן קאַרל׳ן.

קאַפּיטל ניין

די אויפזועער האָבן געהאַלטן אין איין אָנטרייבן די הונדערטער מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. לאַנג ליגן אויף איין אָרט האָט מען נישט געלאָזט, מען האָט זיך געמוזט האַלטן אין איין רוקן. עמיל און קאַרל האָבן געזען, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען.

עטלעכע זענען געטריבן געוואָרן פון טראָטואַר אינמיטן גאַס אַריין. דער פאַרקער פון די אויטאָמאָבילן איז געווען אין פולן לויף. זיי האָבן דורכגעבליצט שנעל הין-און-צוריק און די מענער אין די אוניפאָרמען האָבן הנאה געהאַט צו זען, ווי די וואָס רייבן די שטיינער ווערן שיער נישט איבערגעפאָרן. זיי האָבן אָנגעקוואָלן, ווען זיי האָבן געזען ווי מען קריכט מיט שרעק אויף אַלע פיר, כדי זיך צו ראַטעווען. געווען אויך אַזעל־כע אויטאָמאָבילן־טרייבער, וואָס האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך די דערשראָקענע מענטשן. זיי האָבן געקערעוועט די אויטאָס אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן נאָר געוואָלט אימיצן איבערפאָרן. געוויינלעך האָט זיך אַזאַ אויטאָמאָביל פאַרנומען אויף איין מאַן און עס איז געוואָרן אַ מין וועט־געיעג צווישן דעם אויטאָ און דעם מאַן, וואָס איז געלאָפן קריכנדיק אין אַלע זייטן, כדי אויס־צומיידן אַ זיכערן טויט. אַזאַ שפּאַס האָט ביי די אויפזועער אַרויסגערופן קאָנוואולסיעס געלעכטער, עס איז זיי אַזוי געפעלן, אַז זיי האָבן גענומען טרייבן וואָס מער מענטשן אינמיטן גאַס אַריין.

עמילן האָט אָנגעהויבן צו איבלען. ער איז געווען שטאַרק הונגעריק, אָבער ווען מען וואָלט אים איצט געגעבן עפּעס צו עסן, וואָלט ער קיין ביסן אין מויל נישט געקאָנט נעמען. ער

האט געפילט, אז ער איז קראנק פון קאפ ביז די פיס. עס האט אים געשווינדלט פאר די אויגן.

לעבן קארל'ן האט זיך נאך אלץ געוואלגערט דער צילינדער. א מאן מיט א לאנגער גרייז־גרויער באָרד האט איצט גע־וואשן די שטיינער לעבן אים. ער האט געארבעט זייער גיך, ווי ער וואלט געוואלט וואס גיכער פארטיק ווערן. דער אלטיטש־קער האט זיך שטיל אונטערגעברומט א ניגון.

קארל האט געקאנט גוט הערן דעם ניגון, וואס איז געווען אי א טרויעריקער און אי א פריילעכער. דער מאן מיט דער לאנגער באָרד איז געווען א קליינטשיקער. אויף דער ערד האט ער אויסגעזען נישט קיין סך גרעסער פון קארל'ן.

מיט אמאל האבן די אוניפארמירטע יונגען דערזען דעם אלטן און דעם צילינדער, וואס האט זיך געוואלגערט צווישן אים און קארל'ן. איינער פון זיי האט מיט איין קלאפ ארונ־טערגעשמיסן דאס היטל, וואס דער אלטער האט געטראגן און אים אנגעטאן דעם צילינדער.

דער אלטער האט אויסגעזען מאדנע אין דעם צילינדער, וואס איז געווען צו גרויס פאר אים, און וואס האט געהאלטן אין איין ארונטערפאלן איבער די אויגן. דער אלטשיטשקער האט אים געמוזט כסדר ארויפרוקן, אבער דער צילינדער איז ביי יעדן רייב אויף די שטיינער ווידער ארונטערגעפאלן.

עס איז גלייך געווארן א רעדל. א צענדליק אוניפארמירטע אויפפאסער האבן זיך אוועקגעשטעלט ארום דעם אלטן און זיך געהאלטן ביי די זייטן לאכנדיק. איינער איז אזש אומגעפאלן פון געלעכטער. דער אלטער האט געהאלטן אין איין רוקן דעם צילינדער ארויף, אבער דער ברייטער צילינדער איז אלץ ארונ־טערגעפאלן ביי יעדער באוועגונג זיינער.

קארל האט גאנץ גוט געהערט, אז דורך דעם גאנצן גע־

לעכטער, ברומט נאָך אַלץ דער אַלטיטשקער זיין ניגונ׳דל. ער האָט אפילו געהערט ווי ער זינגט מאָדנע ווערטער.

— אוי, יא, טע, טי־די־דיי־דיילאָם, דיילאָם. אוי, יא, טע, טי־די־דיי, דיילאָם, דיילאָם.

וואָס העכער די חברה האָבן געלאַכט, אַלץ געוואַגטער איז דער אַלטשיטשקער געוואָרן אין זיין געזאַנג, ער האָט געזונגען נאָך העכער.

— אוי, יא, טע, טידי־דיי, דיילאָם, דיילאָם, דיילאָם. אוי, יא־טע־טי־די־דיי, דיילאָם, דיילאָם.

קאַרל האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען לאַכט אַזוי שטאַרק. קיינער וואָלט נישט געקאָנט באַווייזן דאָס וואָס דער אַלטער האָט איצט באַוויזן. ער האָט געריבן די שטיינער און פאַרריכט דעם צילינדער מיט אַזויפיל קונציקער פלינקייט, אַז עס איז געווען צו באַוואונדערן. אָבער דווקא די פלינקייט האָט ביי די יונגען אַרויסגערופן אַזאַ געלעכטער, אַז זיי האָבן שיר געפּלאַצט.

די חברה זענען מיד געוואָרן פון דעם שפּיל און זיי זענען געלאָפן ערגעץ אַנדערש. קאַרל האָט געזען, אַז אין אַן אַנדער ווינקל איז אויך אויסגעוואַקסן אַזאַ רעדל פרייליכמאַכער, אָבער וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן האָט ער נישט געקאָנט כאַפּן.

עמיל האָט פּלוצים אַרויסגעקרעכצט.

— איך בין קראַנק.

— זיי שטיל, יינגעלע — האָט דער אַלטיטשקער בגנבה אים אַ גלעט געגעבן איבערן קאָפּ — שטאַרק זיך! וואָס טוט דיר ווי, יינגעלע?

— אַלץ טוט מיר ווי און עס איבלט מיך — האָט עמיל געקרעכצט, באַקלאָגנדיק זיך פאַר דעם אַלטיטשקן.

— מען טאָר נישט זיין קראַנק, זאָלן זיי זיין קראַנק, נישט

מיר. אז מיר וועלן זיין קראנק וועלן מיר דאך נישט קאנען אויסהאלטן — האט דער אלטיטשקער גערעדט, געארבעט און געהאלטן אין איין פארריכטן דעם צילינדער מיט דערזעלבער פלינקייט, כאטש קיינער איז שוין איצט איבער אים נישט גע־שטאנען.

— מיר איז נישט גוט — האט עמיל געזאגט שטיל. ער איז געווארן בלאסער און בלאסער.

— הער זיך צו, ייִנגעלע — האט דער אלטיטשקער געזאגט, און גלייך גענומען זינגען זיין לידל, — הער זיך צו וועסטו פאר־געסן, אז ס'טוט דיר וויי.

—דיילאם, דיילאם, אוי, יא, טע, טי־די־דיי, דיילאם.

עמיל האט זיך גענומען איינהערן אין דעם לידל, און עס האט זיך אים געדוכט אז דאס זינגט דער זיידע זיינער. דער זיידע איז געווען א שניידער. ער האט געטראגן א יארמעלקע ביי דער ארבעט און געשפיגן אויף דעם פרעס־אייזן, און אז דאס אייזן האט געגעבן א זיד, האט ער זיך צעזונגען מיט אזא דיי־לאם,דיילאם.

קארל האט זיך צוגערוקט נענטער צום אלטיטשקן. דער אלטער איז איצט אויסגעקומען אינמיטן, צווישן עמיל און קארל'ן.

— אט, אזוי־א, טייערע ייִנגעלעך, יידישע ייִנגעלעך, א לעבן אויף אייך, א לעבן אויף אייך, דיילאם, דיילאם.

ער האט געארבעט פלינק־פלינק און ביידע קינדער האבן אויך מיטגעארבעט מיט גרויס חשק.

מיטאמאל האבן אלע דריי דערזען, אז אן אויפזעער שטייט און קוקט אויף זיי. עמיל און קארל זענען פארציטערט געווארן פון שרעק און זיי האבן אנגעהויבן ארבעטן נאך פלינקער. דער מאן אין אוניפארם איז געווען אן עלטערער, זיין פנים איז געווען

צעקנייטשט און פאַרגעלט. ער האָט זיך אַנגעבויגן און געפרעגט דעם אַלטיטשקן:

— ווי לאַנג אַרבעטן שוין די קינדער?

עמיל און קאַרל האָבן געהערט, אַז ער האָט געזאָגט קינדער, און עס האָט זיך זיי אפילו אויסגעדוכט, אַז ער האָט עס געזאָגט אַן בייזקייט.

דאָס האָט שוין קאַרל'ן געגעבן מוט און ער האָט געענטפערט:

— שוין זייער לאַנג, פון נאָך פרישטיק אָן.

— איר קענט גיין אַהיים. עס וועט זיין גענוג פאַר אייך.

עמיל האָט אים אויף דער מינוט געוואָלט ענטפערן, אַז ער האָט נישט קיין היים, אָבער ער האָט זיך באַדענקט. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועלן זיך אָנהייבן פראַגן און ער האָט שוין געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן.

— קענען מיר גיין? — האָט קאַרל איבערגעפרעגט. ווייל ער איז נישט געווען זיכער, אַז עס האָט אים און עמילן פּלוצים געטראָפן אַזאַ גליק.

— יאָ, קינדער, איר קאָנט גיין. — און ער האָט זיך פאַרטראַכט — איר ווייסט וואָס? איך וועל אייך אַרויספירן פונדאַנען, ביז איר וועט זיין אַרויס פון געפאַר.

עמיל איז געווען דער ערשטער זיך אויפצוהייבן און דער ערשטער אַ געשריי צו טאָן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער ווערט איבערגעבראָכן אין עטלעכע שטיק. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן.

— דער וואָס האָט אייך דאָ אַהער פאַרשלעפּט איז — דעם אויפזעערס פּנים איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט פייער. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער

ער האָט זיך באַהערשט. — דער וואָס האָט אייך אַהער גע־בראַכט איז אַ גרויסער נאַר. קומט!

ער האָט פאַרזיכטיק אויפגעהויבן קאַרל׳ן פון דער ערד. קאַרל האָט זיך אויך קוים אויסגעגלייכט. דער מאַן האָט אים נישט־ווילנדיק אָנגערירט די האַנט און קאַרל האָט אַ טאַנץ גע־טאָן פון ווייטאָג. ער האָט געטרייסלט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך נאַר־וואָס שרעקלעך אָפּגעבריט.

— עס טוט דיר שטאַרק וויי? — האָט דער אויפפּאַסער געפרעגט טרוקן.

קאַרל האָט פאַרביסן די ליפּן, פון די אויגן זענען אים גע־רינען טרערן, אַזוי האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרץ.

— מורא׳דיק! עס טוט שרעקלעך וויי.

דער אויפפּאַסער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, אָבער ער האָט זיך צוריק אומגעקערט און געזאָגט צום אַלטיטשקן:

פאַר דיר, אַלטער, וועט שוין אויך זיין גענוג, דו האָסט שוין דיינס אָפּגעאַרבעט.

דער אַלטער האָט צוגעהאַלטן דעם צילינדער מיט איין האַנט און געפרעגט מיט אַ רואיק פּנים.

— איך? פאַרוואָס עפּעס איך? פאַרוואָס קומט עס מיר? נישקשה, איך האָב נאָך כּוח, גאָט צו דאַנקען, צו בלייבן דאָ מיט מיינע ברידער. דערפאַר, זעט איר, וואָס איר ראַטעוועט די קינדער, וועט אייך גאָט באַלוינען.

— הייבט זיך אויף! — האָט דער מאַן אין אוניפאָרם כמעט אָנגעשריגן אויף אים. ער האָט אויפגעהויבן דעם אַלטנס היטל, וואָס איז געלעגן נישט ווייט, און עס אים דערלאַנגט. ער האָט אַרונטערגעשלעפּט דעם צילינדער און אים אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד, טרעטנדיק אים מיט די פיס.

הייב זיך אויף, הייב זיך אויף! — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש — און קום מיט מיר.

דער אַלטער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. ער האָט צום ערשטן אויסגעגלעט די באָרד, ווי דאָס וואָלט געווען די איינציקע זאַך, וואָס איז אים צעקנייטשט געוואָרן ליגנדיק אויף דער ערד. אַז ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער שאַרף אָנגעקוקט דעם אויפזעער. ער איז אפשר געווען אַ העלפט די גרויס פון דעם מאַן אין אוניפאָרם, אָבער ער האָט אַרויפגעקוקט צו אים אָן מורא.

— וואָס וועט זיין מיט זיי אַלעמען? ווער וועט זיי העלפן? זיי וועלן דאָ אַזוי קריכן? — האָט ער געזאָגט כמעט מיט כעס — אַבי איך האָב זיך געראַטעוועט?

דער אויפפּאַסער האָט גאָרנישט געענטפערט. זיין פּנים איז געוואָרן נאָך צעקנייטשטער, ווי עס וואָלט געווען אינגאַנצן פון פּאַפּיר.

— דו שטעלסט מיר, אַלטער, פראַגן, וואָס איך קאָן נישט פאַרענטפערן. קום בעסער אַרויס פונדאַנען.

דער אַלטיטשקער איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער, עמיל און קאַרל האָבן זיך געטוליעט צו אים.

— נו, אוודאי, — האָט ער געזאָגט, — אַ מענטש קאָן דאָס נישט פאַרענטפערן.

יאָ, ביסט גערעכט, אַ מענטש קאָן דאָס נישט פאַרענטפערן. איין מענטש זיכער נישט. יעדער איינער באַזונדער איז מאַכטלאָז.

עס זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע יונגען אין אוניפאָרמען און אַלע האָבן געהויבן די הענט צום אויפפּאַסער מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט זיי געענטפערט מיט דער געהויבענער האַנט און מיט אַ שטרענג פּנים.

דער אַלטיטשקער איז געבליבן שטיין און געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויף צוריק צו דער גרויסער מחנה קריכנדיקע

מענער און פרויען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און עפּעס גע־מורמלט מיט די ליפּן.

ווען זיי זענען שוין געווען אין אַן אַנדער גאַס, וואו אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין שטיל און רואיק, — אַ סך רואיקער און שטילער, ווי אַזאַ גאַס דאַרף געוויינלעך זיין — איז דער אויפּ־פּאַסער געבליבן שטיין.

נו, איר קאָנט שוין דאָ זיין גאַנץ זיכער, אַז מען וועט אייך נישט טשעפּען — און ער האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען אויף אַוועקגיין.

נאָר קאַרל האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַ ריר ביים אַרבל.

— איך וויל אייך עפּעס פרעגן, איך וויל אייך פרעגן אַ קליינע פראַגע.

— פרעג, האָב נישט קיין מורא! — האָט דער מאַן גע־זאָגט — פרעג וואָס דו ווילסט.

קאַרל האָט געטראַכט, ווי ער וואָלט געקליבן די ווערטער אין קאָפּ, אָבער מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

—צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? — ער האָט געקוקט אויף דעם אויפּפּאַסער מיט גרויסע בלויע פרעגנדיקע אויגן.

דער מאַן אין אוניפאָרם איז געשטאַנען שטום עטלעכע מינוט און אָנגעקוקט די קינדער. ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און זיך געלאָזט גיין. עמיל און קאַרל האָבן עט־לעכע מאָל אומגעדרייט די קעפּ צו זען, אויב דער מאַן קוקט זיך אום, אָבער ניין, ער איז געגאַנגען גיך, ביז ער איז פאַר־שוואונדן.

דער אַלטיטשקער האָט אַזש אונטערגעטאַנצט פון פרייד.

איי ביסטו אַ חכם, איי האָסטו אים געשטעלט די ריכטיקע קשיה. צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? איי איז דאָס אַ פראַגע.

און פון גרויס פרייד האָט ער צוריק אָנגעהויבן צו זינגען זיין לידעלע.

— אוי, דיילאָם, דיילאָם, יאַ־טע, טי־די־דיי, דיילאָם, דיי־לאָם.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און זיך דערלאַנגט אַ פּאַטש אין שטערן.

— שוין פאַרגעסן! אַנגעוואוירן אַזאַ גאָלדענע פראַגע! מוזט מיר כאַטש נאָך אַמאָל איבער׳חזר׳ן, וואָס אַזוינס האָסטו אים אַריינגעפרעגט?

קאַרל האָט אָנגעהויבן דערפּילן אַ מאָדנעם טעם אין זיין אייגענער פראַגע. ער האָט זי איבערגע׳חזר׳ט צוויי מאָל.

— צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? צו וואָס דאַרפן זיי דאָס?

טייער ווי גאָלד! ביסט נעבעך געדעכט. דאָס וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איר האָט געזען, קינדערלעך, ווי ער איז אַוועק אַ שווייגנדיקער? ניין, ער וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַזאַ פראַגע קאָן מען אַזוי גיך נישט פאַר־ענטפערן.

קאַפּיטל צען

דער אַלטיטשקער איז געגאַנגען און עמיל און קאַרל האָבן נאָכגעבלאָנדזשעט גלאַט אין דער וועלט אַריין. די גאַסן זענען געווען בלינדע. עמיל און קאַרל האָבן נישט געוואוסט, וואוהין זיי גייען און עס האָט זיי נישט געאַרט.

עמיל האָט שוין איצט געהאַט אָנגעוואוירן זיין שרעק. דאָס, וואָס עס האָט מיט אים היינט געטראָפן, איז געווען ער־גער, אַ סך ערגער פון זיין פריערדיקן שרעק. ער איז געגאַנגען מיט גלייכגילטיקע טריט און עס האָט אים גאָרנישט געאַרט וואוהין ער וועט דערבלאָנדזשען.

אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז איצט אַ גרויס יינגל, גאָר אַ גרויס. ער האָט אַפילו ביי זיך באַשלאָסן מער נישט

צו וויינען. ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַ שפּיגלדיקע שויב און ער איז געווען איבערראַשט, וואָס ער איז נישט אויפגעוואַקסן אויף אַ האָר. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז דער אַלטיטש־קער איז אויך אַ קליינער, אַז ער איז שיר אַזוי הויך ווי ער.

דער אַלטער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן פֿון זיי.

— זענט איר טייערע יינגעלעך, לאַנג לעבן זאָלט איר! טאַטע־מאַמע וועלן פֿון אייך האָבן אַ סך פֿרייד. זאָל נאָר גאָט העלפֿן, זאָל נאָר גאָט האָבן רחמנות אויף אונז.

— מיר האָבן נישט קיין טאַטע־מאַמע — האָט קאַרל געזאָגט.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— נישט קיין טאַטע און נישט קיין מאַמע?

— ניין, — האָט קאַרל געענטפֿערט.

— נישט דו און נישט ער? — האָט דער אַלטער איבער־געפֿרעגט מיט אַ דערשראָקן קול.

— אונזערע טאַטעס זענען געשטאָרבן און די מאַמעס זענען אויך נישטאָ.

— יתומים, נעבעך, קיילעכדיקע יתומים, — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין.

עמיל האָט געוואָלט דערציילן, וואָס עס איז געשען מיט זיין טאַטן, מיט זיין מאַמען, מיט קאַרלס טאַטן און מיט קאַרלס מאַמען, אָבער ער האָט דערפֿילט, אַז עס איז צופֿיל צו רעדן, און אים האָט איצט גאָרנישט געאַרט, גאָרנישט; אים האָט זיך נישט געגלוסט צו רעדן קיין איין וואָרט.

קאַרל איז געווען דער ערשטער אויסצושרייען, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערקענען די גאַסן.

— זעסט, עמיל, אָט זענען מיר שוין נישט ווייט פֿון דיין הויז. פֿונדאַנען איז אַ שפּרונג צו מיין הויז.

— מיט וועמען וואוינט איר, יינגעלעך? — האָט דער אַלטיטשקער געפרעגט.

קאַרל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר זיין פרייד און פאַר זיין אויסשרייען דיין הויז, מיין הויז. ער האָט אַרונטערגעהאַנגען דעם קאָפּ.

— דאָ האָבן מיר געוואוינט — און ער האָט צוגעגעבן — אָבער איצט וואוינען מיר ביי פריינט. דער וועכטער פון הויז, וואו מיר האָבן אַמאָל געוואוינט האָט אונדז אַריינגענומען. ער איז אַ גוטער מענטש און זיין ווייב איז אויך אַ גוטע.

— דאַנקען גאָט. דאַנקען גאָט, — האָט דער אַלטער געזאָגט — אוודאי, וואָס דען, עס זענען שוין אינגאַנצן קיין מענטשן נישטאָ? נאָך דאָ מענטשן אויף דער וועלט. נאָך דאָ, — און אַ פרייד האָט זיך צעשטראַלט אויף זיין פּנים.

— נו, זייט מיר געזונט און איר זאָלט באַהיט ווערן פון שלעכטס. — האָט דער אַלטער זיך געזעגנט.

— זיי געזונט, זיידע, — האָט עמיל געזאָגט.

— אַ וואויל יינגעלע — האָט דער אַלטער הנאה געהאַט און ער האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקעלע.

אַז דער אַלטער איז אַוועק האָט קאַרל געוואָלט וויסן, וואָס עס איז אַזוינס זיידע. עמיל האָט אים דערקלערט, אַז אַזוי האָט מען גערופן דעם טאַטנס טאַטן זיינעם.

קאַרל האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין פון עמילן און ער איז נאָכגעלאָפן דעם אַלטן.

— זיי געזונט, זיידע, — האָט ער אים געזאָגט אַ פאַרסאַפּעטער — ביסט אַ זיידע, מיר אויך אַ זיידע.

דער אַלטער האָט איצט געהאַט אַ שמייכל איבערן גאַנצן פּנים. ער האָט זיך געגלעט די באָרד און ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט געגלעט קאַרל'ן איינמאָל און צוויי מאָל איבערן קאָפּ און ער האָט גע־

נומען זינגען דאָס ניגונ׳דל זיינס, וואָס ער האָט געזונגען ביים פוצן די שטיינער.

אוי האָט דאָס קאַרל׳ן הנאה געטאָן! עס האָט זיך אים איצט געדוכט, אַז נאָך דאָס איינציקע מאָל איז טאַקע נייטיק געווען פאַר אים צו הערן דעם ניגון, כדי ער זאָל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— עס איז זייער אַ שיינער ניגון — האָט קאַרל זיך גע־שמאָלצן.

— עס איז דען מיין ניגון? — האָט דער אַלטער געזאָגט — גלייב מיר, אַז דער ניגון איז עלטער פון מיר. מיין טאַטע האָט אים געזונגען און מיין טאַטנס טאַטע אויך.

— עס איז אַ זיידע־ניגון — האָט קאַרל געזאָגט.

— אָט־אָט, פאַרשטייסט עס ריכטיק. וואָס־זשע זאָל איך דיר ווינטשן? זאָלסט אויפוואַקסן און אַליין אַמאָל זיין אַ זיידע.

ווען קאַרל איז צוריקגעקומען צו עמילן, איז עמיל נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט אַ פאַרטראַכטער.

— איך האָב אים ליב — האָט קאַרל געזאָגט.

— איך אויך — האָט עמיל געזאָגט.

— מיר וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן — האָט קאַרל געזאָגט.

— אָבער מיר ווייסן דאָך אפילו נישט ווי ער הייסט? — האָט עמיל געפרעגט.

— האָסט דען אַליין נישט געזאָגט — האָט קאַרל זיך גע־וואונדערט — אַז ער הייסט זיידע? עס איז זייער לייכט צו געדענקען.

זיי זענען צוגעקומען צום הויז, וואו קאַרל האָט גע־וואוינט. אַרום הויז איז געווען שטיל. אַלע פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט. דאָס איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש איז

געווען אַ קעצל, וואָס האָט זיך געוואַרעמט אין דער זון און גע־געניצט.

זעסט, האָט קאַרל געזאָגט, אַט איז דאָס קעצל פון קעלער. סע וואַרט אויף אונדז.

זיי זענען גלייך אַרונטער די עטלעכע טרעפּ צום קעלער און געעפנט די טיר.

דעם הויז־וועכטערס פרוי איז אויפגעשפּרונגען.

— וואו זענט איר געווען, קינדער? איך האָב דאָך נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. שוין איבער פינף שעה, וואָס איר זענט פאַרשוואונדן פון הויז.

עמיל האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט געזאָגט איבער פינף שעה. אים האָט זיך געדוכט, אַז עס זענען שוין אַוועק גוטע פינף וואָכן, זינט ער און קאַרל האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט פון הויז. גוואַלט, וואָס איז שוין אין די פינף שעה נישט פאַר־געקומען!

קאַרל האָט גענומען דערציילן און דערציילן, אָבער מיט־אַמאָל האָט ער געזען, אַז אירע אויגן זענען פאַרוויינט.

וואו איז יאָזעף? — האָט ער געפרעגט מיט שרעק און זיך גענומען אַרומקוקן אין דער טונקעלער קעלער־שטוב.

דעם הויז־וועכטערס פרוי האָט פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין. זי האָט געוויינט און געוויינט און נישט געקאָנט קומען צו־זיך.

אַז זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט זי דערציילט, אַז מיט עטלעכע שעה צוריק זענען געקומען שטורם־אַרמייער און אים אַרעסטירט. זיי האָבן אויך אַרעסטירט דעם הער שנייד־מעסער אויבן.

— הער שנייד־מעסער איז דער מאַן, וואָס האָט אונדז דער־לאַנגט דאָס געבראָטנס — האָט קאַרל שטיל געזאָגט עמילן.

קאַרל האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט געוואָלט אויף אימיצן טופּען מיט די פיס, שרייען,

אבער ער האָט נישט געוואוסט אויף וועמען. וועד טוט עס די אַלע זאַכן? ער האָט געקוקט אויף דער סטעליע און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע הויז וועט באַלד איינפאַלן. דאָס הויז האָט דאָך לעבער. זיין אייגן הויז איז ליידיק, דאָס גוטנ־גלאָס הויז איז ליידיק, שניידמעסער אַרעסטירט, יאָזעף אַרעס־טירט. דאָס הויז וועט זיך זיכער נישט האַלטן. עס וועט מוזן איינפאַלן.

דעם הויז־וועכטערס פרוי האָט פאַרזיכטיק אַרומגעוואַשן קאַרלס און עמילס הענט מיט וואַרעם וואַסער. זי האָט געקוקט אויף די רויטע, אויפגעשוואָלענע הענט און ווידער געוויינט.

ביי עמילן זענען די הויזן געווען צעריסן אין ביידע קני און ביי קאַרל׳ן בלויז אויף דער רעכטער קני. זי האָט ביי ביידע אַרונטערגענומען די הויזן און זיי צוגעלייגט וואַרעמע קאָמ־פּרעסן.

זי האָט זיי געגעבן צו עסן הייסע זופּ. עמיל האָט געגעסן אָן אַפּעטיט, קאַרל האָט געגעסן געשמאַק, כאָטש ביים עסן האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם וואָשן די שטיי־נער, וועגן דעם אויפּפּאַסער, וואָס האָט זיי געראַטעוועט און וועגן זיידע.

שפּעטער האָט זי זיך געזעצט פאַרלאַטען די צעריסענע הויזן און די קינדער האָט זי געלייגט אין בעט אַריין.

— עס איז נאָך פרי — האָט בערטאַ געזאָגט, — נאָר איר מוזט זיין גוט מיד. ליגט אין בעט אפילו, אַז איר קאָנט נישט שלאָפן.

אין בעט איז זיי טאַקע געווען גוט. די וואַרעמקייט האָט זיי אַ ביסל אויסגעגלייכט די ביינער.

— מיר טוען וויי די פיס מיט די הענט, — האָט קאַרל זיך באַקלאָגט.

— און מיר טוט אַלץ וויי — האָט עמיל געענטפערט, — דער קאָפּ אויך.

דעם הויז־וועכטערס פרוי האָט שוויינענדיק געלאָטעט די הויזן און זיך איינגעהערט, ווי קארל דערציילט און דער־ציילט. פון צייט־צו־צייט האָט זי געשטעלט אַ פראַגע, נישט־אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון דער אַרבעט.

— ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער אויפּפּאַסער, וואָס האָט אייך באַפרייט? — האָט זי געפרעגט.

— אַ, ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, ער האָט גע־האַט אַ שטיל פּנים און ער האָט אויסגעזען ערנסט, איך וואָלט אים דערקענט אויפן גאַס — האָט קארל געזאָגט.

— איך אויך — האָט עמיל צוגעגעבן.

— און זיידע וואָלט איך אוודאי דערקענט — האָט קארל געזאָגט, — אָבער די אַנדערע יונגען אין די אוניפאָרמען וואָלט איך נישט דערקענט. זיי האָבן אויסגעזען אַלע גלייך, אַלע האָבן געהאַט איין אוניפאָרם און איין פּנים.

— דאָס איז גאַנץ ריכטיק, בלויז גוטע מענטשן האָבן אַ פּנים. גוטע מענטשן קאָן מען דערקענען, אָבער שלעכטע מענטשן זענען שטאַרק ענלעך איינער אויף דעם אַנדערן — האָט זי געזאָגט שטיל, ווי פאַר־זיך.

קארל האָט נאָכגעטראַכט און עמיל האָט אויך געשוויגן.

— מאָדנע, דאָס איז טאַקע אַזוי — האָט קארל געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך, ווי יעדער גוטער מענטש האָט אויסגעזען. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט אין דעם ראַבינער, וואָס איז געווען אין עמילס הויז. אָבער די פּנים׳ער פון די דריי מענער וואָס האָבן זיין מאַמען אוועקגעריסן האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען.

אַז בערטאַ איז פאַרטיג געוואָרן מיט די הויזן, האָט זי גע־נומען אויסלעשן די לאָמפּן.

— עס איז שוין שפּעט — האָט זי געזאָגט אין דער פינסטער — מאָרגן איז זונטאָג, מאָרגן וועלן מיר צוטראַכטן אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן מיט אייך. איך מוז אוועקפאָרן צו מיין מאַמען, איך

האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן. איך בין דאָ אַליין און מיין מאַמע וואוינט ווייט פונדאַנען. מען מוז פאָרן מיט דער באַן אַ פיר־פינף שעה. נאָר אַזוי איבערלאָזן וועל איך אייך נישט. אין דעם קענט איר גאַנץ זיכער זיין. אַ גוטע נאַכט, קינדער.

קאַרל איז געוואָרן שטאַרק טרויעריק. ער האָט מורא געהאַט פאַר די מאָרגנדיקע פּלענער.

— אַ גוטע נאַכט — האָט ער געענטפערט.

ער האָט זיך איינגעהערט און זיך געוואונדערט פאַרוואָס עמיל שווייגט. אָבער ער האָט געהערט, אַז ער אָטעמט ווי אַ שלאָפנדיקער.

— עמיל שלאָפט — האָט קאַרל פאַרענטפערט זיין חבר פאַרוואָס ער זאָגט נישט אַ גוטע נאַכט.

— אומגליקלעכער יונג — האָט די פרוי געזאָגט — זיי האָבן אים פאַרמוטשעט.

קאַפּיטל עלף

אין דער פרי האָבן זיך קאַרלס אויגן באַגעגנט מיט אַ פּאָר ברוינע, שמייכלענדיקע אויגן, און אַ רגע בלויז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז זיין מאַמעס שמייכל. עס איז אים געווען גוט זיך צו וואַרעמען, אַ האַלב־שלאָפנדיקער, אין דעם שמייכל.

שפּעטער, אַז ער האָט זיך ביסלעכוויים אַרויסגעוויקלט פון שלאָף, האָט ער געזען, אַז דאָס איז דער הויז־וועכטערינס טרויעריקער שמייכל. זי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ רענצל און עס געהאַלטן אין איין צודריקן מיט אַ קני, כדי עס זאָל אַריין וואָס־מער קליידער.

עמיל איז שוין געזעסן אויף אַ בענקל און געטרונקען מילך. ער האָט אויסגעזען אויפגעפרישט, זיין העמד איז געווען אויס־

געוואַשן און אויסגעפּרעסט, ער אַליין איז געווען אַן אויסגע־צוואָגענער.

קאַרל האָט גלייך דערשמעקט, אַז עס איז זונטיק. דורך דעם קעלער־פענצטער האָט זיך דורכגעזיפּט אַ ווייכע ליכטיקייט און אַן אַנגענעמע שטילקייט.

— מיר וואַרטן שוין אויף דיר גענוג לאַנג — האָט עמיל אים באַגריסט.

ערשט איצט האָט זיך קאַרל אויף אַן אמת אויסגעטשוכעט, ווייל ביז ער האָט דערהערט עמילס קול האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין שליסן און עפענען די אויגן.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און געוואָלט אַ כאַפּ טאָן דאָס העמד זיינס, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אַן אויס־געפּרעסטס און אַן אויסגעוואַשנס, אויף אַ בענקל לעבן זיין בעט.

אָ, ניין, האָט די הויז־וועכטערין געזאָגט — דאָס גייט נישט. וועסט זיך פריער מוזן גאַנץ גוט אַרומוואַשן.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל מיט קאַלט וואַסער און ער האָט זיך גענומען פּלעסקן, ווי ער וואָלט דאָרט אַרומגע־שוואומען. ער האָט הנאה געהאַט פון קאַלטן וואַסער און ער האָט זיך אַלע מאָל געשפּריצט אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט זיך אַליין געמינטערט.

אָבער די הויז־וועכטערין האָט אים לאַנג נישט געלאָזט וואוילגיין. זי האָט אים גענומען אין די הענט אַריין און אים געוואַשן און געצוואָגן. זי האָט אים געריבן מיט זייף, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט זי קראַצט אַרונטער פון אים די הויט. שפּעטער האָט זי אים גוט אויסגעקעמט די האָר און אים גע־מאַכט אַ שריינט אין מיטן.

עמיל און קאַרל האָבן איצט הנאה געהאַט צו קוקן איינער אויף דעם אַנדערן. עמיל האָט זיך דערמאָנט אין יענע טעג, ווען ער פלעגט זיך באַגעגענען אויף דעם שול־הויף מיט זיין

חבר, אין יענע פריילעכע טעג, ווען אַלע קינדער האָבן זיך נאָך מיט אים געשפּילט.

און דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין יענע טעג, איז אים געוואָרן טרויעריק אויפן האַרץ. ער האָט גענומען איבערטראַכטן, וואָס עס איז שוין פאַרגעקומען דורך דער צייט, און ער האָט זיך ניט געקאָנט גלייבן. ער האָט זיך פּרובירט דערמאָנען, ווי לאַנג עס איז שוין זינט יענער נאַכט, ווען מען האָט דעם טאַטן געשלאָגן און אים אַרויסגע־שלעפּט פון הויז. ער האָט גענומען ציילן: אַ נאַכט, אַ טאָג, אַ טאָג, אַ נאַכט, אָבער ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט.

— ער האָט בלויז געדענקט, אַז ווען ער איז אַרויס פון זיין הויז, איז ער געוועזן אַליין אויף דער וועלט. אויסער זיין חבר קאַרלען האָט ער קיינעם נישט געהאַט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דער פרוי, וואָס איז איצט גע־שטאַנען און צוגעגרייט פרישטיק. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און זי אַרומגענומען.

זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט געשלאָסן די אויגן און אים געהאַלטן אַרומגענומען, פון אירע פאַרמאַכטע אויגן זענען גערונען טרערן.

— קום אַהער, קאַרל, צו מיר — האָט זי אים אויך גערופן און געטרייסט ביידע קינדער. — עס וועט נאָך גוט זיין, עס וועט נאָך גוט זיין. היינט געזעגענען מיר זיך, אָבער יאָזעף וועט נאָך צוריקקומען און מיר וועלן זיך ווידער פרייען.

נאָר אירע אויגן האָבן זיך נישט געלאָזט טרייסטן. זי האָט געהאַלטן אין איין גיסן מיט טרערן.

עמיל האָט זיך איצט געפילט אַ סך פרייער און מונ־טערער. ווען ער איז שפּעטער געגאַנגען מיט דער הויז־וועכ־טערין און מיט קאַרל'ן אין פּאַרק אַריין, איז אים געווען אַ סך לייכטער ווי נעכטן, בעת ער איז אַרויסגעלאָפן אַ שרעקנדיקער פון הויז.

נאָר אַזוי שנעל, ווי זיי זענען אַריין אין פּאַרק האָבן זיך דערהערט ווילדע געשרייען און געלעכטערס. עמיל האָט זיך שיר אויסגעריסן פון דער הויז-ווערכטערינס הענט. די הויז-ווערכטערין אַליין האָט אויך געוואָלט לויפן, אָבער פון גרוים שרעק איז זי געבליבן שטיין אויף אַן אָרט און געהאַלטן ביידע קינדער פעסט ביי די הענט.

דער פּאַרק איז געווען קליין און עמיל און קאַרל האָבן געקענט יעדעם ווינקעלע. נישט איין זונטיק האָבן זיי דאָ שפּאַצירט. איצט איז מען געשטאַנען קעפּ-אויף-קעפּ. אפילו ווען עמיל און קאַרל וואָלטן געוואָלט אַנטלויפן, וואָלטן זיי זיכער נישט געקאָנט דורכשטופּן. מען האָט געהאַלטן אין איין לויפן פון טויער אַנטקעגן זיי און עס איז פשוט נישט געווען קיין אָרט, וואו צו שטעלן אַ טריט.

די געשרייען און די געלעכטערס האָבן געגליווערט דאָס בלוט. אַ שטורם-אַרמייער אין אוניפאָרם איז פאַרביי־געלאָפן און אָפּגעשטעלט די הויז ווערכטערין.

אַן אַריערין? האָט ער געפרעגט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער האָט געכאַפּט אַ שאַרפן קוק אויף איר און אויף ביידע קינדער. ער האָט זיך צעשמייכלט.

— גוט, מוטערל, גיי מיט די קינדער ווייטער. זיי וועלן זיך דאָרט גוט אַמוזירן.

אַ געליימטע פון שרעק איז די הויז-ווערכטערין געגאַנגען אין סאַמע געדיכטעניש פון עולם און געשלעפּט נאָך זיך ביידע קינדער.

זי האָט זיך דערשטופּט צו אַן אָפן פּלאַץ. עטלעכע האָבן געשריגן און פּראָטעסטירט פאַרוואָס זי שטופּט זיך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּרעכקייט? וואָס פאַר אַ שטו־פּעניש?

זי האָט שוין געוואָלט צוריקטרעטן, אָבער אַנדערע האָבן זיך פאַר איר אַנגענומען.

— זאָלן זיך די קינדער אַמוזירן. עס איז גוט, אַז דייטשע קינדער זאָלן זיך אַמוזירן — האָבן זיי גערעדט מיט װאַרעמקייט װעגן די קינדער. זייערע פּנים׳ער האָבן זיך געשמאָלצן פון גוטסקייט.

די הויז־וועכטערין איז ווידער אויסגעקומען נענטער צו אַן אָפן פלאַץ. צוזאַמען מיט איר האָבן זיך געדרענגט פאָראויס נאָך טאַטעס און מאַמעס מיט קינדער.

אין מיטן פּאַרק איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויס ראָד. אין ראָד זענען געשטאַנען צענדליקע מענער, פרויען און קינדער. קאַרל האָט גלייך דערזען, אַז זיי געהערן נישט צום זונטיקדיקן עולם.

יידן! האָט עמיל אויסגעשריגן.

בערטאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין מויל. ער האָט געוואָלט נאָך אַמאָל אויסשרייען, אָבער ער האָט דערפילט די װאַרעמקייט פון איר האַנט.

אין ראָד זענען אויך געשטאַנען צענדליקע שטורם־אַרמייער. לעבן עמיל און קאַרל׳ן האָט זיך געשטופּט איינער, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט און פייפן.

— זאָל עס זיך שוין אָנהייבן! דאָס דייטשע פאָלק איז אומגעדולדיק!

דאָס פּאַטשערייַ איז אויפגענומען געוואָרן פון אַ סך אַנדערע.

— אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט מען געשלעפּט די פאַרפלוכטע יידן פון די הייזער. פון אונדזער הויז האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַלעמען — האָט אַ יונגע פרוי מיט אַ זון־שירעם איבערן קאָפּ דערציילט מיט אַ שמייכעלע.

פאַרזיכטיק מיט דעם זון־שירם! איר וועט אימיצן אַרויס־
נעמען אַן אויג — האָט מען זי געוואָרנט.

— ביי אונדז האָט מען אויך אויסגעריייניקט דאָס הויז פון
אַלע יידן — האָט אַ הויכער, דאַרער מאַן, וואָס האָט אויסגע־
קוקט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף שטאָלצן, געזאָגט הויך.

— און וואָס וועט דאָ היינט פאַרקומען? האָט אַ מאַן, וואָס
האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט דורכגעשטופּט מיט די עלנבויגנס,
געוואָלט וויסן.

— אַט אַן אומוויסנדיקער מענטש — האָט אים אַ צווייטער
פאַרגעוואָרפן שפּאָטיש — פאַרפלוכטע ניט־אַריער וועלן אַמו־
זירן די אַריער.

— קאָלאָסאַל — האָט דער מאַן אויסגערופן — נישט מער
ווי רעכט. מען דאַרף עס מאַכן פאַר אַ געזעץ אויף אַלע זונטיק.

— מען וועט עס זיכער מאַכן! עס איז אַ רחמנות אויף די
שטורם־אַרמייער, ווי זיי אַרבעטן דאָס! פון פאַרטאָג אָן שלעפּן
זיי די יידן.

דער מאַן, וואָס איז געווען דער ערשטער צו פּאַטשן מיט
די הענט, האָט איצט אָנגעהויבן פּאַטשן נאָך שטאַרקער. עס
האָט זיך דערהערט אַ פּאַטשעריי פון אַלע זייטן.

— זאָל עס זיך שוין אָנהייבן! מען קאָן דאָך דערשטיקט
ווערן פון היץ.

מאַמעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין שטופּן פאַראויס מיט די
קינדערלעך.

— שטופּט זיך נישט! אַזאַ פרעכהייט! מען קאָן דאָך
דערוואָרגן ווערן!

לאָזט די קינדער פאַראויס! עס איז זייער טאָג — האָבן
זיך אַנדערע איינגעשטעלט.

— ניין! האָט מען פּראָטעסטירט פון אַלע זייטן, —
עס איז אַלעמענס טאָג, דערוואַקסענע ווילן זיך אויך אַמוזירן!

— גוט געזאָגט — האָבן צענדליקער פּאַטאַקעוועט, אַלע ווילן מיר זען.

— וואָס שטופּט איר זיך? האָט מען זיך גענומען צו דער דאַמע, וואָס האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט איר זון-שירם.

— איך וויל זען מיינע יידן פון מיין הויז, איך וויל זען, ווען עס וועט קומען זייער רייע. דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט.

אַלע ווילן זען! אַלע ווילן זען זייערע יידן — האָבן געשריגן צענדליקער פון עולם.

דער שיכור האָט איצט געפּאַטשט נאָך העכער. מיטאַמאָל האָט גענומען רעגענען אויף דעם עולם מיט רויטע און גרינע פּאַפּירלעך. אַלע זענען געבליבן שטיין געפּלעפּט. מען האָט אָנגעהויבן קוקן אַרויף צום הימל, אין אַלע זייטן, כדי צו כאַפּן פונוואַנען עס איז געקומען דער פּאַפּירענער, קאָלירטער רעגן.

טויזנטער פּאַפּירלעך זענען געפאַלן איבער די קעפּ פון עולם. אַ סך זענען געבליבן שטעקן אויף די ביימער, זיך פאַרטשעפּעט אין היטלען. קאַרל האָט אויפגעהויבן איין רויט פּאַפּירל, אויף וועלכן עס איז געווען געדרוקט מיט פעטע, שוואַרצע אותיות:

שאַנדע! לאָזט נישט דאָס עסטרייכישע פאָלק פאַר'חיה'ט ווערן!

קאַפּיטל צוועלף

צענדליקער שטורם-אַרמייער האָבן זיך גלייך גענומען דורכפלעכטן מיט דעם עולם. עמיל און קאַרל זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן פון דעם אָפענעם פּלאַץ, און זיי זענען שיר אָוועקגעריסן געוואָרן פון דער הויז-וועכטערין. עס איז געוואָרן אַ טומל און אַ גערודער. עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון עולם.

מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלאָף אין אַ ווינקל און

עס האָט זיך דאָרט גענומען קלייבן אַן עולם. עמיל און קארל זענען געשטויסן געוואָרן אין יענער ריכטונג.

צוויי שטורם-אַרמייער האָבן געשלאָגן אַ מאַן. דעם מאַנס פּנים האָט שוין נישט געהאַט קיין אויסזען פון אַ מענטש-לעכער צורה. עס איז געווען אינגאַנצן אויפגעשוואָלן און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וויינט מיט בלוט. דאָס בלוט איז אים גערונען פון די אויגן, פון די אויערן, פון דער נאָז.

— איך בין אַ הונדערט-פּראָצענטיקער אַריער — האָט ער זיך געבעטן מיט אַ שוואַך קול — איר וועט זייער טייער באַצאָלן דערפאַר. איר וועט באַצאָלן!

די שטורם-אַרמייער האָבן אים ווידער דערלאַנגט קלעפּ.

פונוואַנען איז געקומען צו דיר אין דער האַנט דאָס רויטע בלעטל? — האָט איינער פון די אוניפאָרמירטע מענער געפרעגט.

— אויפגעהויבן אויפן נייגעריקייט. איך בין אַן אַריער.

ער איז געפאַלן פון די פיס און די שטורם-אַרמייער האָבן אים געלאָזט ליגן אויף דער ערד.

עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַן אַנדער זייט. דער גאַנצער עולם איז געלאָפן אַהין.

— דאָס איז ער! — האָט מען געשריגן — ער האָט עס פאַרשפּרייט די פּאַפּירלעך.

אַן עלטערע פרוי האָט געשריגן העכער פון אַלעמען.

— אַליין געזען, ווי ער האָט געוואָרפן די פּאַפּירלעך. אַליין געזען!

אָבער נאָך איידער די שטורם-אַרמייער זענען צוגעקומען צו אים, האָט ער פון בוזים-קעשענע אַרויסגעשלעפּט דאָקו-מענטן.

— אָט זענען מיינע פּאַפּירן — האָט ער געשריגן אַזוי הויך, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבערשרייען דעם עולם.

די אַרמייער האָבן פאַרזיכטיק איבערגעקוקט זיינע פּאַפּירן און געגעבן אַ הייב די הענט אַנטקעגן אים.

— הייל! — האט ער געענטפערט.

אלע אין עולם האבן געהויבן די הענט.

— מען קאן נאך דערהרג'ענען אן אומשולדיקן מענטש אויך — האט איינער געמורמלט.

— יא, אומשולדיקע מענטשן קאנען נאךליידן. די, וואס פארשפרייטן די פאפירלעך מאכן עס געשיקט.

— וואס זאגט זיך דארטן אין די רויטע פאפירלעך? — פרעגט א נידעריק־געוואקסענער מאן.

— הייב־אויף און גיב א קוק. פארוואס הייבסטו נישט אויף? — האט אים אן אנדערער געענטפערט מיט א שפיזלדיק געלעכטערל.

דער ערשטער איז געבליבן שטיין אן אומבאהאלפענער און געקוקט אויף די צעטראטענע פאפירלעך.

מען האט אנגעהויבן לויפן צוריק צום זעלבן ארט, וואו דער גאנצער עולם איז פריער געווען צוזאמענגעקוועטשט אין ענגשאפט.

— לאמיר גיין אהיים — האט עמיל זיך שטיל געבעטן ביי דער הויז־וועכטערין.

אבער בערטא האט נישט געענטפערט, ווייל אין דעם ווילדן געטומל האט זי אפילו נישט געהערט, וואס עמיל רעדט צו איר.

— איר וועט צעטרעטן די קינדער! — האט זי זיך געבעטן ביים עולם.

— די קינדער! די קינדער! — האט מען איר געהאלפן שרייען.

עמיל און קארל האבן שוין איצט נישט געהאט אזא אפן פלאץ ווי פריער. זיי זענען ארויסגעקומען פון א זייטיק ווינקל, אבער זיי האבן נאך אלץ געקאנט זען די צענדליקער מענער, פרויען און קינדער, וואס זענען געשטאנען אין דעם ראד, ארומגערינגלט מיט שטורם־ארמייער.

א הויכער, ברייט-פלייציקער מאַן, מיט אַ רויטער, ווילדער באָרד און רויטע, צעפּאַטלטע האָר, האָט זיך אַרויסגעזען העכער פון דעם גאַנצן עולם. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלט, קאָלירט רעקל, אָבער עס איז געווען שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ קאָליר דאָס איז געווען. ער האָט געטראָגן ענגע און קורצע הויזן. די הויזן האָבן קוים-קוים דערגרייכט ביז אַ ביסל איבער די קני.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך גע־קייקלט, ווי אַ פאַס און זיך פאַרענדיקט אין אַ קוויטש. נאָך יעדן געלעכטער האָט ער געפּאַטשט מיט די הענט און גע־האַלטן אין איין שרייען:

עס איז גוט! עס איז גוט!

און נאָך דעם אויסרוף האָט ער געגעבן אַ שטרעק די האַנט און דערלאַנגט אַ ווילדן געשריי:

— הייל! הייל!

זיין פּנים האָט זיך אָנגעבלאָזן און געוואָרן ערנסט. ער האָט אַזוי אָנגעשטייפט די באַקן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביי פּלאַצן.

אָבער ווען די אויגן זענען אים שיר אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ, שרייענדיק „הייל", האָט ער זיך ווידער צעלאַכט מיט זיין געזונטן און קייקלדיקן געלעכטער, וואָס האָט זיך פאַרשפּיצט אין אַ קוויטש.

— עס איז גוט! עס איז גוט! — האָט ער אונטערגע־טאַנצט.

— משוגענער! שוויג שטיל!

— הייל! — האָט ער גערופן מיט דעם גאַנצן רויטן קאָפּ. ווי אַ מושטירטע אַרמיי האָט דער עולם געהויבן די הענט און נאָכגעשריגן:

— הייל!

נאָך אַזאַ כאָר פון „היילס" האָט ער זיך ווידער צעלאַכט

און זיין געלעכטער האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. עטלעכע קינ־דער האָבן אים גענומען נאָכמאַכן זיין מאָדנע געלעכטערל און דער גאַנצער עולם האָט אָנגעקוואַלן. עמיל און קאַרל האָבן זיך גענומען רוקן נענטער צו אים און זיי האָבן אויף אַ ווייל פאַרגעסן וואו זיי זענען. פון ראָד האָט מען געהערט, אַז אַ אוניפאָרמירטער מאַן רעדט, אָבער עס איז געווען אַ ביסל צו־ווייט פאַר עמיל און קאַרל'ן צו הערן, וואָס ער זאָגט. דער רויטער האָט איצט געלאַכט אַזוי הויך און דער עולם מיט אים, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו הערן אַ וואָרט.

מיטאָמאָל האָט מען געזען, ווי אַן אַרמייער האָט אויס־געטיילט איינעם פון ראָד און אים צוגעפירט צו אַ בוים.

דער מאַן האָט גענומען קלעטערן פלינק ווי אַ וועווערקע. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן סאַמע שפּיץ און געבליבן זיצן צווישן די צווייגן.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ שטופּ געטאָן פאָראויס און אָוועקגעשווענקט צענדליקער שטורם־אַרמייער, וואָס האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דעם עולם גאָר־נאָענט.

איצט האָט מען שוין געהערט אַלץ. דער אַרמייער, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם בוים, האָט קאָמאַנדעוועט צום מאַן אויבן, אַז ער זאָל נאָכמאַכן אַ פויגל.

פון בוים האָט מען נישט געהערט קיין ענטפער.

— קרייען ווי אַ האָן — האָט דער אַרמייער אַרויפגע־שריגן.

פון בוים האָט זיך געהערט אַ שוואַכער קוקורעקו.

— העכער! — האָט דער אַרמייער געשריגן.

דער מאַן צווישן די צווייגן האָט איצט הויך געקרייעט. דער עולם איז ווילד געוואָרן און אַפּלאָדירט, ווי עס וואָלט געווען אַן אמת'ע פאָרשטעלונג. דער רויטער האָט געטאַנצט, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן הויך:

— ס'איז גוט! ס'איז גוט!

ווען דער מאַן איז אַרונטער, האָט ער געקראָגן צוויי שטאַרקע קלעפּ אין קאָפּ. אַ צווייטער האָט שוין געוואַרט אויף זיין רייע. דער איז געווען אַן אַלטער. ער האָט גענומען קלע־טערן אויפן בוים, אָבער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַרויפגליטשן. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרונטערגעפאַלן, האָט ער געקראָגן אַ קלאַפּ פון אַ שטורם־אַרמייער און דער גאַנצער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער.

אָבער, אַז ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַרויף און ער האָט שוין געהאַט געקראָגן אַזעלכע קלעפּ, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס, האָבן אים די אַרמייער געצוואונגען צו זינגען ליגנדיק אויף דער ערד.

דער אַלטער האָט געזונגען מיט אַזאַ אומנאַטירלעך קול, אַז די שטורם־אַרמייער האָבן אָנגעקוואָלן.

— העכער! — האָבן זיי געשריגן — נאָך העכער!

וואָס מער די אַרמייער האָבן געשריגן, אַלץ שטילער איז געוואָרן דעם אַלטנס קול.

איצט איז אַלץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז. אונטער דער קאָמאַנדע פון די שטורם־אַרמייער האָבן מענער, פרויען און קינדער פון ראָד געזונגען אויף דעם משונה׳דיקסטן צוזאַמענמיש פון קולות. קינדער האָבן מיטגעוויינט אין כאָר. צענדליקער זענען געקראָכן אויף דער ערד, געקייט דאָס גראָז און געשריגן „מע״, און געהאַוקעט „האַו, האַו!״. אויף עטלעכעביימער איז מען נאָך געזעסן און מען האָט פון דאָרט אַרונטער־געקרייעט און אַפילו געטרילערט ווי פייגעלעך.

און איבער דעם גאַנצן טומל האָט זיך געטראָגן דעם רויטנס „הייל! הייל!״ און זיין רעוונדיק געלעכטער.

— ס׳איז גוט! ס׳איז גוט!

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. דער עולם האָט זיך געגעבן אַ טרייסל און געוואָלט לויפן. דער שאָס איז גע־קומען פון ראָד. קאַרל האָט געכאַפּט דעם מאָמענט, ווען אַ

פיין-געקליידטער מאַן, מיט זילבער-גרויע האָר, האָט אָנגע־שטעלט דעם רעוואָלווער אויף זיך. ער איז אומגעפאַלן און דער רעוואָלווער איז אים געבליבן אין דער האַנט.

דער עולם האָט זיך גענומען שטויסן נאָך נענטער, גלייך צום אָרט, וואו דער מאַן איז געלעגן מיט דעם רעוואָלווער. עטלעכע שטורם-אַרמייער זענען פאַרבייגעגאַנגען און אים גע־בריקעט אין בויך אַריין. דער רעוואָלווער איז אים אַרויסגע־פאַלן פון דער האַנט.

איין אַרמייער האָט זיך אַריבערגעבויגן, אויפגעהויבן דעם מאַנס פאַרבלוטיקטן קאָפּ און געזאָגט צום עולם, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט אַ ליד:

— עס שטאַרבן שיין, די זין פון ישראל! אויסגעצייכנט!

דער עולם איז געוואָרן אַ ביסל שיטערער. אַ סך האָבן זיך גענומען אַרויסשטופּן און זענען אַוועק אין די זייטיקע אַלייען. אַנדערע זענען געפאַלן אויף דעם גראָז טויט-מיד, ווי פאַר׳חלש׳טע.

די הויז-וועכטערין האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און גענומען גיין צום טויער מיט עמיל און קאַרל׳ן.

זי האָט זיך אויך אַ ביסל צוגעזעצט אויפן גראָז.

— איך מוז זיך אָפּרוען. איך קאָן די פיס נישט שלעפּן.

עמיל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער בערטאַ האָט אים איבערגעשלאָגן.

— נאָר נישט רעדן איצט, עמיל, קיין איין וואָרט!

— יאָ — האָט קאַרל אויך צוגעשטימט — גאָרנישט רעדן.

לעבן דער הויז-וועכטערין האָט זיך צוגעזעצט אַ פרוי. זי איז געזעסן אין גאַנצן צוזאַמענגעקנוילט, ווי אַן אַלטיטשקע, כאָטש לויטן פּנים האָט זי נאָך נישט אויסגעקוקט אַלט. זי האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעהאָרבעט, ווי עס וואָלט איר געווען קאַלט אין דעם שטיקיק-הייסן טאָג.

— אַ טאָג דאָס איז! — האָט זי געמורמלט ווי צו זיך.

— ווי געפעלט עס דיר? שיין? — האָט זי זיך געווענדט צו דער הויז־וועכטערין.

בערטאַ האָט זיך גענומען אָפּרוקן פון איר.

די פרוי האָט איר שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— דו דאַרפסט נישט אַנטלויפן פון מיר. איך וועל דיך נישט בייסן. ווי געפעלט דיר עפּעס אונזער ווין? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— איך ווייס גאָרנישט — איך בין אַ הויז־וועכטערין, אַן אומוויסנדיקע פרוי! — האָט זי אַרויסגעפּלאַצט.

— איך בין אויך אַן אומוויסנדיקע פרוי — האָט די אומבאַקאַנטע געזאָגט.

אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע פרויען אָנגעקוקט און געשוויגן.

— וואוילע קינדער — האָט די פרוי געזאָגט — שיינע קינדער.

קומט — האָט די הויז־פרוי אַ זאָג געטאָן צו עמיל און קאַרל — שוין צייט צו גיין.

נאָר אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, האָט די פרוי זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— אָבער דו דאַרפסט נישט אַנטלויפן פון מיר, איך בין אַ פריינט.

זי האָט עס געזאָגט שטיל, אָבער מיט אַזויפיל האַרץ און ווייכקייט, אַז בערטאַ איז געבליבן זיצן און די קינדער האָבן זיך אויך נישט גערירט פון אָרט.

די הויז־וועכטערין האָט צוזאַמענגענומען דעם גאַנצן מוט וואָס זי האָט פאַרמאָגט און געזאָגט:

פונוואַנען ווייסטו, אַז איך בין אַ פריינט?

— דאָס איז לייכט צו וויסן, ווייל דו האָסט געשוויגן, ווען איך האָב גערעדט. שווייגן רעדט זייער אַ סך.

די אומבאַקאַנטע האָט זיך געשפּילט מיט קאַרלס האָר און אין דערזעלבער צייט געגלעט עמילן.

— וויל איך טאקע פרעגן אן עצה. מיין מאן איז נישטא. די קינדער זענען נישט מיינע, זיי זענען אומגליקלעכע קינדער. איך מוז היינט אפפארן פון שטאט. די קינדער מוזן באזארגט ווערן. זיי מוזן! — האט די הויז־וועכטערין שנעל גערעדט.

— דיין מאן איז נישטא? — האט די פרוי זיך נאך מער איינגעקנוילט און שטיל צוגעגעבן — ארעסטירט?

די הויז־וועכטערין האט נישט געענטפערט. אירע פייכטע אויגן האבן געגעבן דעם ענטפער.

קאנסט מיר איבערגעבן די קינדער. איך וועל זיי קיין שלעכטס נישט טאן! — האט די פרוי געזאגט.

— דאס זענען אומגליקלעכע קינדער. נישט קיין טאטע, נישט קיין מאמע, נישט קיין דאך איבערן קאפ. מען מוז זיי באזארגן.

די אומבאקאנטע האט געענטפערט נאך טרוקענער, אבער איבערצייגנדיקער:

— קאנסט זיי מיר איבערגעבן.

— עמיל און קארל, ווילט איר גיין מיט דער פרוי? איך מוז אוועקפארן. אין שטאט וועל איך נישט האבן וואס צו עסן, איך מוז פארן צו מיין מאמען.

ביידע קינדער זענען צוגעגאנגען נעענטער צו דער פרוי און איר געקוקט אין די אויגן.

קארל איז געווען דער ערשטער צו ענטפערן, אז ער איז גרייט צו גיין מיט דער פרוי. עמיל האט געשאקלט מיט דעם קאפ אויף יא.

עמיל האט דערווייל אנגעכאפט בערטאן און איר א קוש געטאן אין דער האנט.

— נישט געזעגענען זיך — האט די פרעמדע באפוילן. און ווענדנדיק זיך צו דער הויז־וועכטערין, האט זי געזאגט — דו גיי און קוק זיך נישט אום.

בערטא איז נאך אלץ געבליבן זיצן אויף אן ארט.

— איך פיל זיך, ווי אַ פֿאַרברעכערין, וואָס איך לאָז איבער די קינדער, איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט.

— דאַרפֿסט גאָרנישט זאָרגן וועגן די קינדער. דו הייב זיך אויף און גיי.

עס האָבן זיך דערהערט טריט פֿון עטלעכע לאַכנדיקע מענער און פֿרויען. מיט זיי איז געגאַנגען אַ שטורם-אַרמייער, וואָס האָט געלאַכט קלינגנדיקער פֿון אַלעמען.

גיי! — האָט די אומבאַקאַנטע אַ געשריי געטאָן.

די הויז-וועכטערין האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַוועק צום הויפּט-טויער.

— מיר קאָנען שוין אויך גיין.

די פֿרעמדע האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן מיט די קינדער און זיך געלאָזט גיין צו אַן אַנדער אַרויסגאַנג פֿון פּאַרק.

קאַפּיטל דרייצן

עמיל און קארל זענען געגאַנגען און געשוויגן. די אומבאַקאַנטע האָט זיי געהאַלטן אין איין מונטערן.

— זייט פֿריילעך, קינדער, אייך וועט זיין זייער גוט ביי מיר. איר דאַרפֿט זיך גאָרנישט זאָרגן.

קארל האָט אַרויפֿגעקוקט צו איר און געשמייכלט, אָבער עמיל האָט אויף איר געקוקט מיט אויגן, וואָס זענען געווען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן.

— מיין נאָמען איז מאַטילדע. רופֿט מיך טאַנטע מאַטילדע. איך בין אַ גוטע קעכין און איך וועל אייך קאָכן די בעסטע מאכלים. אָט, מיר קאָנען שוין אָנהויבן טראַכטן וועגן מיטאָג. וואָס אַ שטייגער ווילט מיר עסן גלייך ווי מיר קומען אַהיים? איר מוזט אוודאי זיין גוט אויסגעהונגערט.

— ניין, — האָבן ביידע געענטפערט — מיר זענען גאָרנישט הונגעריק.

— אפילו נישט אַ טראָפּעלע? לאָמיר צומאַכן די אויגן און געבן אַ טראַכט פון אַ וואַרימען טעלער זופּ, פון אַ שטיקל קאַלבס־בראָטן, פון אַ פּרוכט און פון געשמאַקן קוכן.

קאַרל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און עמיל האָט אויך געגעבן אַ שוואַכן שמייכל.

— אָט אַזוי האָט טאַנטע מאַטילדע ליב. זי האָט ליב פריילעכע קינדער. אין אייער נייער היים וועט איר קאָנען אַ סך שטיפן, וויפיל אייער האַרץ גלוסט.

קאַרל האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן מיט אַן ערנסטער מינע:

— און מיר וועלן גיין אין שול אויך?

— נ־ניין — האָט טאַנטע מאַטילדע געענטפערט לאַנגזאַם — אין שול אַריין נישט. אָבער איך וועל מיט אייך לערנען יעדן טאָג און איר וועט קענען אַ סך בעסער ווי אין אַ שול.

קאַרל איז געוואָרן אַ ביסל פריילעכער. ער האָט אפילו גענומען וואַרפן מאַטילדעס האַנט אַרויף און אַראָפּ, שפּאַנענדיק אַ סך מונטערער ווי פריער.

— דו, עמיל, שטיי נישט אָפּ — האָט קאַרל גערופן, — לאָמיר שפּאַנען צום טאַקט.

עמיל, וואָס האָט אויך געהאַלטן טאַנטע מאַטילדע ביי דער האַנט, האָט גענומען נאָכטאָן זיין חבר. מאַטילדע איז געפירט געוואָרן פון ביידע קינדער און זי, צווישן זיי, האָט געטאַנצט גייענדיק.

נאָר עמיל האָט זיך פּלוצים פאַרטראַכט. ער האָט גענומען אָפּשטיין און טאַנטע מאַטילדע האָט עס באַלד באַמערקט.

— עמיל — האָט זי אים געוועקט — אַז דו וועסט זיך פאַרטראַכטן און וועסט נישט מאַרשירן, ווי עס דאַרף צו זיין, וועלן מיר אַלע אומפאַלן. מיר זענען דאָך מיט די הענט גע־קייטלט איינער צום אַנדערן.

עמיל איז צוריק אריין אין טאקט פון מארש. טאנטע מאטילדע האט געלאכט אוןביידע קינדער האבן אנגעהויבן צו זינגען א ליד, וואס זיי האבן געלערנט אין שול.

פלוצים האט קארל דערזען, אז עס זענען פארשוואונדן אלע גאסן. זיי האבן איצט געשפאנט אויף שמוציקלעכן זאמד, וואס איז געווען דורכגעשווארצט מיט שטיקלעך קויל. דער וועג איז געווען א שטויביקער. קארל האט אנגעהויבן צו גיין לאנגזאמער, ווייל מיט יעדן שטארקן שפאן האט ער אויפגע-הויבן א סך שטויב, וואס האט אים געקיצלט אין דער נאז און אין האלדז.

פונוויטנס האט זיך דערהערט א סאפן און פייפן. צווישן הויכע פארטריקנטע גראזן איז פארבייגעלאפן א צוג מיט א סך וואגאנען און איבערגעלאזט א דיקן שווארצן רויך. קארל האט גענומען ציילן. דער צוג איז אבער געווען שנעלער פון אים און ער האט נישט געוואוסט אקוראט, אויב עס זענען געווען זעכצן אדער אכצן וואגאנען.

עמיל האט שוין אויך געהאט אפגעלאזט טאנטע מאטילדעס האנט. ער איז געשטאנען און נאכגעקוקט דעם צוג מיט שרעק און וואונדער.

קארל האט עפעס געוואלט זאגן עמילן. זיין מוח האט אנגעהויבן צו שפינען א מעשה׳לע. די טאנטע מאטילדע פאר-פירט זיי ערגעץ אין וואלד. דארט וועט מען זיי פארקויפן צו וואלד-רויבער און זיי וועלן מוזן ווערן גזלנים. שפעטער, ווען זיי וועלן אויפוואקסן, וועלן זיי אליין אנרויבן אזויפיל געלט, אז זיי וועלן זיך אויסקויפן פון זייער שקלאפעריי.

אבער קארל האט זיך נישט געשראקן פאר זיין אייגן מעשה׳לע. טאנטע מאטילדע האט געקוקט אויף ביידע קינדער מיט א שמייכל. זי האט געטייטלט מיט די פינגער אויף די הויכע גראזן.

— צווישן די גראזן ליגן רעלסן און די באן לויפט אויף

אַ זיכערן, שטאָלענעם וועג. מיר געפינען זיך איצט הינטער דער שטאָט. אָט זעט איר דאָס הייזקעלע? דאָ וואוינט דער סיגנאַל־מאַן. אַ סך צוגן שטעלן זיך דאָ אָפּ און ער קומט זיי אַנטקעגן מיט אַ פענדל. זעט איר, נישט ווייט פון דעם הייזקעלע — און זי האָט געוויזן אויף אַ שוואַרץ הייזל לינקס, אָפּגע־רוקט עטלעכע צענדליק טריט פון דעם באַן־הייזל, — דאָרט וואוינען מיר. מיר זענען שוין באַלד אינדערהיים.

דאָס זאַמד איז געוואָרן טיפער. קליינע, שאַרפע שטיינד־לעך האָבן זיך אַריינגעוואָלגערט אין די שיך און דער גאַנג איז געוואָרן שווערער. דער רויך, וואָס דער צוג האָט איבער־געלאָזט, האָט זיך ערשט גענומען פאַנאַנדערגיין, און מען האָט געפילט אַ שטינקנדיקע שטיקיקייט.

טאַנטע מאַטילדע האָט זיי אַרויסגעפירט אויף אַ גלייכן וועג. דאָרט האָט מען שוין אָנגעזען די רעלסן, וואָס זענען געלעגן ווי לאַנגע, שאַרפע שווערדן און זיך געשפיגלט אין דער זון.

— איידער מען גייט אַריבער די רעלסן, דאַרף מען זיך גוט אַרומקוקן אויף ביידע זייטן. טרעפט, קינדער, פאַרוואָס?
— האָט מאַטילדע געפרעגט.

— ווייל עס קאָן נאָך פאַרביילויפן אַ צוג — האָבן ביידע קינדער געענטפערט צוזאַמען.

יאָ, און מען דאַרף זיין גאָר פאָרזיכטיק, ווייל אַ צוג קאָן אָנלויפן אומגעריכט.

און בעת זיי זענען אַזוי געשטאַנען און גערעדט האָט זיך ווידער געהערט אַ שווער סאָפּען. דאָס מאָל האָט זיך פאַר־בייגעשלעפּט זייער פּאַמעלעך אַ צוג מיט אָן אַ שיר וואַגאָ־נען. פון עטלעכע וואַגאָנען האָבן אַרויסגעקוקט הונדערטער הינער און קאַטשקעס. די הינער האָבן געשוויגן און געפּינטלט מיט די אויגן, אָבער די קאַטשקעס האָבן געמאַכט אַזאַ גערודער, אַז מען האָט זיי געקאָנט הערן מיילן ווייט. עמיל און קארל

האָבן געשמאַק געלאַכט. אפילו די טרויעריקע הינער האָבן אויך אַרויסגערופן געלעכטער. אין די לעצטע עטלעכע וואַגאָנען זענען געשטאַנען פערד. די פערדישע קעפּ זענען געווען שטייף. זייערע אויגן זענען גאָרנישט געווען נייגעריק, זיי האָבן זיך אפילו נישט אומגעקוקט, וואו זיי זענען. בלויז אַ יינג פערדל האָט זיך צעהירזשעט, ווי עס וואָלט זיך צענאָסן, ווייל עס איז אים עפּעס אַריין אין די נאָזלעכער.

— דאָס איז אַ פּראַכט-צוג. דערפאַר שלעפּט ער זיך אַזוי לאַנגזאַם — האָט מאַטילדע געזאָגט — בלויז פּאַסאַזשיר-צוגן יאָגן זיך, אָבער הינער, קאַטשקעס און פערד פאָרן פּאַמעלעך.

פאַר דעם באַן-הייזקעלע איז געשטאַנען אַן אַלטער מאַן, מיט אַ היטל אַרונטערגערוקט כמעט איבער די אויגן, און גע־האַלטן אין איין פאָכען אַרונטער און אַרויף מיט אַ פענדל. פון עטלעכע וואַגאָנען האָבן אַרויסגעקוקט מענטשלעכע קעפּ, וואָס האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי נישט נייגעריק און נישט פאַראינטערעסירט ווי די קעפּ פון די פערד. זיי האָבן נאָכ־לעסיק זיך דורכגעוואָרפן עטלעכע ווערטער מיט דעם באַן-סיג־נאַליסט, בעת דער צוג האָט זיך פאַרבייגעשלעפּט מיט שווערע טריט. איינער פון זיי האָט זיך אפילו פאַנאַנדערגעלאַכט, אָבער דאָס געלעכטער איז געווען טרוקן און רויכיק, ווי דער געדיכטער, שטיקיקער רויך פון לאָקאָמאָטיוו.

עמיל און קאַרל זענען נאָכגעגאַנגען טאַנטע מאַטילדע מיט מידע טריט און נאָכגעקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן דעם פּראַכט־צוג, מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע וואַגאָנען.

דער וועג צום צווייטן הייזקעלע איז געגאַנגען אַ ביסל באַרג-אַרויף. פון דאָרט האָט דער פּראַכט-צוג אויסגעזען, ווי אַ צוזאַמענגעדרייטער ריז, וואָס קאָרטשעט זיך פון בויכווייטאָג.

טאַנטע מאַטילדע האָט אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל אין טיר. אָבער אַז די טיר האָט זיך געעפנט איז קאַרל געבליבן שטיין און נישט געקאָנט מאַכן קיין טריט. עמיל האָט אַרויס־

געלאָזט אַ טעמפּן געשריי, וואָס ער האָט גלייך דערשטיקט אין מויל פון גרויס איבערראַשונג און שרעק.

אין טיר איז געשטאַנען דערזועלביקער מאַן, מיט די רויטע צעפּאַטלטע האָר און מיט דער פאַרקאָלטנטער באָרד, וואָס האָט געהאַלטן אין איין לאַכן און שרייען „הייל" צווישן עולם אין פּאַרק. איצט האָט ער נישט געטראָגן אויף זיך דאָס רעקל, אָבער די שמאָלע און קורצע הויזן, וואָס האָבן אים דערגרייכט בלויז ביז איבער די קני, האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן.

ווען ער האָט דערזען עמילן און קאָרל'ן האָט ער אַ פּינטל געטאָן מיט די וואַסערדיקע בלויע אויגן. נאָר ער האָט שנעל אָנגעבלאָזן די באַקן און געשריגן:

— הייל! הייל!

עמיל האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט געוואָלט אויפהייבן די האַנט אין אַ הייל, אָבער די האַנט האָט זיך נישט געהויבן. קאָרל האָט זיך אָנגעהאַלטן אין טאַנטע מאַטילדע.

דער רויטער האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט אויף זיין גראָבן געלעכטער און פאַרענדיקט מיט אַ קוויטש, נאָר דער קוויטש האָט איצט געדויערט לענגער און האָט געקלונגען ווי דאָס גוטע לאַכן פון אַ קינד.

— ער איז אַן אומשעדלעכער מענטש. ער טשעפּעט נישט קיינעם. ער וועט אייך קיין שלעכטס נישט טאָן. ער האָט זייער ליב קינדער, ער אַליין איז אַקינד, אַ דערוואַקסן קינד.

דער רויטער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און זיי געפּלאַצט מיט פויסטן, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעבלאָזענע באַלאַנען. ער האָט געטאַנצט, געזונגען און געשריגן:

— ס'איז גוט! ס'איז גוט!

די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו אים, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, געקראָגן שפּיציקע אויגן און געשריגן „הייל" — זענען זיי געוואָרן טרויעריק. ווייל דער „הייל" האָט קאָרל'ן דערמאָנט אין די ברוינע אוני-

פארמען פון די שטורם-ארמייער. עמיל האט זיך אינגאנצן פאר־לוירן און נישט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיין רעכטער האנט. מאטילדע האט דערווייל גענומען גרייטן צום טיש אין דעם איינ־ציק-גרויסן צימער. צו דער רעכטער זייט איז געווען א שמאל צימערל און א ביסל לינקס האט זיך געזען נאך א קליינער חדר, וואס איז געווען אינגאנצן טונקל און אן פענצטער.

דער רויטער האט אויפגעהויבן קארל'ן ביז צו דער הויכער סטעליע, און האלטנדיק אים אין דער הויך האט ער געפרעגט:

— נאמען?

— קארל — האט קארל געענטפערט.

ער האט א כאפ געטאן עמילן און אים אויך אויפגעהויבן.

עמיל האט שוין נישט געווארט אויף דער פראגע און ער האט גלייך געזאגט ווי ער הייסט.

דער רויטער האט זיך אוועקגעזעצט און גענומען איבער'־חזר'ן די נעמען א צענדליק מאל. ווען ער האט געזאגט קארל, האט ער געוויזן מיט א פינגער אויף קארל'ן.ביים נאמען עמיל האט ער געוויזן אויף עמילן. אינמיטן האט ער זיך צעפלאנטערט און קארל'ן גערופן עמיל. די קינדער האט עס גרויס הנאה געטאן און זיי האבן אים געלערנט זייערע נעמען. דער רויטער האט געהאט אן ערנסט פנים און זיך געלאזט לערנען.

ווען ער האט ענדלעך איבערגע'חזר'ט א פיר-פינף מאל די נעמען און נישט געמאכט קיין איין טעות, איז ער אליין אזוי באַ־גייסטערט געווארן, אז ער האט ווידער גענומען טאנצן און שרייען: „ס'איז גוט, ס'איז גוט!" אין איין אויגנבליק האט זיך דער הויכער, שווערער מענטש א שטעל געטאן אויפן קאפ און גענומען דריגן מיט די פיס, ווי ער וואלט געהאלטן ביי אומפאלן, אבער ער האט געמאכט א שנעלן קאזשעליק און זיך אויפגעהויבן.

קארל האט שטארק געלאכט, און ער האט אים געוואלט נאכטאן. עמיל איז געשטאנען און אנגעקוואלן.

טאַנטע מאַטילדע האָט אויך מיטגעלאַכט.

— האָב איך אייך נישט געזאָגט, קינדער, אַז עס וועט זיין פריילעך?

ביים טיש האָט דער רויטער ווידער זיך גענומען פּלאַנטערן אין די נעמען. קאַרל איז ביי אים שוין אויסגעקומען „שאַרל" און עמילן האָט ער געהאַלטן אין איין רופן „שלעמיל". פּלוצים האָט ער אינמיטן עסן, מיט דעם ביסן אין מויל, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש, אַז די טעלער האָבן אַזש אונטערגעטאַנצט.

— מיין נאָמען! מיין נאָמען! — האָט ער געשריגן — איז האַנס! האַנס!

אַנקל האַנס! —— האָבן עמיל און קאַרל אויסגעזונגען.

— אַנקל! אַנקל! — האָט דער רויטער געטאַנצט פון פרייד — אַנקל!

עס איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס די קינדער האָבן אים גערופן אַנקל, אַז ער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן און געבליבן שטיין אויפן קאָפּ. שטייענדיק אויפן קאָפּ האָט ער געגעבן אַ פייף ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. עמיל און קאַרל האָבן טאַקע אויף אַן אמת געמיינט, אַז אַ באַן איז נאָר־וואָס פאַרבייגעלאָפן פאַרן הויז.

קאַפּיטל פערצן

אין אָוונט האָט זיך אַריינגעוואַקלט אַ מאַן, וואָס האָט גערויכערט אַ ליולקע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ וויג־שטול און געפּיפּקעט. ערשט, אַז ער האָט געהאַט אָנגעפּיפּקעט גאַנצע בערג מיט רויך, האָט ער אַרויסגענומען די ליולקע און געזאָגט גוטנאָוונט.

מאַטילדע האָט צוגעראַמט דאָס הויז און זי האָט זיך ווייניק וואָס אומגעקוקט אויף דעם גאַסט, זי האָט שטילערהייט דער־

קלערט די קינדער, אַז דאָס איז דער שכן, דער סיגנאַל־מאַן, וואָס וואוינט אין דעם באַן־הייזל און באַגעגנט די פאַרביילויפנדיקע צוגן מיט אַ פענדל.

עמיל און קארל זענען געוואָרן נייגעריק. זיי זענען צוגעקומען נענטער צום סיגנאַלמאַן. פון דער נאָנט האָט זיך געטראָגן פון אים זייער אַן אומאַנגענעמער און שאַרפער גערוך. דאָס גרויסן היטל, וואָס ער האָט געטראָגן, איז אים אַרונטערגעפאַלן איבער די אויגן. די ליולקע איז געווען איינגעביסן צווישן די ציין און ער האָט אַ ביסל אונטערגעכראָפּעט. אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גענומען שנעל פּיפּקען, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפבלאָזן אַ טויטע ליולקע.

האַנס האָט געעפנט די טיר, זיך אַוועקגעזעצט אויפן שוועל און אַרויסגעקוקט. עטלעכע פליגעלעך האָבן זיך גענומען דרייען אַרום דעם קעראָסין־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, וואו מען האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעגעסן. פון צייט צו צייט האָט האַנס אַרויסגעלאָזט איינס פון זיינע געלעכטערלעך. עמיל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויף דער שוועל און געקוקט אין דער פינצטערער וויים. ער האָט געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איצט געפאָרן אויף אַ באַן.

דער סיגנאַל־מאַן האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט און גענומען גיך פּיפּקען, נאָר דאָס מאָל איז אים ניט געלונגען אויפצולעבן די פאַרלאָשענע ליולקע. ער האָט לאַנגזאַם געטאַפּט אין יעדער קעשענע, זיך געראַיעט און געגישטערט, ביז ער האָט פון ערגעץ אַרויסגעקראָגן אַ שוועבעלע. ער האָט עס אַ רייב געטאָן אויף דער וויג־שטול. דאָס שוועבעלע האָט זיך אָנגעצונדן און איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן. דער סיגנאַל־מאַן האָט אַן אַנטוישטער גענומען זויגן די ליולקע.

פּלוצים האָט ער געעפנט ברייט די אויגן און אַ פרעג געטאָן?

— ווער זענען עס די קינדער?

— קינדער! האָט מאַטילדע געענטפערט — וואוילע קינ־דער.

— אהא! — האָט דער סיגנאַל־מאַן געענטפערט, ווי דאָס וואָלט פאַר אים געווען גענוג אינפאָרמאַציע.

— זיי הייסן עמיל און קאַרל. יענער הייסט עמיל און אָט דער איז קאַרל — האָט מאַטילדע אָנגעוויזן.

יאָ? — האָט דער סיגנאַל־מאַן איבערגעפרעגט מיט גרויס איבעררעשונג. דאָס איז אויסגעצייכנט.

און דו זשליאָקעסט אַ ביסל צופיל אַריין — האָט מאַטילדע געזאָגט — עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג און דו וועסט אפילן נישט קאָנען האַלטן דאָס פענדל אין דער האַנט.

— ניין, היינט האָב איך קוים־קוים באַנעצט די ליפּן.

— יאָ, האָט מאַטילדע געענטפערט, מען קאָן עס דער־שמעקן אַ מייל־ווייט.

— זעסטו, וואָס אמת איז אמת, נעכטן האָב איך געטרונקען. חברה האָבן פאַרשלעפּט און געזאָגט: טרינק. איך האָב דווקא אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אָבער אַז מען שטעלט אַוועק אַ פלעשל אויפן טיש און מען זאָגט: טרינק —

— קאַרל האָט אַ ציטער געטאָן מיט דעם גאַנצן קערפּער און ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול.

— האַנס, פאַרמאַך די טיר — האָט מאַטילדע געזאָגט — קאַרל'ן איז קאַלט.

— ניין, עס איז מיר נישט קאַלט — אָבער בעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז אים ווידער אַ שוידער דורכגעגאַנגען איבער דעם גאַנצן קערפּער.

— די נעכט זענען אַ ביסל קיל. האָט דער סיגנאַל־מאַן גע־זאָגט — דאָ איז אַ סך קילער ווי אין שטאָט, אהער קומט מען זיך אָפּקילן.

האַנס האָט צוגעמאַכט די טיר און געהאַלטן אין איין שרייען „הייל". דער סיגנאַל־מאַן האָט פלעגמאַטיש געהויבן די האַנט

ביי יעדן הייל. עמיל האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש און גע־צײלט די פליגעלעך וואָס האָבן געטאַנצט אַרום לאָמפּ.

דער סיגנאַל־מאַן האָט דאַסמאָל געפונען אַ שוועבעלע און שנעל פאַררויכערט די ליולקע.

— אַז איך בין געווען אַזוי גרויס ווי די צוויי — האָט ער אָנגעוויזן אויף די קינדער — איז געווען גוט צו לעבן. דאָס הייסט מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז היינט אינגאַנצן שלעכט.

אָט — האָט ער ווייטער גערעדט — שבת איז געווען נישט שלעכט. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז עס איז געווען גוט. אַז איך האָב אויסגעטרונקען, זאָגן זיי צו מיר, קום, פרידריך. גייען מיר און מיר גייען, ביז מיר קומען צו אַ קליידער־געשעפט. לאָמיר, זאָגן זיי, אַרײנגיין און זיך עפּעס צוקלייבן אָן געלט. זאָג איך, אַז מען וועט אונדז אַרעסטירן ווי הינט. לאַכן זיי און זאָגן, דו ביסט אַן אַלטער נאַר. ווייסט נישט, אַז ביי יידן מעג מען אַלץ צונעמען און זיי מוזן שווייגן. מען קאָן זיי אפילו דערלאַנגען קלעפּ אויף אָנשטאָט געלט, און זיי מוזן שווייגן.

דער רויטער האָט זיך צעלאַכט און פאַרענדיקט מיט „הייל".

דער אַלטער האָט פלעגמאַטיש אַ הייב געטאָן די האַנט.

— אָט ווי דו הערסט. דו וואונדערסט זיך, האַ? האָב איך זיך אויך געוואונדערט. נו, גיב אַ קוק אין מיין שאַנק, אַ פונק־נייער אַנצוג הענגט דאָרט ווי אַ געהאַנגענער, און צוויי פּאָר שיך און אַ זייגער האָב איך אויך צוגענומען — אַלץ שבת. ביי איינעם האָבן מיר נאָך געקראָגן געלט אויך, אַ דערשראָ־קענער געווען אַזעלכער, אַלץ אָוועקגעגעבן. האָבן מיר ווייטער געטרונקען.

ער האָט געטאָן עטלעכע ציִ פון דער ליולקע און זיך גע־וויגט.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל זיין אינגאַנצן גלאַטיק. עס איז, קאָן מען זאָגן, קעגן געזעץ. און דער אַנצוג הענגט, הענגט ווי אַ געהאָנגענער. איך האָב אַ שטאַרקן כאַראַקטער,

אָבער, אַז מען זאָגט : נעם, און זיי גיבן, זיי גיבן, איך שווער ביי גאָט, דו קומסט אריין און זיי גיבן.

ער איז ווי איינגעשלאָפן אויף עטלעכע מינוט און האָנס האָט זיך עטלעכע מאָל פאַנאַנדערגעלאַכט.

דער סיגנאַל-מאַן האָט ארויסגענומען אַ זייגער פון קע-שענע.

נאָך אַ גוטע שעה ביז דער 9-אַזייגערדיקער דאַרף אַדורכ-לויפן. אַט גיט אַ קוק אַ שטיק כלי. פאַראַן זייגערס און זייגערס. דאָס איז פּינקטלעך ווי אַ זון-זייגער. דער זייגערמאַכער האָט עס געגעבן. איך קאָן שווערן ביי גאָט. און צוריק געשמועסט, יידן זענען רייך. מען נעמט ביי זיי אַוועק אַן אַנצוג, האָבן זיי דריי אַנדערע.

דער סיגנאַל-מאַן האָט געהאַלטן דעם זייגער, ווי ער וואָלט עס געוואָלט באַווייזן יעדן איינעם, אָבער קיינער האָט עס נישט גענומען פון זיינע הענט.

— דער עיקר איז, עס איז קעגן געזעץ. זאָגן זיי : טרינק. און די געזעצן זענען איצט גאָר אַנדערע. איך שווער ביי גאָט, איך האָב קיינעם נישט געשלאָגן. איינער פון אונזעריקע. וואָס אמת, איז אמת, האָט נאָך צעבלוטיקט דעם יידישן שניידער, אַן אַנ-דערער האָט אים געהאָלפן. דאָס איז שוין צופיל, ניט וואָר מאַטילדע? אַז מען דאַרף גאָרנישט שלאָגן. זיי טראָגן דיר יעדע זאַך אַנטקעגן.

בין איך מיר איצטער רייך. אַ פונק-נייער אַנצוג הענגט, הענגט ווי אַ געהאַנגענער. צוויי פּאָר שיך, געלע און שוואַרצע, אַ זייגער און אַ ביסעלע טאַשן-געלט. אָבער ווען איך בין געווען אַזוי קליין, ווי זיי דאָרטן — ער האָט ווידער געוויזן אויף די קינדער — איז געווען בעסער, כאָטש, היינט איז נישט שלעכט. מען טאָר אָבער נישט אַריבערכאַפּן די מאָס.

עמיל איז געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. טאַנטע

מאטילדע האט זיך גלייך צוגעזעצט לעבן אים און אים געגלעט. זי האט אים איינגערוימט אין אויער:

ער איז אן אלטער שיכור. זאל דיך אנהייבן ארן, וואס ער פלאפלט דארט!

פיינט האב איך, אז מען שלאגט — האט ער געפיפקעט און גערעדט — מיינע חברה האבן שוין נישט קיין גאט און נישט קיין געוויסן אין הארץ. זיי האבן מער הנאה פון שלאגן ווי פון צונעמען. איך האלט נישט פון נעמען. נאר, אז מען גיט, איז עפעס אנדערש, שווער זיך איינצוהאלטן. איינער פון אונ־זעריקע האט אפילו געשלאגן דעם זייגערמאכער, זיין ווייב און זיינע קינדער. דער זייגערמאכער האט זיך געבעטן מען זאל נישט שלאגן זיין ווייב, נישט שלאגן זיינע קינדער.

האנס האט זיך צעלאכט מיט זיין בריוט געלעכטער און פארענדיקט מיט זיין געוויינלעכן קוויטש. נאר פלוצים האט ער זיך גענומען ווערגן. ער האט געהוסט און געהוסט, ווי ער וואלט עפעס געוואלט אויסהוסטן. ער האט זיך געדרייט אין אלע זייטן, ווי ער וואלט געוואלט באהאלטן דעם קאפ. אבער מיטאמאל האבן אלע דערהערט קלאר, אז האנס לאכט שוין נישט. ער וויינט.

אין הויז איז געווארן אן אמת'ע סומאטאכע. קארל איז ארונטער פון בענקל און געבליבן שטיין א דערשראקענער. מא־טילדע און עמיל זענען אויפגעשפרונגען פון דיל.

— בארואיק זיך, האנס — האט מאטילדע אויסגערופן שטרענג. בארואיק זיך.

האנס האט איצט געוויינט אויפן קול. ער האט איינגע־גראבן דעם קאפ, מיט דער צעפאטלטער בארד איןביידע הענט און הויך געכליפעט.

— משוגענער, וואס וויינסטו? — האט פרידריך געזאגט — מען דארף עס נישט נעמען אזוי ערנסט. מען נעמט ביי א יידן צו אן אנצוג, האט ער דריי־פיר אנדערע. אוודאי איז שלאגן

קעגן דעם געוויסן, אָבער איך קאָן דיר דערציילן נאָך ערגערע מעשות.

האַנס איז ביסלעכוויים געקומען צו זיך. ער האָט געמאַכט עטלעכע קאָזשלקעס און זיך אויפגעהויבן מיט אַ „הייל״.

— אָט־אַזוי רעדסטו צו דער זאַך — האָט פרידריך געזאָגט הויבנדיק די האַנט — וואָס האָסטו זיך דאָס צעיאַכמערט? אַ משוגענער בלייבט אַ משוגענער. איך דערצייל אים וועגן יידן און ער וויינט, אָבער וואָס אמת איז אמת, אַלץ האָבן זיי אַליין אָוועקגעגעבן. דו קומסט איבער דער שוועל און זיי זאָגן: נעם. געוויינלעך האָב איך כאַראַקטער. אָבער, אַז מען זאָגט: טרינק, טרינק איך; נעם, נעם איך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, גענומען האַסטיק פּיפּקען און איז אויפגעשפּרונגען.

— זיך פאַרפּלאַפּלט! דער ניינער צוג פליט אָט־אָט פאַרביי. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

און ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן.

באַלד האָבן די שויבן אָנגעהויבן צו ציטערן און דאָס גאַנצע הייזל האָט אונטערגעקרעכצט. עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע פייף, דורכן פענצטער האָבן זיך געזען טויזנטער פונקען. אַ צוג מיט שוואַך־באַלויכטענע פענצטערלעך האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און גענומען לאַנגזאַם אָוועקסאָפּען. ווען מען האָט שוין דעם צוג מער נישט געזען, האָט מען ווידער געהערט עטלעכע פייף, ווי די באַן וואָלט זיך געזעגנט מיט דער פאַרפינצטערטער שטילקייט.

— גלייבסט, אַז דער סיגנאַל־מאַן איז צוגעקומען אין צייט?

— האָט עמיל געפרעגט אַ פאַרזאָרגטער.

קאַרל האָט ווידער אַ ציטער געטאָן מיט דעם גאַנצן קערפּער און דאָס מאָל האָט ער געפילט קאַלט אין אַלע גלידער. עס האָט אים גענומען שווינדלען. ער האָט עטלעכע מאָל אַ נאָס געטאָן און זיך פאַנאַנדערגעהוסט.

— דיר איז קאַלט? — האָט מאַטילדע געפרעגט.

— ניין, נישט אַלעמאָל — האָט קאַרל געזאָגט — עס איז מיר קאַלט און אַמאָל וואַרעם.

קאַרל האָט זיך פלוצים דערמאָנט, ווי ער איז אַרויס פון זיין הויז אין אַ גאַס־רעגן אָן אַ רעקל. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט איצט זיין מאַמעס קול, וואָס שרייט אים נאָך:

— קאַרל, וועסט זיך צוקילן! קאַרל! דו שלעכטער קאַרל.

עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אַ שטול, אַז ער זאָל נישט אומפאַלן.

מאַטילדע האָט אים געטאַפּט דעם שטערן.

— דאָס קינד איז קראַנק — האָט זי אויסגערופן אין שרעק — ער האָט היץ.

האַנס איז געשטאַנען און געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט גענומען העלפן מאַטילדען אויסטאָן קאַרל׳ן.

קאַרל האָט געשלאָסן די אויגן און ווי פון אַ טיפן שלאָף אויסגעזונגען:

טאַנטע מאַטילדע! איך בין קראַנק, טאַנטע מאַטילדע! איך האָב דיך ליב. עמיל! עמיל! האַנס. איך בין קראַנק.

האַנס איז געשטאַנען מיט זיינע לאַנגע אַרונטערגעלאָזטע הענט ביים בעט, וואו קאַרל איז איצט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

קאַפּיטל פופצן

קאַרל האָט אפשר הונדערט מאָל געעפנט די אויגן און זיי געשלאָסן. ער האָט געזען, ווי עס האָט אַריינגעבלויט דורך די פענצטער דער פרימאָרגן. ער האָט געזען דעם טאָג און די פינצטערע נאַכט. ער האָט אפילו געהערט דאָס פייפן פון דער באַן, אָבער ער איז צו אַלץ געווען גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

ער האָט אפילו נישט געוואוסט וויפל טעג און נעכט עס זענען אזוי פארבייגעלאָפן. ער האָט געדענקט, אז צווישן עפענען און פארמאכן די אויגן איז לעבן אים געשטאַנען טאַנטע מאַטיל־דע מיט אַ לעפעלע. וואָס ער האָט געמוזט נעמען אין מויל אריין. אָבער נישט אַלעמאָל איז דאָס געווען טאַנטע מאַטילדע. אַמאָל איז עס גאָר געווען זיין מאַמע, וואָס האָט אים געקאָרמעט, און אַמאָל איז עס געווען דער אַלטער ייד, וואָס האָט אים געזונגען אַ לידעלע ביים איינגעבן דאָס ביטערע לעפעלע. גאַנץ אָפט האָט דער אַלטער געזונגען, ווי אַ פייף פון אַ באַן, און פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און געשריגן, אז זיין נאָמען איז האנס.

אָבער איין זאַך האָט קארל געוואוסט, אז אימיצער פעלט אים. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, ווער אייגנטלעך דער אימיצער איז, נאָר ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, ווער עס איז אים פארלוירן געגאַנגען. ער האָט זיך אזוי שטאַרק באַמיט צו דערמאָנען דאָס פּנים אָדער כאָטש דעם נאָמען פון דעם פארלוירענעם, אז טראָפּנס שווייס זענען אים אַזש אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן.

עס קאָן נישט זיין, אז יענער זאָל הייסן קארל. ניין, זיכער נישט קארל! ער איז דאָך נאָר־וואָס געלעגן לעבן אים און געהאַלטן אין איין רייבן דעם טראָטואַר מיט צעבלוטיקטע הענט. אָבער ווי אזוי האָט ער פאָרט אויסגעזען, דאָס האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. ער האָט זיך כאָטש געוואָלט דערמאָנען דעם נאָמען, נאָר אפילו דאָס איז אים נישט געלונגען.

גאַנץ אָפט האָט ער געוואָלט פרעגן טאַנטע מאַטילדע, ווער עס איז אים אַרויסגעפאַלן פון זכרון, נאָר זיינע אויגן האָבן זיך געשלאָסן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געוואָלט עפענען די ליפּן.

איינמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט און ער האָט אַ שמייכל געטאָן, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט

דעם נאָמען עמיל. ער האָט נאָך גאָרנישט געוואוסט, וואָס עמיל איז אַזוינס, אָבער אים האָט הנאה געטאָן פון דעם וואָרט אַליין און ער האָט דערפילט, אַז עס איז אים גוט, וואָס ער געדענקט אַזאַ וואָרט.

אויף דעם טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ און קאַרל האָט באַשלאָסן, אַז עמיל איז אַנדערש ווי דער לאָמפּ, אַנדערש ווי דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט איצט געדעוועט אין דרויסן, גערעוועט אַזוי, ווי אימיצער וואָלט זיך פריער אָנגע-בלאָזן ביז רויט ווערן און ערשט שפּעטער אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי.

קאַרל האָט עפּעס געזוכט מיט די אויגן איבערן צימער. ער האָט געוואָלט צוטשעפּען דאָס וואָרט עמיל, אַז עס זאָל ערגעץ פּאַסן, אָבער עס האָט נישט געפּאַסט, נישט צום טיש, נישט צום לאָמפּ און אפילו נישט צום פענצטער.

פלוצים האָט ער אַנטקעגנאיבער דערזען אַ בעטל און אין בעטל איז געלעגן אַ קעפּל, וואָס האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי עמיל. ער האָט דערפילט, אַז אים איז ערשט איצט געוואָרן זייער גוט. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט דאָס וואָרט עמיל און געקוקט צום בעטל, און כאָטש ער האָט נאָך אַלץ נישט גוט פאַרשטאַנען דעם מיין פון וואָרט, האָט ער פונדעסטוועגן גע-פילט, אַז ער האָלט שוין אָט-אָט ביים אויסגעפינען.

און מיטאַמאָל האָט ער דערזען, אַז לעבן בעט, אויף אַ צע-בראָכענעם, געבעטן שטול זיצט האַנס און שלאָפט. דער פאַר-וואָרפענער רויטער קאָפּ איז געלעגן רואיק. די צעפּאַטלטע באָרד האָט זיך נישט געוואָרפן. ער האָט נישט געשריגן, נישט גע-מאַכט מיט די הענט און נישט געלאַכט מיט זיין מאָדנעם געלעכ-טערל.

און אויף די קני, ביי האַנסן, איז געלעגן אַן אָפן בוך. האַנס איז געווען אַזוי שיין אין שלאָף, אַז קאַרל האָט אים יאָ דערקענט און נישט דערקענט.

קארל איז געווען זיכער, אַז איצט חלום׳ט ער שוין נישט; אַז ער זעט שוין זאַכן ווי זיי זענען, ווייל ער האָט שוין געזען ווי עמיל ליגט אַנטקעגן איבער אין בעטל. עמיל, דערזועלבער עמיל, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען די גאַנצע צייט. אָבער האַנסן איז פאָרט נישט געווען צו דערקענען. עפּעס איז ער יאָ האַנס און נישט האַנס.

מיטאָמאָל האָט ער געזען ווי האַנס האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. קאַרל האָט האַלב פאַרמאַכט די אויגן און באַמערקט, אַז האַנס קוקט איצט נאָך אַלץ אויס אַנדערש. ער האָט דערזען, אַז האַנס נעמט דאָס בוך און לייענט זייער אויפמערקזאַם. האַנס האָט אויסגעזען פאַרטראַכט, פון צייט צו צייט האָט ער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט דורך זיינע צעפּאַטלטע האָר. פאַרטראַכטערהייט האָט ער אַרויסגענומען אַ בליישטיפט און עפּעס פאַרשריבן אין בוך.

אַז האַנס האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט און זיך איינגעבויגן אַ קוק צו געבן אויף קאַרל׳ן, האָט קאַרל אינגאַנצן פאַרמאַכט די אויגן.

האַנס האָט שטיל שפּאַצירט הין-און-צוריק איבערן צימער עטלעכע מאָל. ער האָט פון ערגעץ אַרויסגענומען נאָך אַ בוך און עס צוגעטראָגן נאָענט צום לאָמפּ. ער איז געשטאַנען און געלייענט, ביז ער האָט ווידער האַסטיק אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און זיך צוגעזעצט צום טיש. ער האָט פון אַ שופלאָד אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און גענומען שרייבן.

קאַרל האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט האַנסן איז געוואָרן, פאַרוואָס ער איז אַזוי איבערגעאַנדערשט געוואָרן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז מאָרגן מוז ער אויפשטיין פון בעט. ער האָט גענומען שטרעקן די פיס און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט כוח. ער האָט אונטער

דער קאַלדרע געמאַכט אַ פּויסט און זיך געפרייט, וואָס די פּויסט האַלט זיך.

ער האָט געוואוסט, אַז ער איז געווען קראַנק, אָבער איצט איז ער שוין געזונט. אינדערפרי וועט ער זיכער אַרונטער פון בעט, און אַזוי שנעל ווי ער וועט אַרונטער, וועט ער מוזן דער־ציילן עמילן דעם סוד, ווי אַזוי האַנס האָט זיך אויפגעפירט בא־נאַכט, ווי אַזוי ער איז אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנדערער, ווי ער האָט קיין איינמאָל נישט אויסגעשריגן, און ווי זיין קאָפּ האָט אויסגעזען רואיק און שיין.

פון דעם זייטיקן צימער האָט אַריינגעשלייכט טאַנטע מאַ־טילדע. האַנס האָט ווידער אַ ציטער געטאָן מיט זיין גאַנצן קערפּער. קאַרל האָט דערוואַרט, ער וועט גלייך אַ געשריי טאָן „הייל!”, אָדער ער וועט גאָר מאַכן אַ קאָזשעליק.

וואָלסט זיך געמעגט צולייגן שלאָפן, קאַרל בעסערט זיך — האָט מאַטילדע געזאָגט.

אָבער קאַרל איז איצט נישט געווען פאַראינטערעסירט אין מאַטילדעס רייד. ער האָט זיך גוט איינגעהערט, וואָס האַנס וועט ענטפערן, און ווי אַזוי ער וועט ענטפערן.

און עס האָט זיך געלוינט איינצוהערן, ווייל האַנס האָט גע־רעדט שטיל, אָבער קלאָר. קאַרל האָט אַבסאָלוט נישט דערקענט דאָס קול.

— פאַראַן אַזויפיל אַרבעט, מאַטילדע. אַזויפיל וואָס צו טאָן.

— יאָ, אָבער מען דאַרף כוח האָבן צו אַרבעטן. מען דאַרף כוח האָבן צו לעבן.

דער טייוול וועט מיך נישט נעמען — האָט האַנס גע־ענטפערט מיט אַ געלעכטער.

ער האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און גענומען שטרעקן די הענט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געמאַכט איבונג אין דער פינצטער.

— עס טאָגט שוין — האָט האַנס געזאָגט.

— קאָנסט נאָך הנאה האָבן פון צוויי־דריי שעה שלאָף — האָט מאַטילדע געזאָגט, אַריינגייענדיק צוריק צו זיך אין צימער.

האַנס האָט זיך ווידער געמאַכט באַקוועם אין דעם געבעטן שטול. קאַרל איז געלעגן אַ פאַרגליווערטער. ער האָט זיך מורא געהאַט צו רירן. אים האָט זיך איצט שטאַרק געוואָלט וויינען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס איז געוואָרן מיט האַנסן. אים האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין טאָג, כדי ער זאָל קאָנען, וואָס שנעלער דערציילן עמילן וועגן האַנסעס מאָדנער אויפפירונג.

קאַפּיטל זעכצן

אין דער פרי האָבן עמיל און קאַרל געפונען אַ בריוול, וואָס טאַנטע מאַטילדע האָט פאַר זיי איבערגעלאָזט:

„זאָרגט ניט, קינדער, איך וועל צוריקקומען אין עטלעכע טעג אַרום. האַנס וועט אויף אייך אַכטונג געבן פונקט ווי איך".

קאַרל האָט זיך געפילט אַ סך בעסער. אָבער אים האָט וויי געטאָן, וואָס טאַנטע מאַטילדע איז נישטאָ אין הויז. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, וויפל מאָל זי פלעגט אויפשטיין דורך דער נאַכט און אים צודעקן, און וויפל מאָל זי האָט אים דערלאַנגט לעפעלעך מעדיצין. ער האָט איר גלייך געוואָלט באַדאַנקען און ס'איז אים אַ שאָד געווען, וואָס זי איז נישטאָ אין הויז.

דאָס האַרץ איז אים געווען שווער. ער האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, אַז אפשר וועט זי שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, ווי זיין מאַמע, ווי די אַלע, וואָס זענען לעצטנס פאַרשוואונדן. ער האָט דאָס געוואָלט זאָגן עמילן, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן, ווייל עמיל האָט אַזוי אויך אויסגעקוקט פאַרזאָרגט. קאַרל האָט געוואוסט, אַז עמיל בענקט איצט אויך גאָר שטאַרק נאָך טאַנטע מאַטילדע.

קארל האָט אויך געפּילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו האַנסן, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט נאַכט-איין, נאַכט-אויס, נאָר ער האָט נישט געוואוסט, ווי די דאַנקבאַרקייט אויסצודריקן. קארל האָט איצט אויסגעמיטן האַנסן. ער האָט אים נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן, נאָך דעם, ווי ער האָט אים געזען לייענען די ביכער און געהערט זיין ווייך קול, ווען ער האָט געענטפערט מאַטילדען.

קארל'ן האָט זיך געדוכט, אַז האַנס אַליין מיידט אים אויך אויס. ער האָט געשטעלט צום טיש, געגעבן פרישטיק, פון צייט-צו-צייט געגעבן אַ לאַך מיט זיין געלעכטערל, אפילו אויסגעשריגן „הייל״ עטלעכע מאָל, אָבער ער האָט דאָס אַלץ געטאָן אַנדערש ווי אין פּאַרק, אָדער ווי אין דעם ערשטן טאָג, ווען ער און עמיל זענען געקומען אין הויז אריין.

קארל האָט געוואָלט דערציילן עמילן אַלץ, וואָס ער האָט געזען נעכטן ביינאַכט, נאָר ער האָט עס אָפּגעלייגט, ער האָט זיך נאָך נישט געפּילט גענוג געזונט דערפאַר.

נאָך מיטאָג האָט זיך קארל געוואָרעמט אין דער זון און האַנס האָט געשפּילט באַל מיט עמילן. דער באַל איז געפלויגן הין-און-צוריק און האַנס האָט געוויזן קונצן. ער האָט געמאַכט אַ קאָזשעליק און דאַך באַוויזן צו כאַפּן דעם באַל, וואָס איז גע-פלויגן צו אים.

קארל האָט אויך געוואָלט נעמען אַ האַנט אין דעם שפּיל, אָבער האַנס האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— נאָך נישט געזונט, נאָך נישט געזונט. מאָרגן!

האַנס האָט געגלעט קארל'ן איבערן קאָפּ און געלאַכט מיט זיין שפּיציק געלעכטערל.

קארל האָט זיך גענומען בעטן ביי האַנסן, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו שפּילן באַל כאָטש פופצן מינוט. האַנס האָט אויף אים געקוקט מיט שטרענגע אויגן און זיך באַלד פאַנאַנדער-געלאַכט.

— ניין. טאנטע מאטילדע זיין בייז.

— וואו איז טאנטע מאטילדע אוועק? — האט עמיל גע־פרעגט.

— גיך צוריקקומען, גיך צוריקקומען — האט האנס געענט־פערט און געמאכט א קאזשעליק.

עמיל האט אזוי לאנג געשפילט מיט האנסן, ביז ער האט זיך א ביסל פארשוויצט שפילנדיק, און ער האט באשלאסן, אז עס וועט זיין גענוג.

קארל איז די גאנצע צייט געזעסן אויפן שוועל און זיך געווארעמט. ווען עמיל האט אויפגעהערט שפילן, האט ער זיך געבעטן ביי האנסן, אז ער זאל אים מיט עמילן כאטש דערלויבן צו כאפן דעם קליינעם שפאציר ביז צו די רעלסן.ביידע האבן צוגעזאגט, אז זיי וועלן זיך אוועקזעצן אויף דעם בערגל לעבן די רעלסן און נאך דעם ווי זיי וועלן זען א צוויי־דריי צוגן פאר־בייפליען, וועלן זיי גלייך צוריקקומען.

— איך וועל שרייען קום צוריק — האט האנס זיי גע־ווארנט מיט א פינגער — ביסט נאך שוואך.

אזוי שנעל, ווי עמיל און קארל האבן זיך אוועקגעזעצט אויף דעם בערגל, האבן זיי גלייך געהאט מזל. א לאנגע באן האט זיך פארבייגעשלעפט און עמיל און קארל האבן הויך גע־ציילט די וואגאנען.

— צוויי און דרייסיק — האבן ביידע קינדער אויסגעשריגן מיטאמאל, צופרידן, וואס ביי ביידע איז אויסגעקומען דיזעלבי־קע צאל.

עמיל האט פלוצים א זיפץ געטאן.

— וואס זיפצסטו, עמיל? האט קארל געפרעגט.

— אז איך דערמאן זיך אין אלץ, זיפץ איך — האט עמיל געענטפערט — באנאכט וויין איך אין דער שטיל, ווען איך דערמאן זיך אין מיין מאמען און אין מיין טאטן. ווען דו ביסט געווען קראנק האב איך אויך שטארק געוויינט.

— און איך האָב דיך אַרומגעזוכט. איך האָב פאַרגעסן ווער דו ביסט און ווי דו הייסט, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דו פעלסט מיר.

מיר וואָלטן געדאַרפט אויסגעפינען וואָס איז געשען מיט מיין מאַמען, מיט דיין מאַמען.

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס? האָט קאַרל אָנגעשטעלט זיינע גרויסע בלויע אויגן אויף עמילן.

— איך ווייס נישט, נאָר מיר מוזן אויסגעפינען. מען דאַרף פרעגן טאַנטע מאַטילדע. זי ווייסט אַלץ.

— טאַנטע מאַטילדע וועט זיך פילן שטאַרק געקרענקט דערפון — האָט קאַרל געזאָגט — זי איז אַזוי גוט צו אונדז.

— אָט איז זי פאַרשוואונדן — האָט עמיל געזאָגט מיט צוריקגעהאַלטענעם פאַרוואורף.

— דו ווייסט, עמיל, איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן — האָט קאַרל געזאָגט — איך וועל עס דיר דערציילן, אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט זיך ניט דערשרעקן.

איז עס אַ שטאַרק שרעקנדיקע זאַך? — האָט עמיל גע־פרעגט.

— שטאַרק — האָט קאַרל געזאָגט — איך וועל עס דיר גלייכער ניט דערציילן. איך וועל עס דיר אויסזאָגן, ווען טאַנטע מאַטילדע וועט צוריקקומען.

— אָבער איך בין שטאַרק נייגעריק — האָט עמיל געזאָגט — דערצייל עס מיר ביסלעכוויים, ניט מיטאַמאָל.

קאַרל האָט גענומען דערציילן. ווי אַזוי ער האָט געזען האַנסן לייענען ביכער, ווי ער האָט אפילן געשריבן, און ווי ער האָט געענטפערט טאַנטע מאַטילדע מיט אַ ווייכער שטים, אַז ער האָט אַ סך, אַ סך אַרבעט.

— און דו האָסט געדאַרפט זען, ווי ער האָט אויסגעזען. אַנ־דערש ווי אַלעמאָל. זיין באָרד איז געווען אַנדערש, זיינע האָר זענען געווען פאַרקעמט און זיין פּנים איז געווען שיין.

און ער האָט נישט געשריגן קיין „הייל״? האָט עמיל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— קיין איין מאָל נישט.

— איך האָב טאָקע זייער שטאַרק מורא, — האָט עמיל געזאָגט — עס געפעלט מיר גאָרנישט. ביסטו זיכער, אַז דיר האָט זיך עס נישט גע׳חלומ׳ט?

— איך בין טויזנט מאָל זיכער. עס האָט מיר נאָך דעם גענומען זייער לאַנג איינצושלאָפן.

— און ער האָט ניט געלאַכט און געשריען „ס׳איז גוט״? — האָט עמיל אַלץ געוואָלט וויסן.

— אָך, קיין איין מאָל ניט. ער האָט געהאַלטן אַ בוך נאָענט צום לאָמפּ, געלייענט און פאַרשריבן.

דער סיגנאַל־מאַן האָט דערזען די קינדער. ער האָט זיי באַגריסט פון דערווייטנס, אָבער זיי האָבן אים ניט געענטפערט.

— איך האָב אים ניט ליב. האָסט געהערט וואָס ער האָט דערציילט? — האָט עמיל געפרעגט.

— אָט טראַגט ער טאָקע די נייע גלעז שיך, וואָס ער האָט צוגענומען ביים אידישן געשעפטסמאַן — האָט קאַרל שטיל געזאָגט.

ביידע קינדער האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און גענומען גיין לאַנגזאַם צוריק.

— דו ווייסט וואָס? — האָט עמיל געזאָגט — היינט ביינאַכט וועל איך זיין אויף און זען, וואָס האָנס טוט אַ גאַנצע נאַכט.

— גלויבסט מיר נאָך אַלץ ניט? — האָט קאַרל געפרעגט ברוגז׳לעך.

— אָ, איך גלויב דיר שטאַרק, אָבער איך וויל עס אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן.

— שלאָף בעסער — האָט אים קאַרל געבעטן — ווייל דו וועסט מורא האָבן.

— איך האָב סיי־ווי מורא ביינאַכט. איך טראַכט פון דער

מאַמען מיינער. איך זע ווי זי האָט אויסגעזען, ווען מען האָט זי אַרויסגעפירט פון הויז.

— דו ווייסט? היינט ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין, וועל איך זיך נעמען אין זינען אַריין אויפצוכאַפּן זיך אין מיטן דער נאַכט. אויב איך וועל שטאַרק מורא האָבן וועל איך דיך אויפוועקן.

— יאָ — האָט קאַרל איינגעשטימט — היינט וועלן מיר זיך לייגן שלאָפן אין איין בעט. אַז דו וועסט מיך וועלן אויפוועקן, זאָלסטו מיר לייכט אַ צופּ טאָן ביי די האָר.

— אָפּגעמאַכט! — האָט עמיל געזאָגט.

— אָפּגעמאַכט, אָבער גיב ניט קיין שטאַרקן ריס ביי די האָר, נאָר אַ לייכטן צי, און איך וועל גלייך עפענען די אויגן.

קאַפּיטל זיבעצן

אין אָוונט איז געקומען פרידריך, דער סיגנאַל־מאַן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און געפּיפּקעט וואָלקנס מיט רויך. ער איז געווען אַזוי שכור, אַז יעדעס מאָל, ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל צו רעדן, האָט ער בלויז געקאָנט פּלאַפּלען שטיקלעך און ברעקלעך ווערטער. ער האָט גערעדט צו עמיל און קאַרלען און געאַרבעט שווער, אַז זיי זאָלן אים פאַרשטיין, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז זיי האָבן געהאַלטן אין איין לאַכן.

דער סיגנאַל־מאַן האָט אויך מיטגעלאַכט. צווישן איין לאַך און דעם צווייטן האָט ער ווידער איינגעשטעלט און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט אים אַלץ נישט געוואָלט פאָלגן.

האָט ער זיך מישב געווען און גערעדט שטיל צו זיך אַליין. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך אַליין עפּעס געפרעגט, אָבער ער האָט זיך אויך ניט פאַרשטאַנען. ווען די קינדער האָבן

ארויסגעפלאַצט אין אַ געלעכטער, האָט ער מיטגעלאַכט אַ הילפלאָזער.

האַנס איז געזעסן אויף דער שוועל. עמיל און קארל האָבן פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף אים, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט, אַז עס זאָל געשען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך.

דער סיגנאַל־מאַן האָט איצט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג עפּעס צו זאָגן. ער האָט שטאַרק געהאָרעוועט, ביז עס איז אים געלונגען ארויסצורעדן אַ וואָרט.

— מאַטילדע ?

די פראַגע האָט ער באַטאָנט מיט דער ליולקע, אָנווייזנדיק מיט איר אויף דעם צימער, וואו מאַטילדע איז געווייגלעך געשלאָפן.

זי וועט אינגיכן צוריקקומען — האָט קארל געענטפערט.

דער סיגנאַל־מאַן איז געוועזן אַזוי צופרידן, וואָס מען האָט אים פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ווידער איינגעשטעלט און געפרעגט, ווענדנדיק די ליולקע צו קאַרלען.

— געזונט ?

— יאָ, שוין אינגאַנצן געזונט — האָט קארל געזאָגט.

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע אַ מעסערל און עס אים געוואָלט געבן.

— נאַ, נעם עס. דיר אַ מתנה ! — ער האָט עס געעפנט און געוויזן, אַז עס האָט דריי גלאַנצנדיקע קלינגלעך און אַ פּראָפּנציער.

קארל האָט געקוקט אויף דעם גלאַנצנדיקן מעסערל און עס געוואָלט נעמען. אָבער איידער ער האָט עס גענומען האָט ער געפרעגט :

— און פאַר עמילן ?

דער סיגנאַל־מאַן האָט געפּיפּקעט אַ צופרידענער.

— אַ גוט יינגל ! אַ גוט יינגל ! גיב אַ קוק — און ער

האָט אַרויסגענומען נאָך אַ מעסערל, פּונקט אַזאַ בליאַסקנדיקס, ווי דאָס ערשטע.

— צוויי יינגלעך, צוויי מעסערלעך — האָט ער געזאָגט, עפּענענדיק אַלע קלינגלעך אויך פון דעם צווייטן מעסערל.

קאַרל האָט געוואַרט, אַז עמיל זאָל נעמען זיין מעסערל, אָבער יענער האָט זיך אפילו ניט גערירט פון אָרט.

— נאַ! — האָט דער סיגנאַל־מאַן געזאָגט צו עמילן — דאָס איז דיינס.

— איך וויל ניט קיין מעסערל. איך דאַרף ניט קיין מעסערל.

עמיל האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. קאַרל איז געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער.

— דאָס איז מאָדנע — האָט דער סיגנאַל־מאַן גערעדט שנעל, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אויסגעניכטערט — אַלע יינגלעך האָבן ליב מעסערלעך, און דאָס זיינען שיינע מעסערלעך, מיט פּראָפּנציערס.

— איך דאַרף ניט קיין מעסערל — האָט עמיל גערעדט, נאָך אַלץ מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ — דו האָסט די מע־סערלעך ערגעץ צוגענומען.

דער סיגנאַל־מאַן איז אויפגעשפּרונגען.

— זאָל מיך גאָט שטראָפן. איך האָב די מעסערלעך גע־קויפט, איינס פאַר קאַרלען און אַ צווייטס פאַר עמילן. איך האָב מער גאָרניט צוגענומען. דער אַנצוג הענגט נאָך אַלץ אין שאַפע, ווי אַ געהאַנגענער. בלויז אָנגעטאָן די געלע שיך. מיינע שיך האָבן שוין אינגאַנצן ניט געהאַט קיין זוילן. אפילו דעם זייגער אָוועקגעלייגט, איז געבליבן שטיין, ווי אַ גולם, אויף צען מינוט נאָך צוועלף. אָט איז נאָך אפילו מיין אַלטער זייגער.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און געוויזן. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— צום טייוול, באַלד לויפט שוין פאַרביי דער צענער צוג.

און ער האָט גענומען לויפן פון הויז, איבערלאָזנדיק ביידע מעסערלעך אויפן שטול, וואו ער איז געזעסן.

די מעסערלעך האָט ער ניט צוגערויבט — האָט קאָרל געזאָגט, קוקנדיק מיט בענקשאַפט אויף די געעפנטע מעסער־לעך. — האָסט געהערט, ער האָט געשוואָרן.

— איך וויל ניט די מעסערלעך — האָט עמיל אָפּגעקערט דאָס פּנים פון דעם שטול. — ער האָט אַליין דערציילט, אַז ער האָט צוגערויבט געלט און מיט דעם געלט האָט ער, ווייזט אויס, געקויפט מעסערלעך. דו קענסט האָבן דיין מעסערל, אויב דו ווילסט — האָט עמיל געזאָגט.

קאָרל איז צוגעגאַנגען נענטער צו עמילן. ער האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער איז געשטאַנען און אויף אים גע־קוקט מיט פאַרטרערטע אויגן.

— איך דאַרף אויך ניט מיין מעסערל. מיין מאַמע האָט מיר אַמאָל געקויפט אַ מעסערל מיט פיר קלינגלעך. עס איז דאָרט אַפילו געווען אַ לעפעלע אויף אויסצורייניקן די אויערן.

עמיל האָט ניט געענטפערט.

— דו ביזט מיין איינציקער חבר — האָט קאָרל ווייטער גערעדט — און איך בין דיין איינציקער חבר.

— יאָ — האָט עמיל געענטפערט — אודאי ביסטו מיין איינציקער חבר.

— כאָטש מיר האָט זיך געגלוסט צו נעמען מיין מעסערל. איך האָב עס שיער ניט גענומען — האָט קאָרל זיך אַליין פאַר־געוואָרפן.

— יאָ, מיר זיינען חברים — האָט עמיל געענטפערט מיט פרייד — און מיר קענען זיך שפּילן אָן מעסערלעך אויך.

האַנס איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער שוועל. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעלענט אויף דער טיר־ראַם. ער האָט שווער געאָטעמט.

קאָרל האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגערופן שטיל:

— ער שלאָפט. ער שלאָפט געשמאַק.

עמיל האט זיך אויך אנגעבויגן.

— ער שלאפט טאקע. ער מוז זיין גוט מיד.

— ער האט אויפגעפאסט אויף מיר גאנצע נעכט. ער האט זיך גוט אויסגעמאטערט — האט קארל גערעדט ווי א שולדיקער.

— איך בענק שטארק נאך מאטילדען — האט עמיל געזאגט און א זיפץ געטאן. — זי איז אזא גוטע, ווי דעם הויז־וועכטערס פרוי, אפשר נאך בעסער פון איר. ווי מיין מאמע. ווען דו ביזט קראנק געווען, האב איך אליין געזען, אז זי האט געוויינט. אמאל האט זי מיר געזאגט: דו ווייסט, קארל איז זייער קראנק.

— איך בין גוט קראנק געווען? — האט קארל געזאגט בארימעריש.

— אהא, האסט אויסגעזען ווי א טויטער.

— דו ווייסט וואס איך האב געטאן? — האט עמיל גערעדט שטיל און זיך גלייך פארשעמט — איך האב געזאגט א תפילה, וואס מיין טאטע האט מיך אויסגעלערנט. איך האב עס געזאגט עטלעכע מאל פארן שלאפן גיין.

קארל האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם געבעטן שטול, וואו דער סיגנאל־מאן איז נאר־וואס געהאט געזעסן. ער איז גלייך אויפגעשפרונגען, ווי עפעס וואלט אים פלוצלינג א בים געטאן.

— זיך אוועקגעזעצט אויף די פאסקודנע מעסערלעך. זיך שיער ניט צעשטאכן מיט די געעפנטע קלינגלעך.

—מארגן אין דער פרי וועלן מיר פון זיי פטור ווערן. ער וועט זיי מוזן צוריקנעמען — האט עמיל געזאגט — אז ניט וועלן מיר זיי באגראבן אין דער ערד.

— עס איז שוין שפעט. לאמיר זיך לייגן שלאפן. פארגעס ניט אין אונדזער אפמאך — האט קארל שטיל געזאגט, און א קוק געגעבן אויב האנס שלאפט נאך.

— יא, אודאי געדענק איך. איך וועל זיך דריי מאל נעמען אין זינען אריין, און איך וועל זיך אויפכאפן. איך האב אביסל

מורא, זאָלסט ניט זיין בייז, אויב איך וועל דיר געבן אַ שטאַרקן ציִ ביי די האָר. דאָס וועט דיר זיין אַ סימן, אַז איך שרעק זיך.

— אָבער ניט צו שטאַרק, ווייל איך וועל אויסשרייען פון שלאָף און מיר וועלן אַלע קאַליע מאַכן. האַנס וועט זיך כאַפּן, אַז מיר זעען אים.

זיי האָבן זיך אַריינגעלייגט אין בעט, וואו עמיל איז גע־שלאָפן דורך דער צייט, וואָס קאַרל איז קראַנק געווען.

— איך וואָלט איצט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל מיר דער־ציילן אַ מעשה, אָדער זינגען אַ שיין לידל. מיין מאַמע האָט געקענט אַ סך שיינע שלאָף־לידער — האָט קאַרל געזאָגט, און ער האָט גענומען אונטערברומען אַ מעלאָדיע.

— אוי, יאַ, טע, טי־די־די, דיילאָם, דיילאָם.

עמיל האָט אויך גענומען נאָכזינגען — טי־די־די, דיילאָם, דיילאָם.

— דאָס איז דאָך דעם זיידנס לידל — האָט זיך עמיל דער־פרייט. — זינג עס טאַקע. מיר איז עס אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ.

— און מיר ניט, מיר ניט. איך געדענק גוט דעם זיידנס לידל — האָט קאַרל געזאָגט, ברומענדיק דעם ניגון — איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

קאַפּיטל אַכצן

אין דער פרי, ווען עמיל האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר קאַרלען, וואָס ער איז פאַרשלאָפן.

— דאָס ערשטע מאָל אַז עס טרעפט זיך מיר אַזאַ זאַך — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — געוויינלעך, אַז איך נעם זיך אין זין אַריין אויפצושטיין, כאַפּ איך זיך אויף אינמיטן דער נאַכט.

קאַרל האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, אָבער ער האָט געטרייסט זיין חבר.

— האסט זיך מסתמא גוט אויסגעמאטערט ביים באל שפילן.

נאר עס האט גארניט געהאלפן, וואס עמיל האט זיך אפ־גערוט א גאנצן טאג. האנס האט אים איינגעלאדן צו שפילן באל, אבער ער האט זיך אפגעזאגט. פונדעסטוועגן איז ער דעם צווייטן אוונט ווידער געשלאפן, ווי א גע׳הרג׳עטער.

איך האב פארגעסן ווי מען טוט דאס — האט עמיל זיך באקלאגט. — דאס מאל האב איך זיך גאר שטארק גענומען אין זין אריין. איך האב שטייף געשלאסן די אויגן און דריי מאל איבערגע׳חזר׳ט, אז איך מוז זיך אויפכאפן אין מיטן דער נאכט.

קארלען האט הנאה געטאן, וואס עמיל איז שוין צוויי מאל דורכגעפאלן.

— פארוואס זשע האסטו זיך ניט אויפגעכאפט און מיך אויפגעוועקט? — האט עמיל געהאט פרעטענזיעס צו זיין חבר.

קארל האט געוואלט עפעס ענטפערן, אבער אין דער מינוט האט זיך געעפנט די טיר און עס איז אריינגעקומען מאטילדע.

ביידע קינדער האבן ארויסגעלאזט אזא פריידיקן געשריי, אז מאטילדע איז געבליבן שטיין א צעטומלטע.

זיי זיינען ארויסגעשפרונגען פון בעט און זיך איינגעקלא־מערט אין איר, אז זי האט ניט געקאנט מאכן קיין טריט.

— אזוי שטארק האט איר מיך ליב? — האט זי געפרעגט א שטראלנדיקע פון פרייד.

— נאך שטארקער — האט עמיל געענטפערט.

— מיר האבן נאך דיר שטארק געבענקט — האט קארל געזאגט.

מאטילדע איז נאך אלץ געווען צעטומלט פון דער שטור־מישער אויפנאמע, וואס זי האט געקראגן. זי האט אויסגעזען העכער ווי געוויינלעך. פון איר הוט האבן ארויסגעשטעקט פאסמעס גרויע האר. אירע גרויסע שווארצע אויגן האבן געהאט אין זיך א ים מיט געלעכטער. אירע גרויסע, פעדערשטע ציין האבן אנגעווארפן א פריידיקע מורא, אז אט וועט זי זיך איינ־

בייסן אין עמילס און אין קאַרלס באַקן. קאַרל האָט געטראַכט, אַז מאַטילדע איז פּונקט אַזוי שיין ווי זיין מאַמע, כאָטש זי האָט אַ קליינעם שראַם אונטער דעם לינקן אויג.

ערשט איצט האָט עמיל באַמערקט, אַז האַנס פעלט. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן איבערן הויז, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזען.

— וואו איז האַנס? — האָט עמיל געפרעגט אַ באַזאָרגטער.

קאַרל איז געלאָפן פון צימער צו צימער און איז אַרויסגע־קומען אַן איבערראַשטער.

— האַנס איז טאַקע ניטאָ. וואו איז ער אַהינגעקומען? — האָט ער געפרעגט מיט שרעק.

— איר דאַרפט זיך גאָר ניט שרעקן, ער וועט נאָך היינט צוריקקומען, שפּעט אין אָוונט — האָט מאַטילדע געזאָגט, אַרונ־טערנעמענדיק דעם נאַסן רעגנמאַנטל.

אין דרויסן האָט איצט געשמיסן אַ רעגן. מאַטילדע האָט פאַרמאַכט די פענצטער, ווייל עס האָט גענומען אַריינדרינגען קאַלטע לופט. עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי פינצטער, ווי עס וואָלט שוין געווען פאַרנאַכט. זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און דאָס גרויסע צימער איז פול געוואָרן מיט שאָטנס.

— אַזאַ פינצטערניש זעט מען זעלטן באַטאָג. עס איז ערשט צען אַזייגער אין דער פרי — האָט מאַטילדע געזאָגט, דערלאַנגענדיק די קינדער צו גלאָז מילך.

— און מיינט ניט, אַז איך האָב אין אייך פאַרגעסן.

זי האָט אַרויסגענומען צוויי מעסערלעך. זי האָט ביידע מעסערלעך צעעפנט און געוויזן, אַז זיי האָבן צו פיר קלינגלעך. טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט יעדעס מעסערל נאָך געהאַט אַ קליין שערעלע.

קאַרל האָט אַזש געהאַט טרערן אין די אויגן. ער האָט שנעל גענומען דערציילן וועגן די צוויי מעסערלעך, וואָס דער אַלטער פרידריך האָט זיי געוואָלט געבן. ער האָט אָפּנהאַרציק

צוגעגעבן, אַז ער איז שוין געווען גרייט צו נעמען, אָבער עמיל האָט ניט געוואָלט. די מעסערלעך זיינען באַגראָבן געוואָרן לעבן הויז, מיט אַן אויפשריפט:

„דאָ ליגן די פּאַסקודנע מעסערלעך."

— איך בין שטאָלץ מיט אייך, קינדער. איר ווייסט גאָר אַליין ניט, ווי שטאָלץ איך בין מיט אייך — האָט מאַטילדע געזאָגט, דריקנדיק די קינדער צו זיך.

— און יענע מעסערלעך האָבן מער ניט געהאַט ווי צו דריי קלינגלעך — האָט עמיל אויסגערופן מיט פרייד. — מען רעדט שוין ניט וועגן דעם שערעלע.

מאַטילדע האָט די קינדער געגעבן אָפּצועסן. נאָכן עסן, ווען זיי האָבן גענומען אויספּרובירן די מעסערלעך אויף שטיקלעך פּאַפּיר, האָט זי זיי געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זיי עפּעס זאָגן אַ גאָר-גאָר וויכטיקע זאַך.

— איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו רעדן מיט אייך וועגן אַ וויכטיקן ענין — האָט מאַטילדע אָנגעהויבן. — איך האָב זיך שטאַרק גע'ישוב'ט, אָבער די מעשה מיט די באַגראָבענע מעסערלעך האָט מיך איבערצייגט, אַז איך מעג מיט אייך רעדן, ווייל איר זייט פאַרשטענדיקע קינדער.

— ווין איז איצט גאָר אַן אַנדער שטאָט — האָט מאַטילדע געזאָגט.

אַקוראַט וואָס מיין מאַמע האָט מיר דערקלערט — האָט קאַרל אויסגערופן מיט פרייד, ווי ער וואָלט איצט געהערט פון זיין מאַמען די ווערטער.

— יאָ, דיין מאַמע איז געווען גערעכט. די שטאָט איז איצט ניט צו דערקענען. מיינט ניט, אַז עס זיינען איצט אין ווין פאַראַן בלויז צוויי קינדער ווי איר. עס זיינען דאָ הונדערטער עמילס און קאַרלס. אין גאַנץ עסטרייך זיינען דאָ אַ סך טויזנטער.

מאַטילדע האָט אָפּגעזיפצט און ווייטער גערעדט.

— אייך איז כאָטש אַביסל בעסער ווי די אַנדערע עמילס

און קארלס, וואָס האָבן אפילו ניט קיין דאך איבערן קאָפּ. זיי דרייען זיך אַרום שלינג-און-שלאַנג, הונגעריק, נאַקעט און באָרוויס.

— אונזער אומגליקלעך פאַטערלאַנד איז איצט פול מיט טורמעס, וואו עס וואַלגערן זיך צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס ווערן געפּייניקט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואַגט צו זאָגן אַן אמת וואָרט. אַ סך זענען שוין דערמאָרדעט געוואָרן. אַזוי מאַטערט מען די עמילס און קאַרלס. די עמילס ליידן טאָפּלט, ווייל זיי זיינען יידן. איר האָט דאָך געזען ווי מען האָט זיי געפּייניקט, יענעם זונטיק אין פּאַרק.

— איך בין אויך געפּייניקט געוואָרן ווי אַ ייד — האָט קאַרל געזאָגט מיט שטאָלץ. — איך האָב געמוזט וואַשן די טראָטואַרן מיט ברענענדיקן זייף אַזעלכן.

— אָרימער קאַרל, אָרימער עמיל, איך האָב אייך גאָרניט וואָס צו דערציילן. איר ווייסט אַלץ. אָבער איך וויל אייך זאָגן, אַז דאָס וועט אייביק ניט געדויערן. גאָט צו דאַנקען וואָס מיר האָבן אויך אַ האַנס, און ניט איין האַנס, נאָר הונדערטער האַנסעס.

— האַנס? — האָבן ביידע אויסגערופן דערשטוינט. — אַזוי ווי אונזער האַנס?

— יאָ, אונזער האַנס — האָט מאַטילדע געענטפערט.

— איך האָב אָבער געוואוסט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק — האָט קאַרל געזאָגט. — וואָס האָב איך דיר געזאָגט, עמיל?

— האַנס איז אַמאָל געווען אַ באַקאַנטער וואָדעוויל אַקטיאָר. ער האָט אַמוזירט צענדליקע טויזנטער מענטשן — האָט מאַטילדע דערציילט. — ווען ווין איז איבערגעקערט געוואָרן, האָט ער באַשלאָסן, אַז עס איז אַוועק די צייט פון פריילעך-מאַכעריי. ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן דעם מאַסקאַראַד זיינעם, די באָרד מיט די צעפּאַטלטע האָר, כדי מען זאָל אים ניט דערקענען.

— הייסט עס, — האָט עמיל געזאָגט — ער איז נישט . . .
ער איז נישט . . .

— ניין, ער איז גאָרניט משוגע. שוין צייט, קינדער, איר זאָלט עס וויסן. איר ווייסט גאָרניט, ווי האָנס האָט געליטן, וואָס ער האָט אויך אייך געדאַרפט אָפּנאַרן. ער וועט זיין גליקלעך, ווען ער וועט היינט ביינאַכט אויסגעפינען, אַז פאַר אייך דאַרף ער שוין נישט מאַכן די ווילדע שטיק.

עמיל און קאַרל זענען געבליבן זיצן פאַרמאַטערט פון דעם, וואָס מאַטילדע האָט זיי דערציילט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאַלטן אין איין פרעגן אַלערליי פראַגן. מאַטילדע האָט זיי דערקלערט, וואָס אַ שטייגער האָנס און זיינע חברים טוען, ווי זיי שטעלן איין דאָס לעבן און זיי פאַרשפּרייטן צירקולאַרן און אַפילו ביכער, און ווי קונציק זיי טוען דאָס; ווי זיי דרוקן צירקולאַרן אויף פּאַפּיראָס-פּאַפּיר. ווי זיי וויקלען עס און פאַרשפּרייטן עס איבער די הייזער; ווי זיי פּראָדוצירן גראַמאָפאָן-פּליטעס מיט פּאַטריאָטישע לידער, וואָס ענדיקן זיך מיט רעדעס קעגן דער איצטיקער היטלער'שער רעגירונג.

— און דו, טאַנטע מאַטילדע, וואָס טוסטו? — האָט עמיל ניט דרייסט געפרעגט.

— איך העלף אויך צו. איך טו אויך מיין חלק — האָט מאַטילדע געזאָגט, שעמעוודיק, ווי אַ קליין מיידעלע.

— נאָר כדי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט קעגן דער ברוטאַלער מאַכט, דאַרף מען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען. איר קאָנט זיך פאַרשטעלן, אַז אַזעלכע געהיימע פאַרזאַמלונגען זענען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר. עס שמעקט מיט טויט, אָבער די האָנסעס זיינען מוטיק און בראַוו.

—היינט ווערט גראַד אַזאַ פאַרזאַמלונג גערופן ביי אונז אין הויז, אין יענעם פינצטערן צימער — האָט מאַטילדע געזאָגט.

— עס וועלן קומען עטלעכע צענדליק מענטשן. זיי וועלן אָנ־קומען שפּעט, פאַר האַלבער נאַכט.

— איך וויל אויף זיין און הערן — האָט עמיל אויסגערופן.

— איך אויך — האָט קאַרל זיך געבעטן.

— אויב איר וועט נאָר ניט זיין מיד וועלן מיר אייך לאָזן זיין ביי דער אונטערערדישער זיצונג.

קאַרל האָט זיך דערפרייט. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס מאַטילדע האָט אָנגערופן די זיצונג אַן אונטערערדישע. ער האָט זיך דערמאָנט אין די מעשה׳לעך, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט וועגן די אונטערערדישע היילן און וועגן די זעק מיט גאָלד און בריליאַנטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין זיין שפּעט פאַר האַלבער נאַכט — האָט קאַרל געזאָגט. — איך קאָן זיך קוים דערוואַרטן.

אין דער מינוט האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן האַנס. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און געקוקט אויף מאַטילדען.

— איך האָב זיי שוין אַלץ דערציילט. עס איז בעסער אַזוי. עמיל און קאַרל זענען אונזערע קינדער. זיי האָבן גענוג געליטן און זיי מעגן אַלץ וויסן.

און בעת מאַטילדע האָט גערעדט די ווערטער, איז האַנס געגאַנגען נענטער צו די קינדער און זיי ביידע אַרומגענומען.

— קליינע, קליינע חברים מיינע — האָט האַנס געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים.

פאַר עמילן איז דאָס געווען צופיל. ער האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

קאַפּיטל ניינצן

פֿאַר האַלבער נאַכט האָט מאַטילדע פאַרלאָשן אַלע לאָמפּן. עמיל און קאַרל זענען געבליבן זיצן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און געוואַרט. האַנס איז שוין געזעסן אין דעם זייטיקן צימער אָן פענצטער, וואָס איז אַפילו בייטאָג געווען שטאָק-פינצטער.

עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז עמיל האָט זיך גערוקט מיט מורא צו קאַרלען. מאַטילדע האָט איצט פאַרהאַנגען אַלע פענצטער. די איינציגע ליכטיקע זאַך אין הויז איז געווען אַ גליוואָרם, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט און האָט זיך אַנגעצונדן פלאַטערנדיק.

עמיל און קאַרל האָבן נישט געזען מאַטילדען, אָבער זיי האָבן געהערט ווי זי אָטעמט שווער. לויט איר אָטעמען איז געווען קענטיק, אַז זי וואַרט מיט אומגעדולד.

קאַרלען איז אַזוי געפעלן געוואָרן דאָס וואַרטן אין דער פינצטער, אַז עס האָט אים אַזש געקיצלט אין האַלדז. אַ לאַנגע צייט איז געווען אַזוי שטיל, אַז ער האָט געמיינט עס וועט שוין קיינער נישט קומען.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס גאַנצע הויז געגומען טרייסלען. אַ צוג איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ פייפעריי, וואָס איז צעקרישלט געוואָרן אויף שטיק-שטיקלעך. אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי דער צוג מיט די קליינע געל-רויטע פענצטערלעך איז שוין געהאַט פאַרבייגעפאָרן, האָט מען נאָך געהערט, ווי שטיקלעך פון דעם צוגס פייף זענען געבליבן שטעקן אויף דעם בערגל, האַרט ביי די רעלסן.

— דאָס איז געווען דער צוועלף-צענער — האָט האַנס אַרויסגערעדט פון דעם פינצטערן צימער.

עמיל און קאַרל האָבן אויפגעציטערט. זיי האָבן נישט

דערוואַרט, אַז פון דער פינצטער זאָל קומען אַ מענטשלעכע שטים.

טאַנטע מאַטילדע איז צוגעגאַנגען און געעפנט די טיר. עס איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער. עמיל און קאַרל האָבן געקוקט אויף דער טיר מיט גרויס דערוואַרטונג.

מאַטילדע האָט זיך געזעצט צווישן די קינדער און אַלע דריי האָבן געהאַלטן די אויגן אויף דער אָפּענער טיר און געשוויגן.

עס האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פון אַ מאַן, און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, איז ער גלייך געגאַנגען צום פינצטערן צימער און איז דאָרט פאַרשוואונדן. אַ מינוט - צוויי זענען אַריבער און עס איז אַריין נאָך איינער. זיי זענען געקומען איינציקווייז און פאַרשוואונדן אין דעם פינצטערן צימער. די לעצטע זענען געקומען צוויי פרויען. ווען מאַטילדע האָט זיי דערזען, האָט זי זיי שטיל באַגריסט און פאַרמאַכט די טיר.

— איר וועט זיך אפשר לייגן שלאָפן, קינדער — האָט מאַטילדע שטיל געפרעגט.

— ניין — האָט קאַרל געענטפערט. ער האָט געפילט, אַז עס ברענט אים אַן אויער, אַ שטיק באַק. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג.

— איך אויך נישט — האָט עמיל געענטפערט נאָך שטילער און אַנטשלאָסענער.

מאַטילדע איז איצט אויך אַריין אין פינצטערן צימער און די קינדער האָבן זיך נענטער צוגערוקט צו דער שטוב, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט האַנסעס קרעפטיק קול.

ער האָט גערעדט שטיל, אָבער מען האָט קלאָר געהערט זיין יעדעס וואָרט.

ער האָט דערציילט, אַז אין ווין הערשט איצט גרויס אומצופרידנקייט. עס וואַקסט דער אומצוטרוי ביי די מאַסן. אַפילו אַ סך פון די, וואָס האָבן געוואַרט מיט האָפענונג אויף דער נייער רעגירונג, זענען שוין איצט שטאַרק אַנטוישט. האַנס האָט

איבערגעגעבן, אז די אונטערערדישע באוועגונג האט שוין אפילו פריינט צווישן גאר הויכע באאמטע.

— ווי לאנג וועט דאס געדויערן? — האט אימיצער גע־פרעגט מיט א טרוקענער און טרויעריקער שטים.

אלע זענען געבליבן זיצן שטיל. האנס האט אויך א לאנגע צייט נישט געענטפערט.

— עס ווענדט זיך איינגאנצן אין אונדז — האט מאטילדע געזאגט. — מיר מוזן נאך שווערער און איבערגעגעבענער אר־בעטן. דער טאג וועט קומען, ווען מען וועט נאך טאנצן אויף די ווינער און בערלינער גאסן פון פרייד. א סך פון אונדז וועלן דאס נישט דערלעבן. מיר וועלן פאלן אין שלאכט, אבער עס לוינט זיך. עס איז א גרויסער קאמף.

עמיל און קארל האבן געשלונגען יעדעס ווארט. עמילן האט זיך אויסגעוויזן, אז די פינצטערניש האט זיך פון זיך אליין אנגעצונדן. ער האט געפילט, ווי זיינע אויגן פינקלען. אים האט זיך געדוכט, אז ער איז א קאץ, וואס זעט איצט מיט בלישטשנדיקע אויגן יעדעס פינצטער ווינקעלע. זיין הארץ האט געקלאפט; אזוי הויך געקלאפט, אז ער האט מורא געהאט דאס קלאפן שטערט יעדן איינעם.

און קארל האט אויך מיטגעפיבערט מיט יעדן איינעם. כאטש ער האט גארנישט געהערט אויסער רייד, איז פאר אים אלץ געווען א וואונדער־מעשה'לע: די פינצטערניש, די מענטשן, זייערע רייד. ער איז געווען שטאלץ מיט האנסן. ער איז גע־ווען שטאלץ דערפאר, וואס ער האט אים אנטדעקט, אין יענער נאכט, ווען ער האט אים געזען לייענען א בוך. עס איז אים אויך שטארק געפעלן, וואס אלע הערן זיך איין מיט גרוים אויפ־מערקזאמקייט צו מאטילדען. זי רעדט געלאסן און אזוי קלאר, אז ער פארשטייט יעדעס ווארט. ער האט איר פנים נישט גע־זען, אבער ער האט אקוראט געוואוסט, וואו זי זיצט און פון וואנען עס טראגט זיך איר ווארים קול.

איינער האָט איצט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון אַ קאָנצענט־ראַציע־לאַגער. ער האָט דערציילט, ווי מענטשן ווערן דאָרט פאַרמוטשעט צום טויט. ער האָט אָנגערופן נעמען פון חברים, וואָס זענען דאָרט אומגעקומען, און ער האָט פאַר זיי געגראָבן קברים. אַ סך זענען געפאַלן ווי פליגן פון דעם פאַרשטונקענעם וואַסער. אינמיטן הויף פון קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אויך געווען ריין וואַסער צום טרינקען, אָבער בלויז פאַר די וועכטער.

ער האָט דערציילט און דערציילט מיט אַ גלעזערנער שטים, ביז ער האָט צוזאַמענגעבראָכן.

— אַנטשולדיקט, ליבע חברים — האָט ער געזאָגט זיפצנ־דיק. — איך וועל באַלד קומען צו זיך. עס איז אַלץ אַזוי פריש אין זכרון.

קאַרל האָט איצט געטראַכט פון זיין מוטער, וואָס ליגט זיכער אין אַזאַ לאַגער און וואָס ווערט אַוודאי געפּייניקט, ווי מען דערציילט איצט.

— באַלד, מאַמע — האָט ער געזאָגט שטיל — און מען וועט דיך באַפרייען. האַנס און מאַטילדע וועלן דיך אַרויספירן פון דאָרט.

דער קאָנצענטראַציע־אויפזעער האָט געהאַט איין טרייסט פאַר אַלע פאַרפּייניקטע, האָט דער מאַן ווייטער דערציילט.

אויב איר ווערט מיד און איר ווילט מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעמען, איז פאַראַן אַ לעבעדיקע דראָט, אין טורמע־הויף, איר רירט אָן די דראָט און איר שטאַרבט מיט זייער אַ גרינגן טויט.

דאָס איז געווען די רעדע, וואָס ער פלעגט האַלטן יעדעס מאָל, ווען מען האָט געבראַכט אַ פרישע אָפּטיילונג פון הונדער־טער קרבנות. אַ סך האָבן טאַקע אויסגעקליבן דעם לייכטן וועג. אַנדערע האָבן באַשלאָסן, אַז זיי מוזן לעבן, לעבן, לעבן.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט פאַרענדיקט און אַלע האָבן אויפגעכאַפּט די ווערטער:

לעבן! לעבן! לעבן!

עמיל און קארל האָבן קלאָר געהערט, ווי מאַטילדע האָט עס איבערגעע׳חזר׳ט מיט איר הארציק קול, און האָנס מיט זיין טיפער, ברוסטיקער שטים.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָך דער אונטערערדישער פאַר־זאַמלונג. עמיל און קארל זענען געלעגן אין זייער בעט און געקוקט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש. זיי האָבן גע־שוויגן. עמיל האָט עפּעס געוואָלט פרעגן ביי קארלען, אָבער ער האָט נישט געוואַגט. פון וויטנס האָט זיך געהערט דאָס הייזעריקע פייפן פון אַ צוג. אין דער פינצטער האָבן עמיל און קארל געפילט, ווי מאַטילדע האָט זיי צוגעדעקט.

— איר שלאָפט, קינדער?

עמיל און קארל האָבן נישט געענטפערט. זיי האָבן מיט זייער ענטפער נישט געוואָלט אויפוועקן די שטילקייט.

— מאַטילדע — האָט האָנס געזאָגט, — עס איז אפשר געווען צופיל פאַר די קינדער צו הערן די אַלע זאַכן. זיי זענען געגאַנגען שלאָפן אַזוי שפּעט.

— עס שאַדט נישט — האָט מאַטילדע געענטפערט. — זאָלן זיי עס געדענקען, ווען זיי וועלן ווערן אַביסל גרעסער. זאָלן זיי זיך דורכבריען דערמיט.

עמיל האָט געשוויגן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז שוין איצט נישט גרעסער.

ווידער איז אַ צוג פאַרבייגעלאָפן. דאָס מאָל האָט זיך גע־דוכט, אַז דער צוג איז פאַרבייגעלאָפן פאַר דעם הויז מיט אַזאַ געררודער, ווי ער וואָלט מיטגעשלעפּט אַלע חדרים, מיט די בעטן, מיט דעם טיש און מיט דעם ביכער־שאַנק.

קארל האָט געהערט ווי די רעדער פון צוג קלאַפּן איצט אויס די דריי ווערטער, וואָס האָבן געשלאָסן די זיצונג:

טרא — טאַ — טאַ — לעבן!

טרא — טאַ — טאַ — לעבן!

טרא — טאַ — טאַ — לעבן!

קאַפּיטל צוואַנציק

קאַרל האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געלעכטער. אים האָט זיך גע׳חלומ׳ט אַ גוטער חלום און ער האָט געלאַכט פון שלאָף. אים האָט זיך געדוכט, אַז זיין מוטער האָט אים געקיצלט די פּיאַטעס, ווי זי פלעגט עס גאַנץ אָפט טאָן, ווען זי האָט אים געוועקט צו גיין אין שול.

זיין געלעכטער האָט אויך אויפגעוועקט עמילן, וואָס האָט זיך געריבן די אויגן און נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך.

פון אַנדערן צימער האָט מען געהערט האַנסעס קול. ער האָט געזונגען שטיל, ווי ער וואָלט די קינדער נישט געוואָלט אויפוועקן.

קאַרל האָט גענומען נאָכמאַכן אַקוראַט האַנסעס טיף קול. ער האָט געזונגען אַזוי הויך, אַז האַנסעס צעפּאַטלטער קאָפּ האָר און זיין נישט-צעקאַמטע באָרד האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר.

— פויליאַקעס! — האָט האַנס געשריגן. — שוין צייט אויפצושטיין און פרעסן פרישטיק. האָב איך אייך אויפגעוועקט מיט מיין זינגען? — האָט ער געפרעגט ערנסטער.

— ניין — האָט קאַרל געענטפערט נאָך אַלץ זינגענדיק. — גוט-מאָרגן אַנקל האַנס! גוט-מאָרגן טאַנטע מאַטילדע! — האָט קאַרל אויסגעזונגען.

— טאַנטע מאַטילדע איז נישטאָ. זי וועט ערשט צוריקקומען שפּעט ביינאַכט און איר וועט מוזן פרעסן וואָס איך וועל אייך געבן.

— טאַנטע מאַטילדע איז אַ שלעכטע — האָט עמיל, וואָס איז געלעגן די גאַנצע צייט נאַזיק, זיך אָנגערופן, — זי האַלט אין איין אַוועקגיין.

— טאַנטע מאַטילדע האָט צו טאָן זייער וויכטיקע אַרבעט, זייער וויכטיקע — האָט האַנס געזאָגט מיט באַדייטונג.

עמיל האָט זיך שנעל דערמאָנט אין דער נעכטיקער זיצונג און אים האָט שוין מער נישט פאַרדראָסן, וואָס מאַטילדע איז נישטאָ. ער איז געווען צופרידן, וואָס טאַנטע מאַטילדע טוט אַרבעט. ער האָט געגלויבט אין איר; ער איז געווען איבערצייגט, אַז אויב זי טוט עפּעס, וועט עס געטאָן ווערן ווי סע באַדאַרף צו זיין.

עמיל און קאַרל האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן און גיך אָפּגעגעסן. די זון האָט זיי גערופן דורך דער אָפענער טיר. זיי האָבן געוואָלט וואָס שנעלער זיין אין דרויסן און שפּילן באַל.

— איך בין היינט אַ פרייער מענטש און איך קאָן מיט אייך מיטשפּילן — האָט האַנס געזאָגט. — מיר קאָנען שפּילן אַ גוטע שעה, און שפּעטער וועלן מיר כאַפּן אַ שפּאַציר אין וועלדל דערביי. אין וועלדל וועל איך אייך אויסשניצן שטעקנס און מיר וועלן שפּאַנען און שפּאַנען, ביז מיר וועלן גוט הונגעריק ווערן.

— אויסגעצייכנט! — האָט עמיל אונטערגעטאַנצט. — שוין לאַנג צייט געווען זיך דורכצושפּאַצירן. היינט וועלן מיר האָבן אַ גוטן טאָג.

— פּויליאַקעס מיינע! — האָט האַנס אויסגעשריגן מיט אַ געמאַכטן כעס. — זאָגט מיר, בענקט איר גאָרנישט נאָך דער שול?

— איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער שול — האָט קאַרל זיך אַליין געוואונדערט.

— און מיר איז עס אויך אַרויס פון קאָפּ — האָט עמיל געזאָגט.

— אָבער דערפאַר האָב איך און טאַנטע מאַטילדע נישט פאַרגעסן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז פון מאָרגן הייבן מיר צוריק אָן צו לערנען. מיר וועלן דאָ מאַכן אַן אמת'ע שול. מיר וועלן עס מאַכן אַ טאָג איבער אַ טאָג: אַ טאָג וועל איך זיין דער לערער און דעם צווייטן טאָג וועט מאַטילדע לערנען מיט אייך.

טאַנטע מאַטילדע קען אַ סך שיינע לידער און איך קאָן דער־לאַנגען אַ סך גוטע קלעפּ. אָבער דערווייל מעגן מיר פאַרגעסן אין דער שול.

האַנס האָט זיי אָנגענומען און אַרויסגעשלעפּט אינדרויסן. ער האָט אַרויסגענומען דעם באַל פון קעשענע און אין אַ רגע איז שוין דער שוואַרצער באַל געפלויגן פון איינעם צום אַנדערן.

פּלוצים איז האַנס געבליבן שטיין. עמיל האָט געוואָרפן דעם באַל צו אים, אָבער האַנס האָט אים נישט געכאַפּט. דער באַל האָט זיך ווייט אַוועקגעקייקלט, נאָר האַנס איז אַלץ גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך.

— איך הער טריט — האָט ער געזאָגט אַ דערשראָקענער.

קאַרל האָט אויך געהערט טריט, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האַנס האָט זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן.

— דאָס דאַרף זיין טאַנטע מאַטילדע — האָט עמיל געזאָגט.

— ניין — האָט האַנס געענטפערט זייער שטיל, — מא־טילדע וועט ערשט צוריקקומען גאַנץ שפּעט.

די טריט זענען געקומען נעענטער און אין איין מינוט האָט זיך האַנסעס פּנים אינגאַנצן פאַרענדערט. ער האָט איצט אויס־געזען פּונקט אַזוי ווי די קינדער האָבן אים געזען דאָס ערשטע מאָל אין פּאַרק, ווען עס זענען געפלויגן פון אַלע זייטן די בלויע און רויטע פּאַפּירלעך. ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין אַמאָליקן לאַך, וואָס עמיל און קאַרל האָבן שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן.

— הייל! — האָט ער געשריגן מיט אַלע כוחות. — הייל!

עמיל און קאַרל האָבן פון אים נישט אַרונטערגעלאָזט קיין אויג. זיי זענען געשטאַנען פאַרגליווערט. פּלוצים האָבן זיי געהערט ווי אַ גראָב קול האָט געענטפערט האַנסן מיט אַ „הייל„.

אַ הויכער מאַן, אַ מיטל־יעריקער, איז געשטאַנען לעבן האַנסן. האַנס האָט געמאַכט אַ קאָזשעליק און נאָך אַ קאָזשעליק.

— עס איז גוט! עס איז גוט! — האָט האַנס געשריגן

און זיך ווידער צעלאכט און פארענדיקט כמעט מיט א וויינענ־דיקן קוויטש.

מיטאמאל האבן זיך באוויזן נאך דריי מענער. איינער איז געווען א דיקער, מיט אן אומגעוויינלעך גרויסן בויך. ער איז צוגעגאנגען גאר נאענט צו האנסן.

אבער האנס האט אלץ געהאלטן אין איין שרייען „הייל", צו יעדן באזונדער פון די פיר מענער. דער דיקער איז געשטאנען און געקוקט אויף האנסן, געשאקלט מיטן קאפ און געשמייכלט.

— זייער א שיינע קאמעדיע! — האט דער דיקער אפלא־דירט. — אויסגעצייכנט! — האט ער געזאגט צו די אנדערע דריי. — זייער אמוזאנט! אבער דער שפיל איז פאריבער. יא, דער פארהאנג פאלט. בראווא, בראווא! — ער האט גע־פאטשט מיט די הענט, ווי ער וואלט אפלאדירט אן אמת'ע פארשטעלונג. — וויקטאר שאקעלדארף, איר מעגט שוין אויפ־הערן שפילן קאמעדיע.

האנס האט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאנצער הויך. ער האט געגעבן א קוק אויף אלע פיר מענער, ווי ער וואלט זיי איצט צום ערשטן מאל דערזען.

ער האט זיך געגעבן א רים.

— שטיי אויף אן ארט — האט דער דיקער אויסגעשריגן מיט אלע זיינע כוחות, — ווייל איך וועל שיסן.

אבער סע איז שוין געווען צו שפעט. האנס האט איינעם פון די דריי מענער, וואס זיינען געשטאנען לעבן אים, דערלאנגט מיט א פויסט אין פנים אריין.

— מיאוסער פאררעטער! — האט האנס געזאגט אזוי שטיל, אז מען האט אים קוים געהערט.

יענער האט נאכלעסיק, ווי ער וואלט דערוואַרט אז ער זאל קריגן א זעץ, ארויסגענומען א טיכל און זיך געווישט דאס בלוט, וואס איז אים געלאפן פון איבערן לינקען אויג.

— איך האב זיך נישט געקאנט העלפן, שאקעלדארף —

האָט ער געזאָגט נאָך שטילער פון האַנסן. — עס איז ניט מיין שולד.

—איך בין גרייט — האָט האַנס געזאָגט. — לאָזט מיך אריין אויף אַ ווײַלע אין צימער.

— אַבסאָלוט ניין — האָט דער דיקער אויסגערופן טרוקן.

— אין אייער באַגלייטונג אויך ניט ? — האָט האַנס גע־פרעגט.

— ניין.

— לאָזט מיך כאָטש זיך געזעגענען מיט די קינדער.

— ניין ! — האָט דער דיקער אַלץ געענטפערט מאַשינאַווע.

— אויב אַזוי בין איך גרייט ! בלייבט געזונט, עמיל און קאַרל ! בלייבט געזונט !

דער דיקער האָט באַפוילן, אַז צוויי פון די מענער זאָלן אריין אין הויז און מאַכן אַן אונטערזוכונג. זיי זענען אַרויס־געקומען מיט עטלעכע ביכער, פאַרשריבענע פּאַפּירן און אַ סך געדרוקטע צירקולאַרן. דער דיקער האָט עס גענומען און איבער־געקוקט יעדע זאַך באַזונדער. ער האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף האַנסן, וואָס האָט אים געענטפערט מיט אַ שאַרפן, שניידנ־דיקן בליק.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען שוין אַלע פינף געזען ווי פינף שאָטנס. האַנס האָט מיט זיין הויכן קאָפּ זיך אַרויס־געזען. אַ צוג איז אַנגעלאָפן. ווען דער צוג איז אַוועק האָט מען שוין קיינעם נישט געזען.

פונוויטנס האָט זיך איצט געוואַקלט דער סיגנאַל־מאַן מיט זיין פענדל. ער איז געגאַנגען גלייך צו עמיל און קאַרלען.

— ווער זענען עס געווען די פיר מענער, וואָס האָבן האַנסן אַוועקגעפירט ? — האָט דער סיגנאַל־מאַן געפרעגט.

עמיל און קאַרל האָבן נישט געענטפערט.

— וואו איז מאַטילדע ?

די קינדער האָבן נישט געענטפערט.

— מען האָט אים אַרעסטירט ? נישט אמת, מען האָט אים אַרעסטירט ? — האָט ער געשריגן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אויפוועקן פון אַ שלאָף.

עמיל און קארל האָבן געכליפּעט.

דער סיגנאַל-מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. ער האָט געלאָזן פאַררויכערט זיין ליולקע.

— איך בין אַן אַלטער מאַן, איך וועל שוין לאַנג נישט לעבען — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט טרייסטן.

ער האָט געגעבן אַ טיפן צי און אַרויסגעלאָזט וואָלקנס רויך.

— האָט מען האַנסן גאָר אַרעסטירט ? מערקווירדיק ! — האָט ער אַלץ גע'טענה'ט צו זיך. — קאָמיש ! כע ! — האָט ער געגעבן אַ שניידיקן לאַך. ער האָט געצויגן זיין ליולקע און אַ מאַך געטאָן צו זיך אַליין מיט דער האַנט.

— אַן אַלטער מאַן ! סע קאָן שוין לאַנג נישט געדויערן...

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

עמיל און קארל האָבן אויפגעהערט צו וויינען. דער אַלטער איז נאָך געבליבן זיצן אַ ווײַלע, אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין.

— היינט איז מאָנטיק — האָט ער געזאָגט. — אין אַ פינף מינוט אַרום וועט פאַרבײַלויפן אַ ספּעציעלער פראַכט-צוג און דאַן וועל איך זיין פריי עטלעכע שעה. איך וועל באַלד צוריקקומען.

ווען ער איז אַוועק האָט עמיל גלייך געגעבן אַ זאָג :

— מיר מוזן גיך אַנטלויפן פון דאַנען. מיר האָבן שוין דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן. האַנס איז נישטאָ און מאַטילדע איז אַוועק. מיר דאַרפן אַנטלויפן.

— אָבער וואוהין? — האָט קאַרל געפרעגט און זיך נישט גערירט פון אָרט.

פרידריך האָט ערשט געזאָגט, אַז היינט איז מאָנטיק, האָט קאַרל געטראַכט פאַר זיך. סע איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, וואָס מען האָט אָנגערופן אַ טאָג ביים נאָמען. ביז איצט זענען אַנטלאָפן אַ סך, אַ סך טעג מיט נעכט אָן נעמען. אָבער היינט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע וואָך מיט אַ נייעם טאָג און דער טאָג הייסט מאָנטיק. אַלץ הייבט זיך אָן פון סאַמע אָנהויב.

עמיל און קאַרל זענען אַריין אין הויז. דאָס גרויסע צימער איז געווען נישט צום דערקענען. אַלץ איז געווען איבערגעקערט. סע איז געווען קאָנטיק, אַז די צוויי מענער האָבן גוט גענישטערט אין יעדן ווינקל. איידער זיי האָבן געקראָגן די ביכלעך און די פּאַפּירן. סע זענען אַפילו געווען אויפגעריסן עטלעכע ברעטער אויף דער דיל.

— וואוהין זאָלן מיר לויפן? — האָט קאַרל געפרעגט, ווי אין אַ דרימל. די אויגן זיינע זענען נאָך געווען פאַרטרערט און ער האָט געזען, ווי אַלץ האָט געציטערט אין הויז: די בענקלעך, דער טיש, דאָס פענצטער, ווי זיי וואָלטן אַלע געציטערט אין די טרערן, וואָס האָבן אים פאַרטונקלט די אויגן.

— וואוהין זאָלן מיר לויפן? — האָט ער געפרעגט. אָבער עמיל האָט גאָרנישט געענטפערט.

— ווייסטו וואָס? — האָט קאַרל געזאָגט. — לאָמיר זיך דאָ אוועקזעצן און אַזוי זיצן מאָרגן, און איבערמאָרגן, און נישט עסן. מיר וועלן בלייבן זיצן אויף איין אָרט און הונגערן. היינט איז מאָנטיק, מאָרגן וועט זיין דינסטיק, און איבערמאָרגן מיטוואָך — וועלן מיר מסתמא שטאַרבן פון הונגער. מיר וועלן שטאַרבן צוזאַמען אין איין שעה, אין איין מינוט.

— ניין! — האָט עמיל אויסגעשריגן. — ניין, איך וויל נישט שטאַרבן! איך האָב מורא. געדענקסטו דען נישט, ביי

דער אונטערערדישער פאַרזאַמלונג, ווי אַלע האָבן געשריגן: „לעבן! לעבן! לעבן!", אַז מען שטאַרבט הערט מען גאָרנישט און מען זעט גאָרנישט, און איך וויל אַלץ הערן און זען.

— אָבער אַלע זענען טויט — האָט קאַרל גערעדט, ווי פון אַ חלום. — מיינע טאַטע-מאַמע, דיינע טאַטע-מאַמע, האַנס איז שוין אויך זיכער טויט, מאַטילדע איז נישטאָ.

— לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען. לאָמיר זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ שנעל-צוג — האָט עמיל גערעדט. — איך האָב מורא פאַר דעם סיגנאַל-מאַן. ער וועט אונדז זיכער פאַר'סמ'ען.

— לאָמיר לויפן שנעל — האָט עמיל ווייטער גערעדט. — סע מוזן דאָך זיין אַ סך ווי מיר. געדענקסט? טאַנטע מאַטילדע האָט געזאָגט, אַז סע זענען איצט דאָ הונדערטער אַזעלכע ווי מיר, וואָס בלאָנקען אַרום אָן טאַטע-מאַמע, אָן פריינט. לאָמיר זיי געפינען און צוזאַמען לויפן.

קאַרלען האָט אָנגעהויבן צו געפעלן דער איינפאַל, אַז מע דאַרף אָפּזוכן די אַלע הונדערטער קינדער און לויפן צוזאַמען.

— יאָ — האָט קאַרל געזאָגט, — מיר וועלן לויפן אין די וועלדער און זיך שפייזן אויף ניס און פרוכט און וואַקסן שטאַרק, וואַקסן האַריק, ווי מאַלפּע-מענטשן. ווען מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן מיר צוריקקומען אין שטאָט אַריין און אָנוואַרפן אַ מורא מיט אונזערע שרעקלעכע געשרייען: ווער האָט דער'הרג'עט אונדזער טאַטע-מאַמע? ווער האָט גע'הרג'עט האַנסן? ווער האָט אַרעסטירט אונדזערע פריינט?

קאַרלס אויגן האָבן געפלאַקערט און ער האָט געשריגן העכער:

— ווער האָט געשלאָגן און באַליידיקט אידן? מיר וועלן שפּאַנען פעסט, טופּען מיט די פיס און שרייען: ווער? ווער? ווער?

אין דער רגע איז אַריינגעקומען דער סיגנאַל-מאַן. עמיל

און קארל האָבן אויפגעציטערט, ווי אימיצער וואָלט זיי אויפ־געוועקט פון אַ חלום.

— קינדערלעך, איר דאַרפט זיך גאָרנישט שרעקן. איך וועל אויף אייך אַכטונג געבן, ביז איך וועל אייך איבערגעבן אין אַ גוטער קינדער־היים — האָט דער סיגנאַל־מאַן זיך גע־בעטן ביי עמיל און קארל.

— ניין, מיר ווילן נישט קיין קינדער־היים. מיר האָבן מורא פאַר דיר אויך. מיר האָבן מורא, אַז דו וועסט אונדז פאַר׳סמ׳ען — האָט עמיל אַרויסגעשטאַמלט.

— סע איז אַ זינד אַזוי צו רעדן, עמיל, אַ זינד — האָט דער סיגנאַל־מאַן געענטפערט מיט אַ געבראָכענער שטים. — איך בין שוין אַן אַלטער מאַן און איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, סיידן אפשר די אנצוגן מיט די שיך, וואָס איך האָב צוגענומען, ווען איך בין געווען טויט־שיכור. אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט איינער אַליין, אויף טרוקן ברויט, אַביסל מילך, אַ סך שנאַפּס, שוואַרץ ברויט מיט שנאַפּס. איצט בין איך אַלט און קראַנק, ווי אַ צעפוילטער בוים. סע טוען מיר וויי אַלע צווייגן. איך געדענק נישט מיין טאַטן, איך געדענק נישט מיין מאַמען, איך געדענק קיינעם נישט, איך האָב קיינעם נישט. פאַרוואָס זאָל איך אייך שלעכטס טאָן, הע? פאַרוואָס? צוויי קינדער, אומגליקלעכע, אַליין, ווי איך. זאָגסט דו, עמיל, אַז איך וועל אייך סמ׳ען!

עמיל האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. דעם אַלטנס קול האָט אים גערירט. דער סיגנאַל־מאַן האָט זיך געווישט די טרערן פון די אויגן מיט אַ שמוציק, רויט טיכל.

— זע נאָר, וואָס זיי האָבן צעטאָן מיט דעם הויז. אין איין מינוט איבערגעקערט אַלץ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס קאָפּויר. פאַר גאָט האָבן זיי נישט קיין מורא — האָט דער אַלטער געזאָגט. — מען דאַרף אַביסל אויפראַמען, איידער מאַ־טילדע קומט אָן.

ער האָט זיך גענומען אויפהויבן עטלעכע איבערגעקערטע בענקלעך.

— וואָס זאָגסטו, קאַרל — האָט עמיל שטיל געפרעגט, — מיר אַנטלויפן נאָך נישט?

— היינט איז מאָנטיק — האָט קאַרל נאָכגעדענקט. — מיר האָבן זיך נישט וואָס צו יאָגן מיט דעם אַנטלויפן. מיר ווען איבערוואַרטן דינסטיק און מיטוואָך.

— און עסן? — האָט עמיל געפרעגט שעמעוודיק.

— יאָ, מיר וועלן דערווייל עסן אַנדערע זאַכן, ביז מיר וועלן זיך נעמען צו די ניס און די פּרוכט.

— איר זענט הונגעריק? — האָט דער סיגנאַל־מאַן זיך געכאַפּט. — אָט וועל איך באַלד אַריינברענגען אי ברויט און אי אַ ביסל מילך, און אַ שטיק קעז, און עפּל האָב איך אויך.

ער איז אַרויס פון הויז און עמיל און קאַרל האָבן געזען, ווי ער איז געלאָפן אין איין אָטעם צו זיין קליינער הייזקע ביי די רעלסן.

— ער איז נישט קיין שלעכטער — האָט קאַרל געזאָגט, — ער איז אַן איינזאַמער, ווי מיר.

— יאָ — האָט עמיל צוגעשמימט, — מען קאָן זיך צו אים צוגעוואוינען. מען קאָן בלייבן מיט אים עטלעכע טעג. אָבער מיר גיבן נישט אויף אונזער פּלאַן צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין.

— אָ, דאָס איז אַ הייליקער פּלאַן — האָט קאַרל אויסגערופן פייערלעך. — איך קאָן זיך גאָרנישט דערוואַרטן אויף דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן אַנלויפן פון וואַלד.

עטלעכע מינוט שפּעטער זענען שוין עמיל און קאַרל געזעסן ביים טיש. דער סיגנאַל־מאַן האָט אָנגעגאָסן שומיקע מילך אין גלעזער.

— איך האָב איצט גאָר אַ סך צייט, גאַנצע אַנדערטהאַלבן שעה. עס ווערט שוין טונקל אין דרויסן. איך האָב צייט ביז

צום שנעל־צוג. איר קענט דאָך דעם צוג, וואָס מאַכט טאַנצן אייער הייזקע, מיין הייזקע און די שויבן אין די פענצטער? אָ, איז דאָס אַ ברען אַ צוג, אַ ווילדער יונג.

— אָט אַזוי וועלן מיר אַמאָל אַנלויפן — האָט קאַרל פּלוצים אויסגעשריגן — אין די הונדערטער, מיט אָנגעוואָקסענע פעלן.

— אַנלויפן? פון וואַנען? — האָט דער אַלטער געפרעגט מיט שרעק.

— זאָל איך אים דערציילן? — האָט קאַרל געפרעגט אַן אומזיכערער ביי עמילן.

— אוודאי, דו קענסט אים דערציילן. עס איז נישטאָ פאַר־וואָס מורא צו האָבן.

קאַרל האָט אינגאַנצן געפלאַקערט פון אויפרעגונג, ווען ער האָט גענומען דערציילען וועגן די הונדערטער, וואָס זענען שוין איצט ביי אים געוואָרן טויזנטער, וואָס וועלן קומען און שרייען, ווער עס האָט דער׳הרג׳עט די טאַטע־מאַמע, ווער עס האָט געשלאָגן און באַליידיקט אידן, ווער האָט גע׳הרג׳עט האַנסן? ווער? ווער? ווער?

עס איז אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן — האָט דער אַלטער זיך באַגייסטערט, — נאָר איך וועל שוין דעמאָלט אויף דער וועלט נישט זיין. אין מיין הייזקע וועט וואוינען אַן אַנדערער. די הייזקע וועט שטיין אויף אַן אָרט, די צוגן וועלן ווייטער לויפן, און איר וועט שפּאַנען: מאַרש! מאַרש! מאַרש! אָבער איך וועל שוין דאָ נישט זיין.

— מען קאָן נישט וויסן — האָט אים עמיל געטרייסט. — מיר וועלן וואַקסן שנעל. מיר וועלן לעבן אויף נים און אויף פּרוכט. מיינס אַ פעטער האָט געלעבט בלויז אויף נים און פּרוכט און גרינסן, און ער איז געווען שטאַרק ווי אייזן.

דעם אַלטן איז עס אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אויפגעלעבט. ער האָט גענומען מאַרשירן און קלאַפּן מיט די פיס. עמיל און קאַרל זענען אים נאָכגעגאַנגען און געטופּעט

מיט די פיס צום טאקט. קארל האט אלעמאל ארויסגעלאזט א געשריי און אלע דריי האבן זיך געגעבן א שטעל אוועק מיט אויסגעשטרעקטע הענט און געשריגן צו דער טיר:

— ווער? ווער? ווער?

די טיר האט זיך לאנגזאם געעפנט און עס איז אריין מיט שטילע און פארזיכטיקע טריט טאנטע מאטילדע.

קאפיטל צוויי און צוואנציק

עמיל און קארל זיינען אזוי אבערראשט געווארן, ווען מא־טילדע האט זיך באוויזן, אז זיי זענען געבליבן שטיין אין דער זעלבער געפלעפטער פאזע, מיט די הענט אנטקעגן דער טיר. זיי האבן זיך אביסל פארשעמט אויך, אבער נאך מער פון זיי האט זיך פארשעמט פרידריך, דער סיגנאל־מאן.

— דאס האבן מיר זיך געשפילט אין א שפיל אזא — האט ער גלייך געלאזט וויסן מאטילדען, וואס איז נאך אלץ געשטאנען אין דער טיר און זיך אפילו ניט גערירט פון ארט.

— וואס זשע שטייט איר, עמיל, און דו, קארל? זענט איר גארנישט צופרידן צו זען טאנטע מאטילדע? — האט זי גע־פרעגט מיט א הייזעריק קול.

ווי צוויי הינטלעך, וואס זענען א ווילע געווען געלעמט פון פרייד, האבן זיך עמיל און קארל געווארפן אויף איר. ערשט איצט האבן זיי באמערקט, אז טאנטע מאטילדע איז געווען אנגעטאן אין אלטע, צעריסענע קליידער, און אז זי האט אויס־געזען קליין און צוזאמענגעקארטשעט, ווי יענעם זונטיק, ווען זיי האבן זי צום ערשטן מאל געזען אין פארק, און ווען זיי האבן אויך דערקענט האנסן. עמיל האט זיך גלייך געכאפט, אז ניט געקוקט דערויף, וואס זי האט זיך באמיט צו מאכן א פריילעכע

מינע, זענען אירע אויגן געוועזן רויט און איר פּנים איז געווען בלייך, ווי זי וואָלט אַ גאַנצן טאָג געוויינט.

מאַטילדע האָט געקוקט אויף יעדן ווינקעלע, געזען די אויפגעריסענע ברעטער אויפן דיל. אָבער איידער זי האָט גע־מאַכט אַ טריט אַוועק פון דער טיר, האָט זי געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף דעם אַלטן. זי האָט אים דורכגעבויערט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט ביי אים געוואָלט קריגן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע, וואָס האָט זי געמאַטערט און וואָס זי האָט אפילו אויף די ליפּן ניט געוואָלט ברענגען.

עמיל און קאַרל האָבן באַלד באַמערקט, אַז מאַטילדע קוקט מיט אומצוטרוי אויף דעם אַלטן, וואָס איז געשטאַנען אַ הילפ־לאָזער און נאָך אַלץ געוויזן מיט אַ האַנט אויף דער טיר, ווי ער האָט עס געטאָן פריער, אין דעם אויסגעטראַכטן אַנלויף פון וואָלד.

דער סיגנאַל־מאַן האָט דערפילט, אַז ער איז דאָ אַן איבעררי־קער און ער האָט גענומען גיין צו דער טיר. ער האָט עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג און געקוקט אויף מאַטילדען, וואָס האָט אים נאָך אַלץ אָנגעקוקט מיט דורכדרינגלעכע אויגן.

— ניין! — האָט מאַטילדע אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריק קול. אירע אויגן האָבן געפלאַקערט, ווי ביי אַ חיה אין דער פינצטער. זי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעגלייכט און אין איר האַנט האָט עפּעס אַ בליאַסק געטאָן. — דו וועסט פון דאַנען ניט אַרויס קיין לעבעדיקער, ביז דו וועסט מיר ניט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווער עס האָט האַנסן איבערגעגעבן צו די בלוט־הינט.

— ווער? — האָט זי געשריגן, אַקוראַט ווי סע האָבן פריער געמאָנט עמיל און קאַרל און ער, פרידריך, אַליין.

דער אַלטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס. זיינע אויגן האָבן געקוקט אַן שרעק אויף דעם בליאַסקענדיק שטיק שטאָל, וואָס זי האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט אויף אים. ער האָט

אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר, ווייל ער האָט זיך אַ סך מער געשראָקן פאַר אירע אויגן, וואָס האָבן אויף אים געבליצט מיט פייער.

דעם אַלטן איז עפּעס קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך ווי אויסגעניכטערט און ער איז הינטערווײלעכץ צוריקגעגאַנגען און אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז מיט זיין גאַנצער וואָג אַריינגעפאַלן אין דעם ווייכן שטול אַריין, איז ער געוואָרן אַזוי קליין, אַז מען האָט אים קוים אַרויסגעזען. נאָר פון דעם צוזאַמענגעקאָרטשעטן קערפּער האָט זיך געהערט אַ געוויין, וואָס האָט גלייך געענדערט מאַטילדעס פּנים. איר גאַנצע בייזקייט איז אַרונטערגעפאַלן ווי אַ מאַסקע. זי האָט דאָס שטיק שטאָל פעסט פאַרקלאַמערט אין איר האַנט.

—— פאַרוואָס דערשיסטו מיך ניט, מאַטילדע? — האָט דער אַלטער געוויינט.

— מאַך אַ סוף, מאַך אַ סוף פון מיר. מיר איז סיי־ווי אַלץ דערעסן געוואָרן — האָט דער אַלטער גערעדט און געכליפּעט.

נאָר מאַטילדע האָט אים ניט געענטפערט. זי איז געווען צופרידן וואָס דער אַלטער וויינט. וואָס מער ער האָט געוויינט, אַלץ מער האָט איר פּנים אויפגעלויכטן, ניט מיט פרייד, נאָר מיט גלויבן.

— עמיל האָט פאַר מיר מורא געהאַט, איך וועל אים פאַר־סמ׳ען. דו פאַרדעכטיקסט מיך אויך. עס איז שוין צייט איך זאָל שטאַרבן, שוין לאַנג צייט.

מאַטילדע האָט אים איצט שוין געגלויבט, אָבער זי האָט אים נאָך אַלץ גאָרניט געזאָגט. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל נאָך וויינען און רעדן, כדי זי זאָל זיך וואָס מער איבערצייגן.

אָבער עמיל האָט געכאַפּט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט שנעל און שטאַמלענדיק, ווי עס איז געווען זיין טבע, ווען ער האָט אַלץ געוואָלט אויסדערציילן מיטאַמאָל, איבערגעגעבן,

ווי אַזוי האַנס איז אַרעסטירט געוואָרן, ווי ער האָט אימיצן אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

— ווי אַזוי האָט דער מאַן אויסגעזען? — האָט מאַטילדע געוואָלט וויסן.

— ער איז געווען אַ גרויער, מיט אַ קיילעכדיקן פּליך אין סאַמע מיטן קאָפּ — האָט קאַרל געזאָגט. — האַנס האָט אים גערופן „מיאוסער פאַררעטער" און ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט, ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן, האַנס האָט אים אַ שטאַרקן זעץ געטאָן.

— אַט דער הונט האָט עס געטאָן! — האָט מאַטילדע אויסגעשריגן. אירע בליצנדיקע אויגן, וואָס זי האָט נאַר־וואָס געהאַט אַנגעשטעלט אויף דעם סיגנאַל־מאַן, האָבן זיך נאָך מער צעפלאַקערט.

— היינט־מאָרגן וועל איך זיך וואַרפן אונטער די רעדער פון אַ שנעל־צוג. מיך דאַרף שוין קיינער ניט, מיר גלויבט שוין קיינער ניט — האָט דער אַלטער נאָך אַלץ געכליפּעט.

— ניין, דו וועסט זיך ניט וואַרפן אונטער אַ צוג. דו ווייסט גאָרניט ווי טייער דו ביזט מיר איצט געוואָרן, ווייל דו ביזט אַנדערש ווי איך האָב געמיינט. איך האָב גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, וועך עס האָט האַנסן פאַרראַטן. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע וועלט, איינער דעם אַנדערן געטרויט ניט. איינער דעם אַנדערן שיסט אין רוקן. איך בין דאָ אַהער געקומען, ווי אַ געיאָגטע קאַץ. איך האָב זיך געשאַרט ביי די ווענט. איך וויים, אַז איצט זוכן זיי אויך מיך. מיר האָבן אַלץ פאַרלאָרן. מיר מוזן אָנהויבן פון אָנהייב.

דער סיגנאַל־מאַן איז נאָך אַלץ געזעסן אַ צוזאַמענגעקאַר־טשעטער. ער האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן צו מאַטילדען, אָבער ער האָט אויפגעהערט צו וויינען.

— וואו איז האַנס? — האָט עמיל געפרעגט.

מאַטילדע האָט ניט געענטפערט. זי האָט לאַנג געשוויגן,

און ווייל איר שווייגן האָט געדויערט אַביסל צו לאַנג, האָט אויך דער אַלטער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געפרעגט:

— האַנס? וואו איז ער?

— אים האָבן מיר פאַרלאָרן — האָט מאַטילדע געזאָגט, — אינגאַנצן פאַרלאָרן. זיי וועלן אים איצט פאַרמוטשן צום טויט. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו מאַכן אַ סוף צו זיך, איידער ער איז אַריינגעפאַלן צו די הינט אין די הענט אַריין.

— האָבן זיי אים אַרעסטירט אין הויז? — האָט מאַטילדע געוואָלט וויסן.

— ניין, ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין הויז, אָבער זיי האָבן אים נישט געלאָזט, — האָט עמיל געענטפערט.

מאַטילדע איז שנעל צוגעלאָפן צו דעם ביכער־שאַנק. זי איז אַרויף אויף אַ שטול און אַוועקגעשאַרט עטלעכע ביכער. זי האָט אַ דריק געטאָן די וואַנט און עס איז אַרויסגעפאַלן אַ ברעטל. זי האָט טיף אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער אָפּע־נער וואַנט און אַרויסגענומען אַ קליינעם רעוואָלווער.

— האָסט זיך נישט דערוואַרט, קליינטשיקער — האָט מאַטילדע גערעדט צום רעוואָלווער, ווי עס וואָלט געווען אַ לע־בעדיק באַשעפעניש, — האָסט געוואַרט געדולדיק, פונקט אויף אַזאַ געלעגנהייט, און זיך נישט דערוואַרט.

מאַטילדע איז אַרונטער פון שטול און זי האָט זיך שנעל אויסגעגלייכט.

— מיר טאָרן איצט נישט פאַרלירן קיין צייט. איך בין זיכער, אַז מען זוכט מיך. איך מוז אַוועק און זיך אויסבאַהאַלטן שיינע עטלעכע וואָכן, אפשר וועל איך גאָר מוזן אַרבעטן אויסער ווין. עמיל און קאַרל, עס טוט מיר וויי אייך צו זאָגן, אַז מיר וועלן איצט אין דער פינצטער מוזן אַנטלויפן פון דאַנען. מיר וועלן גיין דורך אַן אַנדערן וועג.

זי האָט שנעל גענומען אַ קאָלדרע און אַרומגעוויקלט קאַרלען

אזוי געשיקט, ווי עס וואלט געווען א מאנטל. עמילן האט זי אנגעטאן זיין מאנטל.

דער סיגנאל־מאן איז געשטאנען א געפלעפטער. ער האט געפינטלט מיט די אויגן.

— דו פארלאזט טאקע דאס הויז, מאטילדע? וועסט שוין מער אהער ניט קומען?

— ניין, קיינמאל ניט. זייט געזונט און פארגיב מיר. איך בין נישט שולדיק. שולדיק איז די משוגענע צייט: מענטשן זענען משוגע געווארן.

— מאטילדע האט אים געגעבן די האנט.

— אויב מען פרעגט דיך עפעס, ווייסטו גארנישט. האסט גארנישט געזען, גארנישט געהערט.

— דאס הייזקעלע וועט בלייבן ליידיק — האט דער סיג־נאל־מאן גערעדט צו זיך אליין. מיטאמאל האט ער דערזען עמיל און קארלען.

— זייט געזונט, קינדער. פארגעסט נישט וואס מיר האבן אפגעמאכט. ווען איר וועט קומען צולויפן פון וואלד. ווען איר וועט זיין דערוואקסענע, שטארקע מענער, לויפט פארביי מיין הייזל און גיט דריי מאל א קלאפ אין טיר. אויב איך וועל נאך דא זיין, דער זעלבער סיגנאל־מאן, וועל איך זיכער ארויסקומען און מיט אייך מיטלויפן.

מאטילדע האט זיך שנעל ארומגעקוקט איבערן הויז. זי איז ווידער צוגעלאפן צו דער אפענער וואנט און פון דארט ארויסגענומען א צוויי־דריי ביכער און עטלעכע פאפירן. זי איז צוגעגאנגען צום טיש און האט אויסגעלאשן דעם לאמפ.

זי איז נאך געשטאנען עטלעכע רגע׳ס אין דער פינצטער, ווי עס וואלט איר געווען א שאד צו פארלאזן דאס הויז. עמיל און קארל און דער סיגנאל־מאן האבן זיך אויך ניט גערירט פון ארט.

פלוצים האט זיך דער אלטער א רים געטאן.

— איך הער שוין ווי דער צענער צוג קומט אָן. איך מוז לויפן. זייט געזונט.

מאַטילדע האָט גענומען עמיל און קאַרלען און מיט זיי אַוועק מיט דעם וועג, וואָס האָט געפירט אין וועלדל. עמיל און קאַרל האָבן נאָך אַלץ געזען די אָפענע טיר פון פינצטערן הויז.

מאַטילדע איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אויך צוריקגעקוקט צו דער טיר, וואָס האָט זיי ווי צוריקגערופן מיט אַ פאַרוואורף.

עס האָט מיטאַמאָל אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער ווינט, די טיר האָט זיך פאַרהאַקט און די הייזקע איז געבליבן שטיין, ווי אַ טייל פון דער שטומער פינצטערניש אַרום און אַרום.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

איך האָב פאַרגעסן אַ קוק צו געבן ווי שפּעט עס איז — האָט מאַטילדע געזאָגט.

די קינדער האָבן זי געהאַלטן פעסט. זיי האָבן געוואָלט נעמען לויפן שנעל, אָבער מאַטילדע האָט זיי צוריקגעהאַלטן.

— שרעקט זיך נישט, דאָס וועלדל איז אַ קליינס, ניט קיין געדיכטס. עס זעט אויס אַ סך געדיכטער בײַנאַכט, ווי בײַטאָג. בײַטאָג קאָן מען אַפילו זעהן דורך די ביימער די הײַזלעך אויף יענער זייט וועלדל.

— עס מוז שוין זיין נאָך צען — האָט עמיל געזאָגט, — דער סיגנאַל־מאַן איז געלאָפן באַגעגענען דעם צענער־צוג.

— יאָ — האָט מאַטילדע אים געגלעט דעם קאָפּ אין דער פינצטער, — איך האָב גאָר פאַרגעסן. פונדעסטוועגן האָב איך געדאַרפט מיטנעמען דעם וואַנט־זייגער. אַ זייגער קומט דאָך צונויף.

קאַרל האָט אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע און ער איז געוועזן צופרידן, וואָס ער האָט ניט פאַרגעסן מיטצונעמען דאָס מעסערל, וואָס מאַטילדע האָט אים געגעבן.

— דו האָסט דיין מעסערל? — האָט ער געפרעגט עמילן.

— אוודאי האָב איך עס. איך האָב עס גאָר קיינמאָל פון קעשענע ניט ארויסגענומען. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל עס פאַרלירן.

— זענען עפּעס פאַראַן חיות אין דעם וועלדל? — האָט קאַרל געוואָלט וויסן.

— אפשר עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע קעץ — האָט מאַטילדע געזאָלגט מיט אַ געלעכטער. — בייטאָג וואָלט איר געזען, אַז דאָס איז ניט קיין וועלדל, נאָר אַ חוזק. ביינאַכט זעט אַזאַ וועלדל אויס ווי אַן אמת'ער וואַלד. טאָמער זיינען דאָ געווען עטלעכע גרויסע געדיכטע ביימער, האָט מען זיי שוין לאַנג אויסגעהאַקט.

— און דער ערל-קעניג? — האָט עמיל געפרעגט. — דער ערל-קעניג קאָן ניט פאַרבלאָנדזשען אין אַזאַ וועלדל?

— דער ערל-קעניג איז אַ נאַרישע אויסטראַכטעניש. אימי־צער האָט עס אויסגעטראַכט, כדי אָנצושרעקן קינדער. איר דאַרפט זיך גאָרנישט שרעקן. מיר וועלן באַלד זיין אויף יענער זייט.

— אָבער ווען מיר וועלן קומען אויף יענער זייט — האָט מאַטילדע געזאָגט, — זאָלט איר גיין פּאַמעלעך, ווי אויף אַ שפּאַציר. איר טאָרט ניט לויפן. טאָמער לויפן מיר קאָן מען אונדז ערשט נעמען נאָכלויפן.

— טאָמער קומט אונדז אַנטקעגן אַ וואָלף מיט ברענענ־דיקע אויגן? — האָט קאַרל מער גערעדט צו זיך, ווי צו מאַ־טילדען.

— אַ וואָלף האַלט זיך נישט אַזוי נאָענט צו דער שטאָט. די לויפנדיקע צונגן וואָלטן אים אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ער וואָלט שוין פון לאַנג אַנטלאָפן. איבריקנס, טאָמער פאַרגלוסט זיך אַ באַשעפעניש אונדז אַנטקעגן צו קומען, וועל איך אים געבן

אביסל פייער. איך האָב שוין איצט מיט זיך גאַנצע צוויי רע־וואָלווערן, אוןביידע זיינען געלאָדן.

קאַרל האָט געשוויגן. עמיל האָט אויך גאָרנישט געוואָלט זאָגן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מאַטילדע איז געשטאַנען מיט דעם רעוואָלווער אַנטקעגן דעם סיגנאַל־מאַן, און אים האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר דעם אַלטן.

— אַ שאָד, אַ שאָד! — האָט ער געזאָגט אויפן קול. — מיר האָבן געדאַרפט דעם סיגנאַל־מאַן אויך מיטנעמען. ער איז אַזאַ איינזאַמער.

קאַרל האָט אַ זיפץ געטאָן. פּלוצים האָט זיך עפּעס אָפּגע־ריסן און עס האָט געגעבן אַ פּאַל פאַר קאַרלס פיס. עס האָט אַ פּלאַטער געטאָן און מען האָט געהערט, אַז עס איז עפּעס אָפּגעפלויגן.

עמיל און קאַרל האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערט.

— נאַרישע קינדער, איר האָט זיך דערשראָקן, פּונקט ווי די סאָווע וואָס איז געלעגן אויפן בוים און געשלאָפן.

— וואוהין גייען מיר? — האָט עמיל געפרעגט, ניט אָן מורא.

— אָט זענען מיר שוין אין דרויסן פון וועלדל — האָט מאַטילדע אויסגערופן מיט פרייד.

עמיל און קאַרל, וואָס זענען די גאַנצע צייט געגאַנגען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָבן זיך גענומען אַרומקוקן.

פון ווייטנס האָבן געוואונקען עטלעכע פייערלעך. עס איז זיי געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו דעם ביסל ליכטיקייט, נאָך דעם ווי זיי זענען געגאַנגען ווי בלינדע דורך דעם וועלדל. זיי האָבן איצט קלאָר געזען, אַז עטלעכע הייזלעך שטייען אונטן, ווי אין אַ טאָל. עמיל און קאַרל האָבן גענומען לויפן מיט פרייד אַרונטער.

— מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט, אַז מען טאָר נישט לויפן — האָט מאַטילדע זיי פאַרגעוואָרפן.

עמיל און קארל האָבן גענומען גיין פּאַמעלעך. דער הימל האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט. וואו־ניט־וואו האָבן געפינטלט און זיך פאַרלאָרן קליינע שטערנדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי ליכטיקע שפּריצלעך.

— מיר גייען איצט צוריק אין שטאָט אַריין, אָבער דורך אַן אַנדער וועג. מיר האָבן נאָך אַ מינוט פופצן צום אָרט, וואו איר וועט היינט ביינאַכט נעכטיקן.

— און דו וועסט דאָרט אויך נעכטיקן מיט אונדז? — האָט קאָרל געפרעגט.

— ניין, פאַר מיר איז דאָרט אויך נישט גאַנץ זיכער היינט ביינאַכט — האָט מאַטילדע געזאָגט. — איך וועל מוזן אַוועק ערגעץ אַנדערש, אָבער איר וועט האָבן אַ גוט געלעגער.

עמיל איז אפילו ניט נייגעריק געווען צו פרעגן, וואָס פאַר אַ הויז דאָס איז. ער איז איצט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק און ס'איז אים געווען אַלץ איינס וואוהין מען וועט אים אַריינפירן. אַט, זאָל זיך אים דוכטן, אַז עס איז אַזאַ פינצטערער קעלער, וואו עס איז אים שוין אַמאָל אויסגעקומען צו שלאָפן מיט קאָרלען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קעצל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים ביינאַכט.

ווען אַ מענטש וואָלט נאָר געקאָנט ווערן אַ קעצל, וואָס דאַרף נישט קיין הויז, דאַרף נישט קיין מאַמען און קיין טאַטן. אָבער ער וועט שוין אויך באַלד נישט דאַרפן קיין הויז. ער איז שוין צוגעוואוינט, אַז ווען ער קריגט שוין יאָ אַ הויז מוז עפּעס געשען און מען דאַרף ווייטער גיין.

מאָרגן אין דער פרי וועט ער זיך נעמען נאָכפרעגן, וואו עס געפינט זיך די מאַמע זיינע. ער מוז דאָך וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט זיין מאַמען. מיט דעם טאַטן ווייסט ער וואָס עס איז געוואָרן. ער איז אַליין געווען ביי דער לויה. ער, די מאַמע

און דער פעטער. אָבער די מאַמע האָט מען אָוועקגעפירט און שוין.

— עס מוז שוין זיין, ווער ווייסט, ווי שפּעט — האָט עמיל אַרויסגעזיפצט.

אַ זייגער האָט געענטפערט מיט עלף שווערע קלעפּ, ווי מען וואָלט ערגעץ עלף מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ שווערן האַמער.

— נאַרעלע, דו הערסט? עס איז ערשט עלף אַזייגער און מיר שלעפן זיך וויניקער פון אַ שעה — האָט מאַטילדע געזאָגט.

— ביינאַכט קוקט אַלץ אויס צען מאָל גרעסער און לענגער.

— מיר האָבן נאָך אַ דריי גאַסן — האָט מאַטילדע ווייטער גערעדט. — מיר גייען איצט צו מיין שוועגערין. איר מאַן איז געווען מיין ברודער. גאָט צו דאַנקען, ער איז געשטאָרבן פאַר־אַ־יאָרן און ער האָט ניט דערלעבט די גאַנצע איבערקערעניש. מיין שוועגערין איז אַ יידישע — האָט מאַטילדע געזאָגט, זיך אָנבויגנדיק צו עמילן, — זי אַרבעט איצט אין אַן עמיגראַציע־געזעלשאַפט, זי העלפט אַרויסראַטעווען מענטשן פון דאַנען. נאָך דעם ווי די נייע רעגירונג פייניקט זיי און באַרויבט זיי ביז דעם לעצטן העמד, בריקעט זי זיי אַרויס פון לאַנד. גליקלעך זענען די, וואָס קריגן אַ ניי לאַנד, וואָס עפנט פאַר זיי די טויערן.

— יענע וואָך — האָט מאַטילדע געזאָגט זייער שטיל — האָט מען אָוועקגעשיקט עטלעכע הונדערט קינדער, אַזעלכע ווי איר, אָהן טאַטע־מאַמע און אָן פריינד.

— מאָרגן וועט מען ווידער אָוועקשיקן זייער אַ סך קינדער. עמיל און קאַרל, איר וועט זיין צווישן די גליקלעכע. קינדער איז לייכטער צו ראַטעווען. פאַראַן אַ סך פריינדלעכע לענדער: ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, אַמעריקע. אַנטלויפט, כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט.

אַ גרויסע פרייד האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט קאַרלען. עס איז אים וואַרעם געוואָרן פון די לענדער, וואָס מאַטילדע האָט

דערמאָנט. ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, אַמעריקע. ווי די קליינע שטערנדלעך, די שפּריצלעך, וואָס שפּילן זיך איצט אין ליכטיגער באַהעלטעניש.

— און דו וועסט אויך מיטפאָרן מיט אונדז? — האָט קאַרל געפרעגט.

— ניין, איך קאָן נישט. און — מאַטילדע האָט אַ ווײַלע געשוויגן — איך טאָר נישט. דאָ מוז איך פאַרבלייבן. איך מוז דאָ בלייבן אויפן אָרט צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער אַנ־דערע. מיר לעבן איצט ווי די מייז, באַהאַלטן אין די לעכער, אָבער פון ווייטנס וועט איר הערן, ווען עס וועט קומען דער טאָג פון אונדזער פרייד, ווען ווין וועט צוריק ווערן ווין, בערלין וועט צוריק ווערן בערלין, ווען מענטש וועט צוריק ווערן מענטש. נאָר אייך מוזן מיר ראַטעווען. איר וועט דאָ אונטערגיין.

עמיל האָט זיך גוט איינגעהערט, אָבער ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער גלײַכגילטיקייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען זייער אָפט, זינט דעם טאָג ווען זיין מאַמע איז געבליבן זיצן אויף דעם פּוס־בענקעלע און מער ניט אַרויסגערעדט אפילו קיין וואָרט.

מאַטילדע איז געבליבן שטיין פאַר אַ קליין הויז. זי האָט אַרויסגענומען אַ שליסל, אַרויף עטלעכע טרעפּ און גענומען אויפשליסן די טיר.

אין טיר האָט זיך באַוויזן אַ דערשראָקן פּנים פון אַ יונגער פרוי. זי האָט מאַטילדען און די צוויי קינדער ווי אַרײַנגעשלעפּט אינעווייניק.

אין שטוב האָט אַלעמען גלייך אַרומגענומען אַ וואַרימקייט. דאָס הויז איז געווען וואַרים, די ציכטיקייט האָט געוואַרימט. די פרוי האָט געהאַט וואַרימע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען איבערגעשוואָומען געוואָרן מיט טרערן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועלן די וואַרימע אויגן אינגאַנצן צעגיין. זי איז געפאַלן מאַטילדען אויפן האַלדז און האָט שטיל געכליפּעט.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אינדרויסן האָט געשמאַק גערעגנט. עמיל, קאַרל און מאַ־
טילדעס שוועגערן זיינען געגאַנגען אונטער אַ גרויסן מע־
נערשן רעגנשירם. דער שירם איז געווען אַביסל צעלעכערט,
רעגן־טראָפּנס האָבן אַלעמאָל געטראָפן עמילן גלייך אויפן נאַקן.
וואו ער האָט זיך נישט געדרייט, האָט אַ טראָפּן אים אָפּגעזוכט
און איז אים געפאַלן גלייך אין האַלדז אַריין.

קאַרל האָט געכאַפּט אַ ציטער. קיין מאַנטל האָט ער אַלץ
נישט געהאַט. מאַטילדעס שוועגערן האָט אים דעם האַלדז אַרומ־
געוויקלט מיט אַ ווייסן שאַליק, אָבער עס איז אים אַלץ געווען
קאַלט. די פרוי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און עמיל
און קאַרל האָבן אויך געשוויגן.

זייט נעכטן איז אַלץ געלאָפן אַזוי שנעל. עמיל האָט אומ־
זיסט געזוכט צוזאַמענצופּעדעמען אַלע געשעענישן. ער האָט
בשום אופן נישט געדענקט, ווען ער איז אַנשלאָפן געוואָרן,
אפילו נישט ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן. ער האָט זיך אויך
נישט געקאָנט דערמאָנען ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אים
האָט זיך געדוכט, אַז ער חלומ'ט נאָך איצט און בלויז דער
טראָפּן רעגן האָט אים פון צייט צו צייט אויפגעוועקט.

ער האָט שטיל געפרעגט ביי קאַרלען, אויב ער געדענקט,
ווען מאַטילדע איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער קאַרל האָט זיך בלויז
געקאָנט דערמאָנען, אַז ער האָט זי געהערט רעדן ביינאַכט מיט
דער פרוי, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט. ער האָט געהערט
ווי זי האָט דערציילט וועגן האַנסעס אַרעסט. ער האָט אפילו
געהערט ווי מאַטילדעס שוועגערן האָט געזאָגט, אַז מען וועט
אים זיכער קעפּן. ווייטער געדענקט ער גאָרנישט, ווייל ער
איז געווען אַזוי מיד, אַז ווען די פרוי האָט אים אויפגעוועקט,

האָט ער געמיינט, אַז ער איז געשלאָפֿן נישט מער ווי אַ מינוט.

מאַטילדעס שוועגערן האָט זיך אָנגעבויגן מיט דעם רעגנ־שירם און שטיל געוואָרנט, אַז עס איז גלייכער זיי זאָלן גאָר נישט רעדן, כדי מען זאָל נישט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט.

עמיל און קאַרל זענען געגאַנגען דורך אומבאַקאַנטע גאַסן. די הייזער האָבן זיך געוויקט אין רעגן, די פֿערד זענען געווען פֿאַררעגנט און די מענטשן האָבן אויסגעקוקט בייז און אויפ־גערעגט.

אויטאָמאָבילן זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן און צעשפּריצט די טייכלעך וואַסער. פּאָליציאַנטן מיט רעגנמאַנטלען, פֿון וועלכע עס האָט גערונען וואַסער ווי פֿון פֿערדישע פֿעלן, זענען גע־שטאַנען און אומגעדולדיק געפֿירט דעם גאַסן־פֿאַרקער. וואָר־נישט־וואו זענען פֿאַרשפּעטיקטע קינדער געלאָפֿן אין שול אַריין.

ווען עמיל האָט געזען די קינדער האָט ער אַזוי טיף אָפּגע־זיפֿצט, אַז קאַרל האָט אים גלייך פֿאַרשטאַנען. די קינדער זענען געווען פֿריילעכע און זיי האָבן געפּאַטשט מיט די קאַלאָשן אין די בלאָטיקע וואַסערלעך.

מאַטילדעס שוועגערין האָט זיך פֿאַרקירעוועט אין אַ שמאָל געסל. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס געסל האָט גאָרנישט קיין מיטנוועג. ביידע אַנטקעגנאיבערדיקע מויערן האָבן זיך כמעט אָנגערירט מיט די נאַסע ציגל. די פֿרוי האָט זיי אַרויפֿגעפֿירט אויף עטלעכע אייזערנע טרעפּ. ווען זי האָט געעפֿנט די טיר זענען עמיל און קאַרל געבליבן שטיין איבערראַשט.

אין אַ גרויסן טונקעלען זאַל זיינען געזעסן אַזוי פֿיל קינדער, אַז עס איז זיי שווער געווען איבערצוציילען. זיי זענען געזעסן אויף לאַנגע בענק, געהאַלטן אויפֿן שוים קליינע טעלערלעך און געגעסן שווייגנדיק. יינגלעך זענען געזעסן באַזונדער און מייד־לעך באַזונדער.

מאַטילדעס שוועגערין האָט גלייך איבערגעגעבן עמיל מיט קאַרלען צו איינער פֿון די פֿיר פֿרויען, וואָס האָבן שווייגנדיק

אויפגעפּאַסט אויף די קינדער. זי האָט זיי בײדן אַרײנגע־קוועטשט אויף אַן ענגער באַנק און זיי געגעבן צו שטיקלעך ברויט און הייסע זופּ.

— מילך האָבן מיר היינט? — האָט מאַטילדעס שוועגערן געפרעגט טרוקן.

— אפשר וועלן מיר עס נאָך קריגן — האָט אַן אויפּפּאַ־סערין איר געענטפערט, — דערווייל האָבן מיר נאָך נישט.

זי האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל, אָנגעטאָן ברילן און זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טישל.

די פענצטער זענען געווען פאַרהאַנגען מיט שמאַטעס און אַלטע קאָלדרעס. בלויז עטלעכע לעמפּלעך האָבן באַלויכטן דעם לאַנגען זאַל מיט אַן אומהיימלעך ליכט, וואָס האָט אַלעמען דורכ־גענומען מיט אַ ציטער, ווי דער דרויסנדיקער רעגן.

דאָס שווייגנדיקע עסן איז עטלעכע מאָל איבערגעריסן גע־וואָרן פון געוויינען. קלענערע קינדער האָבן געוויינט אויפן קול, און די פרויען, וואָס האָבן געטיילט די טעלערלעך זופּ, האָבן זיי קוים איינגענומען.

אַ פיר־פינף פרויען האָבן שטיל געעפנט די טיר, אָבער מאַ־טילדעס שוועגערין איז גלייך אויפגעשפּרונגען און זיי באַגעגנט ביי דער טיר.

— ליבע פרויען, איר וועט מוזן אַרויסגיין, מיר קאָנען נישט מאַכן קיין אויסנאַמען. איר ווייסט אַליין אונדזער לאַגע.

די פרויען האָבן זיך געבעטן, אַז זיי ווילן כאָטש כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף זייערע קינדער.

— מיר קאָנען נישט, מיר טאָרן עס נישט טאָן, מיר טאָרן דאָ נישט האָבן קיין סצענעס. איר וועט קאָנען זען די קינדער פונקט 12:30, ביים צוג.

און זי האָט זיי מיט געוואַלט אַרויסגעשטופּט פון צימער.

— איך האָב אייך שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אַז מען זאָל

קיין מאַמעס נישט אַריינלאָזן — האָט זי שטרענג געזאָגט צו די עטלעכע אויפפּאַסערינס. — מען וועט אונדז נאָך די גאַנצע ביורא שליסן. איר ווייסט גאַנץ גוט די באַדינגונגען, פּונקט ווי איך.

ווען די קינדער האָבן אָפּגעגעגעסן האָט מאַטילדעס שוועגערין געהייסן אַלעמען בלייבן זיצן אויף די ערטער, זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער און דערציילט די קינדער, אַז אין עטלעכע שעה אַרום וועלן זיי פאַרלאָזן ווין אויף אייביק.

זי האָט טרוקן דערקלערט, אַז איידער דער צוג וועט אָפּגיין, וועלן די קינדער, וואָס האָבן טאַטע־מאַמע, מסתמה קאָנען זען זייערע עלטערן ביי דער באַן־סטאַנציע. די קינדער וואָס פאַרן איצט אָפּ ווערן אַוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד.

עמיל האָט דערפילט קאַלט און וואַרים פון דעם געדאַנק, אַז ער פאָרט אַוועק פון ווין. ער האָט זיך שוין געוואָלט זען אויף דעם צוג. ער האָט געטראַכט, אַז אפשר וועט פאָרט זיין מאַמע קומען מיט אים זיך געזעגענען ביים צוג.

קאַרל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט באַמערקט אויף זיך די באַברילטע אויגן פון מאַטילדעס שוועגערין.

— מיר טאָרן נישט וויינען. אויב אימיצער וועט וויינען אויפן קול, קאָן ער נאָך בלייבן. אין אַ שעה אַרום וועלן עטלעכע אויטאָבוסן אייך אַלעמען פירן צו דער באַן־סטאַנציע. אויב עס זיינען צווישן אייך פאַראַן פריינט, וואָלט איך אייך גע׳עצה׳ט צו שרייבן קליינע בריוועלעך איינער צום אַנדערן. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז גוטע פריינט ווערן געשיקט אין פאַרשידענע לענדער, אָדער פאַרשידענע שטעט. דערפאַר קאָן נישט שאַטן, אַז איר זאָלט זיך איצט שרייבן עטלעכע ווערטער.

ווידער האָט זיך קאַרלען געדוכט, אַז די פרוי קוקט אויף אים און אויף עמילן. אויפפּאַסערינס האָבן אויסגעטיילט בלייפעדערס און שטיקלעך פּאַפּיר און אַ סך קינדער האָבן זיך גענומען צו שרייבן בריוועלעך.

— אבער דאס איז דאך אוממעגלעך, אז מען מען זאל אונדז צעשיידן — האט עמיל געזאגט.

— גאנץ אוממעגלעך — האט קארל געענטפערט פעסט. — איך וועל דיך האלטן ביים ארבל און נישט אפלאזן. מיר וועלן גיין ווי איינער.

— שרייבן מיר זיך בריוועלעך?

— דאס קאן נישט שאטן — האט קארל געזאגט און ער האט זיך גענומען צו דער בלייפעדער.

קארל האט שוין לאנג קיין בלייפעדער נישט געהאלטן אין דער האנט. ער האט זיך אזוי ארומגעכאפט מיט דער בלייפעדער, אז ער האט מיט פרייד גענומען שרייבן:

„ליבער, ליבער עמיל. מיר וועלן זיך קיינמאל נישט לאזן צעשיידן. מיר זענען אייביקע חברים. דיין ליבער פריינט קארל."

ער האט דאס בריוול געהאלטן א ווײלע און עס געוואלט איבערגעבן עמילן. אבער עמיל איז נאך אלץ געזעסן איבער זיין פאפירל. טרערן זענען אים געלאפן פון די אויגן, אזעלכע גרויסע טרערן, אז דאס שטיקל טרוקענע פאפיר איז געווארן פארפלעקט מיט געלע טראפנס.

— איך קאן מער נישט שרייבן, איך קאן נישט מער! — האט ער געזאגט קארלען און אים איבערגעגעבן דאס בריוול, וואס האט בלויז געהאט די ערשטע עטלעכע ווערטער:

„ליבער, איינציקער פריינט, קארל. איך — "

אבער די ווערטער זענען געווען דורכגעפלעקט מיט טרערן, און נאך דעם ווארט „איך" זענען געווען א סך געלע פלעקן, וואס דאס בריוול האט איינגעזאפט, ווי קלעק־פאפיר.

קארל האט נאך אזוי גיך נישט אפגעגעבן זיין בריוול. אים האט זיך אזוי געוואלט אונטערשרייבן זיין בריוול מיט עטלעכע טרערן, אבער די אויגן זיינע זענען געווען פארהאר־טעוועט און טרוקן.

מאטילדעס שוועגערין האט אויפגעהויבן אן אלטע קאלדרע,

וואָס איז געהאַנגען אויפן פענצטער, און זי האָט אויסגערופן:
— מיר פאָרן!

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

עמיל און קארל זענען אויפגעשפרונגען פון די ערטער. זיי האָבן זיך גלייך אָנגעכאַפּט ביי די הענט, ווי מען וואָלט זיי שוין געוואָלט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן.

פינף אויטאָבוסן האָבן געוואַרט ביים הויז. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער די לופט איז געווען שוואַרץ-גרוי, ווי עס וואָלט זיך געקליבן ווייטער צו גיסן.

אויף ביידע זייטן אויטאָבוסן זענען געשטאַנען עטלעכע צענדליק מענער, פרויען, יונגע לייט און יונגע מיידלעך, וואָס האָבן געשריגן אין איין קול.

— יידעלעך קיין פּאַלעסטינע! שמוציקע יידעלעך, קיין פּאַלעסטינע!

עטלעכע יונגעלייט האָבן גענומען האָגלען מיט שטיינער אויף די אויטאָבוסן. די קלענערע קינדער האָבן אָנגעהויבן וויי־נען, אָבער די פרויען האָבן זיי שווייגנדיק אַריינגעפירט אין די אויטאָבוסן.

אַ קליין שטיינדל האָט געטראָפן מאַטילדעס שוועגערין אין קאָפּ אַריין. זי האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר זי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט און ווייטער געטאָן איר אַרבעט.

— יידעלעך, קיין פּאַלעסטינע! — האָט מען געשריגן אפילו פון די דעכער, וואו עס זענען איצט געשטאַנען צענדליקער יונגען און מיידן. די קינדער האָבן נייגעריק געריסן די קעפּ אַרויף. פון די דעכער זענען געפאַלן פּאַפּירענע ביימלען מיט וואַסער, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ קראַך און געפּלאַצט אויף עטלעכע קעפּ.

אימיצער צווישן עולם האָט געהאַלטן אַ גומענע וואַסער־קישקע, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט אויף די קינדער און אויף די שאָפערן.

דער עולם האָט געהירזשעט און איז געוואָרן ווילד. אַנדערע זענען געוואָרן אַזוי ווילד, אַז זיי זענען צוגעקומען גאָר נאָענט און געריסן די קינדער ביי די האָר, געבריקעט און זיי דערלאַנגט טרוקענע קלעפּ.

קאַרל האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ זעץ. אַ פרוי, וואָס האָט זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור'ע, איז געשטאַנען לעבן אים. אין דעם טומל האָט זי אים עפּעס אַריינגערוקט אין האַנט.

ער האָט זיך גוט איינגעקוקט און ער האָט אויסגעשריגן:

— מאַט...

אָבער ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט. ער האָט געזען ווי זי לייגט אַרויף די האַנט אויפן מויל און קוקט אויף אים מיט אַ שמייכל דורך פאַרטרערטע אויגן.

ער האָט געגעבן אַ ריס עמילן. עמיל האָט זיך אויך אומגעקוקט.

— קאַרל, מיר דוכט זיך —

— יאָ — האָט קאַרל אים איבערגעשלאָגן, ווי ער וואָלט געווען אַן עלטערער ברודער.

עמיל האָט נאָך אויך באַוויזן צו כאַפּן איר שמייכל, אָבער אין אַ רגע האָט ער געזען ווי זי האָט זיך ווידער אויסגעקרומט ווי אַ שיכור'ע און געשריגן:

— יידעלעך, קיין פּאַלעסטינע!

ווען די געפּאַקטע אויטאָבוסן זענען שוין געפאָרן, האָט עמיל שטיל געזאָגט צו קאַרלען:

— זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן און געקומען.

— יאָ, זי איז דאָך אַזאַ מוטיקע! זי האָט מיר עפּעס געגעבן אַ פּאַפּירל. איך האָב עס אין דער האַנט.

קאַרל האָט געעפנט די האַנט.

— צוויי פּאַפּירלעך! — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

— אויף איין צוזאַמענגעלייגט פּאַפּירל איז געווען אָנגע־שריבן „עמיל" און אויף דעם צווייטן „קארל".

קאַרל האָט געגעבן עמילן אַ צוזאַמענגעוויקלט פּאַפּירל. ער האָט שנעל געעפנט זיינס.

„איך שטאַרב כדי עמיל און קאַרל זאָלן קאָנען לעבן צו־זאַמען — האַנס."

עס איז אים קאַלט געוואָרן.

— און וואָס שטייט אין דיין בריוול, עמיל? — האָט קאַרל געפרעגט אומגעדולדיק.

עמיל האָט שנעל געעפנט זיין פּאַפּירל מיט ציטערדיקע הענט.

„איך שטאַרב כדי עמיל און קאַרל זאָלן קאָנען לעבן צו־זאַמען — האַנס."

עמיל און קאַרל האָבן זיך שטום אָנגעקוקט און שווייגנדיק באַגראָבן די פּאַפּירלעך אין זייערע קעשענעס.

קאַרל האָט געטראַכט. ער האָט געוואָלט דערגיין, ווי אַזוי האַנס האָט אַרויסגעשיקט די בריוועלעך צו זיי, און ווי די ברי־וועלעך זיינען אָנגעקומען פּונקט אין דער מינוט, ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אָפּפאָרן.

אָבער וויינט אויס, אַז עמיל האָט אויך געטראַכט דאָס זעלבע, ווייל ער האָט שטיל געענטפערט קאַרלען:

— מאַטילדע איז אַזאַ מוטיקע.

— אַך — האָט קאַרל געזאָגט מיט אַ פּלוצימדיקער פרייד, — זי איז שוין איינמאָל מוטיק. זי האָט ריזיקירט מיט איר לעבן און זי איז זיך געקומען מיט אונדז געזעגענען.

די אויטאָבוסן האָבן זיך שנעל געהעצקעט איבער דעם ברוק, ווי זיי וואָלטן נאָך איצט באַהאָגלט געוואָרן מיט שטיינער און ווי זיי וואָלטן וואָס שנעלער געוואָלט אַנטלויפן פון שטאָט.

קארלען האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט ווי דער אויטאָבוס קלאַפּט אוים אויף די שטיינער:

ווין! ווין! ווין!

ער האָט געטראַכט פון זיין מאַמען.

זי מוז שוין זיין טויט. אויך זי איז געשטאָרבן, כדי עמיל און קארל זאָלן לעבן צוזאַמען.

מאַמע!

אַזוי האָט זיך אים געדוכט האָט זי זיכער אונטערגעשריבן אַ בריוול צו אים און צו עמילן, פאַרן טויט.

ער האָט געטראַכט פון זיין פאָטערס בילד, וואָס איז געהאַנגען אין צימער. ווער ווייסט וואו דאָס בילד איז איצט?

ווין! ווין! האָט נאָך אַלט געקלאַפּט דער אויטאָבוס. זיין מאַמע האָט געוואוינט אין ווין, זיין טאַטע האָט געוואוינט אין ווין, אָבער ער וועט שוין אין ווין נישט וואוינען. ער מוז אַנטלופן פון דאַנען.

אויף דער באַן-סטאַנציע איז געווען אַזאַ טומל, אַז עמיל האָט אויפגעציטערט. עס האָט אים דערמאָנט אין דעם שרעק-לעכן געפילדער בעת ער און קארל האָבן גערייניקט די גאַסן.

שטורם-אַרמייער און פּאָליציאַנטן האָבן גראָב געשטויסן יעדן איינעם אין וואַרט-זאַל. פרויען און מענער זיינען געפאַלן קינדער אויף די העלדזער און געוויינט. עטלעכע פרויען האָבן גע'חלש'ט און זענען געבליבן ליגן אין טומל. שטורם-אַרמייער האָבן געהאַלטן אין איין שטויסן די קינדער צו אַן אָפענער טיר, דורך וועלכער מען האָט געזען, אַז עס וואַרט שוין אַ צוג מיט אַ סך וואַגאָנען.

קארל האָט אַלץ געהאַלטן עמילן און אים נישט אָפּגעלאָזט. די שטורם-אַרמייער האָבן איצט אַרויסגעלאָזט די דערוואַקסענע, וואָס האָבן געוויזן פּאַפּירן. די אַרמייער האָבן גוט דורכגעקוקט די פּאַפּירן, געקוקט אויף די וואַליזעס, דערלאַנגט אַ בריק אָדער אַ קלאַפּ און אַרויסגעלאָזט צום צוג.

עמיל און קאַרל זענען שוין געווען נאָענט צו דער טיר. פּלוצים האָט עמיל געגעבן אַ ריס קאַרלען. קאַרל האָט זיך אומ־געקוקט און געזען, אַז דער לעצטער פּאַסאַזשיר פון די דער־וואַקסענע איז דער אַלטער, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים גע־וואַשן די טראָטואַרן, מיט דעם ברענענדיקן וואַסער. דער ניגון וואָס דער אַלטער האָט דאַמאָלס געזונגען, האָט גלייך אָנגעהויבן אויפצוזינגען אין אים.

— אוי, יאַ־טע־טי־די־דיי, דיילאַם, דיילאָם.

ער האָט דעם ניגון געדענקט פון אָנהויב ביזן סוף.

— דו זעסט? זיידע פאַרט אויך אַוועק!

קאַרל האָט גענומען ברומען דעם ניגון, ווי ער וואָלט דווקא געוואָלט אַז דער אַלטער זאָל אים דערהערן.

— זיי שטיל — האָט זיך עמיל געבעטן, — מיר וועלן דעם ניגון שפּעטער זינגען אויף דער באַן.

עמיל און קאַרל האָבן גוט געהערט, ווי דער אַלטער ענט־פערט דעם אַרמייער, אַז זיין אייניקל נעמט אים אַריבער קיין אַמעריקע.

— אַ, צום יידישן פּרעזידענט ראָזענפעלד!

— האַ? — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט און גע־פינטלט מיט די אויגן.

— האַ? — איז דער שטורם־אַרמייער געוואָרן מלא רציחה און ער האָט אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ, אַז דער אַלטער איז אומגעפאַלן אויף דער ערד.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט און גענומען לויפן צום צוג, נאָר ער האָט זיך באַטראַכט און איז צוריק־געגאַנגען.

— גיב מיר נאָך אַזאַ זעץ! — האָט ער זיך געבעטן ביים שטורם־אַרמייער.

— נאָך אַ זעץ! פאַרוואָס? — האָט דער אַרמייער גע־פרעגט און איז רויט געוואָרן.

— אַט איך וויל עס גוט געדענקען. האָסט מיר דעם זעץ געגעבן צו שנעל. גיט מיר נאָך איינעם. אַזאַ מתנה איז כדאי צו געדענקען.

דער אַרמייער האָט אויפגעהויבן דעם פוס, אָבער ער האָט אים נישט אַ בריק געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען מיט ווילדע קולות!

— לויף שוין אַריין אין וואַגאָן, ווייל איך וועל דיך דער־שיסן, ווי אַ הונט.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן זיין רענצל און איז געגאַנגען צום צוג.

מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער געלאָף און געשפּרונג. די אַרמייער האָבן ברייט געעפנט די טיר און אַרויס־געלאָזט די קינדער. מאַמעס און טאַטעס האָבן זיך געריסן צו דער אָפענער טיר מיט געוויינען. די אַרמייער זענען איצט גע־וואָרן ווילד; זיי האָבן געבריקעט און געשטויסן די קינדער, וואָס האָבן זיך מיט שרעק געראַטעוועט אין צוג אַריין.

מיטאַמאָל האָבן די קאָנדוקטאָרן פאַרמאַכט די טירן פון די וואַגאָנען און אַרונטערגעשריגן צו די אַרמייער:

— מען קאָן שוין אויבן נישט אָטעמען!

— שטופּ זיי נאָך אַריין, זאָלן זיי דערדישעט ווערן.

— אוממעגלעך! — האָבן די קאָנדוקטאָרן געמאַכט מיט די הענט.

די אַרמייער האָבן אויפגעהויבן די רעכטע הענט און סאַ־לוטירט:

— אָפּפאָרן!

קאַרל האָט זיך געריסן פון אָרט. ער האָט דערפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז אָנגעשוואָלן מיט שרעק און אומגע־דולד, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געהאַלטן ביים פּלאַצן.

ער האָט געשריגן אויף די העכסטע קולות, אָבער קיינער

האָט אים אין דעם טומל נישט געהערט. ער האָט געוואָלט אריבערשרייען אַלעמען:

עמיל! עמיל!

עמיל איז שוין לעבן אים נישט געווען. מען האָט עמילן אָפּגעריסן און אים אַריינגעשטויסן אין אַ וואַגאָן.

דער צוג האָט אָנגעהויבן צו אָטעמען, ווי אַ שווערער הונט. סאָפּ-סאָפּ-סאָפּ. ער האָט געזוכט מיט די אויגן, אפשר וועט ער כאָטש צום לעצטן מאָל דערזען עמילן.

די וואַגאָנען זיינען פאַרבייגעפאָרן פינצטערע. ער האָט קיינעם נישט געזען. עס האָט זיך געדוכט, אַז די וואַגאָנען האָבן אויפגעפרעסן אַלעמען און איצט פאָרן זיי ליידיקע.

אַ פערציק קינדער און אַ צענדליק דערוואַקסענע זענען געבליבן שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. זיי האָבן געוואָלט צוריק אַריינגיין אין וואַרט-צימער, אָבער די שטורם-אַרמייער האָבן פאַרמאַכט די טירן.

— אין דריי שעה אַרום קומט אָן נאָך אַ צוג.

קאַרל האָט דערפילט אַ שאַרפן הונגער. ער האָט אַזש פאַרביסן די ציין.

עס האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעגענען. די דערוואַקסענע האָבן געשטעלט די קינדער אונטער דעם שמאָלן דעכל אויף דער פּלאַטפאָרמע. קאַרל האָט אַזש אונטערגעטאַנצט. ער האָט נישט געקאָנט שטיין אויף אָן אָרט. אימיצער אין אים האָט נאָך אַלץ געשריגן: עמיל! עמיל!

נאָך דריי שעה אין ווין!

אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן, מיט שטרוי-בלאָנדע האָר, אַ פאַרריסן נעזל און ליכטיקע, בלויע אויגן, האָט געגעסן אַן עפּל. זי האָט אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּירענעם בייטל נאָך אַן עפּל און דערלאַנגט קאַרלען.

ער האָט אים איינגעביסן.

— מיר וועלן זיכער ארויף אויפן צווייטן צוג — האט זי געזאגט מיט א מינע פון א דערוואקסענער.

— מיין חבר איז אפגעפארן מיט דעם ערשטן — האט ער געזאגט און שנעל געגעסן דעם עפל, ווייל ער האט מורא געהאט, אז ער וועט זיך צעוויינען.

ער האט זיך א טאפ געטאן אין דער קעשענע און דערפילט, אז ער האט דארט ביידע בריוועלעך, עמילס און האנסעס. דאס האט אים אביסל אויפגעמונטערט. עס האט זיך אים געדוכט, אז ער איז נישט אזוי איינזאם, ווייל ער האט צוויי פריינט אין דער קעשענע.

ער האט געטראכט וועגן עמילס פאפירל מיט די געלע טרערן־פלעקן.

א שאד, איצט וואלט אים גראד אויך זייער לייכט געווען אונטערצושרייבן דעם בריוול צו עמילן מיט טרערן. ער פילט ווי די טרערן ווערגן אים, שטיקן אים אין האלדז.

— מיר האבן נאך צוויי שעה צום צוג — האט דאס מיידל מיט די ליכטיקע אויגן צו אים געזאגט.

— נאך צוויי שעה אין ווין! — האט קארל געטראכט.

— אים האט זיך געדוכט, אז זיין טאטנס בילד איז איצט פלוצים ארונטערגעפאלן פון וואנט. די ווענט זענען איינגעפאלן, דאס גאנצע הויז האט צוזאמענגעבראכן, עמילס הויז איז איינגעפאלן, אלע הייזער אין ווין זיינען איינגעפאלן. אלע מענטשן זיינען באגראבן געווארן אונטער די שטיינער, וואס זענען געפאלן פון אומעטום, פון אלע זייטן און אפילו פון די דעכער. געראטעוועט האבן זיך בלויז די עטלעכע צענדליק קינדער און די דערוואקסענע, וואס וואַרטן אויפן צוג.

— דעם צווייטן צוג וועלן מיר זיכער כאפן? — האט ער געפרעגט ביים מיידל, וואס האט אים געגעבן דעם עפל.

— קאנסט זיין גאנץ זיכער — האט זי געענטפערט. —

נישט אמת? — האָט זי געפרעגט ביי אַן אלטער פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר.

די פרוי האָט עטלעכע מאָל טרויעריק געשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

ביז איצט דערשינען פון זעלבן אויטאָר:

יעקב גלאַטשטיין

פאַרלאַג „קולטור", ניו־יאָרק, 1921.

פרייע פערזן

פאַרלאַג „גראָהאַר סטאָדאָלסקי", ניו־יאָרק, 1926.

קרעדאָס

פאַרלאַג „אידיש לעבן", ניו־יאָרק, 1929.

יידישטייטשן

פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע, 1937.

ווען יאַש איז געפאָרן

פאַרלאַג „אינזיך", ניו־יאָרק, 1938.

גרייט צום דרוק —

ווען יאַש איז געקומען